STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04520

DI YESOYDES FUN DER POLITISHER EKONOMYE

Julian Borchardt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוליאן בארכארדט.

די יסודות פון דער פאליטישער עקאנאמיע

(לויט'ן „קאַפּיטאַל“ פון קאַרל מאַרקס).

פארלאג „די וועלט“ווארשע

3-טע אויפלאגע

1925

MADE IN POLAND

I. BORCHARDT o o o o
o ZASADY EKONOMJI o
o o o o o POLITYCZNEJ

Wyd.: „Di WELT", Warszawa.

DRUKARNIA o o o o o
o o o o o „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

1.

פאַרוואָס פערנעהמען מיר זיך מיט פאָלקס-ווירטשאַפטליכע פאָרשונגען?

די נויטיגקייט פון דער טעאָריע פאַר דער פראַקטיק.

מיר לעבען אין אַ צייט פון אַן'אויסערגעוועהנליכער פאָליטישע אויפרודערונג. נאָך איידער די געוואַלדיגע וועלט-מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָט זיך אָנגעהויבען די דייטשע רעוואָלוציע. און די רעוואָלוציע גופא איז נאָך אויך נישט דערגאַנגען צום סוף, מיר האַלטען ערשט אין רעכטען מיטען. געוואַלדיגע זאַכען האָבען מיר שוין דורכגעמאַכט און נישט ווייניגער שווערע איבעררייסלונגען שטעהען אונז נאָך פאָר. יעדען טאָג קען דער וואולקאַן פון דאָס ניי אויפרייסען, און ס'וועט מסתמא אַריבערגעהן אַ לענגערע צייט, ביז וואַנען ס'וועט קומען צו אַ צושטאַנד פון וועלכען נישט איז גלייכגעוויכט.

איז דען איצט אַ צייט ברייט אַוועקצוזעצען זיך אויפ'ן פאָטעל און געלאַסען, בעטראַכטענדיג מיט אַ טעאָרעטישער רוהיגקייט, פערנעמען זיך מיט עקאָנאָמישע פאָרשונגען? צי קען מען, צי דאַרף מען גאָר אַפילו ערוואַרטען אַ אינטערעס צו אַזאַ בוך ווי דאָס דאָזיגע, — איצט, ווען יעדער נערוו מוז אָנגעשפּאַנט ווערען, כדי צו ערפילען נעהענטערע, אונמיטעלבאַרע אויפגאַבען? ווען יעדער מאַן און יעדע פרוי דאַרף אָנשטרענגען די גאַנצע קראַפט אויף צו לעזען די גרויסע פאָליטישע פראַגען, וועלכע יעדער טאָג שטעלט פאַר אונז אַוועק פון דאָס ניי.

נישט נור מען קאָן און מען דאַרף עס, מען מוז דאָס טהון. ס'דוכט זיך נור אַזוי, אַז די ענינים, וועלכע מיר ווילען דאָ בע-

טראַכטען, זענען גאָר ווייט פון אונזערע טאָג-אינטערעסען און לי-
גען אינגאַנצען אין אַ זייט פון יעדער טאָג-פּאָליטיק; אין עצם זי-
נען זיי ענג פערבונדען מיט די היאָזיגע זאַכען. מעהר נאָך: די טאָג-
פראַגען קאָנען פּשוט נישט געלעזט ווערען אָהן אַ געניגענדער קענ-
טעניש פון די טיפער ליגענדע ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען. מען
קאָן דרייסט זאָגען: אויב די טאָג-פראַגען זענען ביז אַהער שלעכט
געלעזט געוואָרען. אויב די אויפגאַבען פון דער דייטשער רעוואָ-
לוציע זענען אַלץ נאָך אַזוי ווייט פון ערפילט צו ווערען, איז אין
דעם אין אַ גרויסער מאָס שולדיג דוקא דאָס, וואָס נישט נור ביים
ברייטען עולם, נאָר אַפילו ביי די פּאָליטישע פיהרער פון אַלע פּאַר-
טייען געפינען מיר אָפט גאַנץ מאָגערע קלאָגעדיגע ידיעות וועגען די
ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען.

ווי ווייט ענג די טעגליכע פראַקטיק איז פערבונדען מיט דער טע-
אָריע, מיט וועלכער מיר וועלען זיך דאָ פערנעמען, קאָן לייכט בעווי-
זען ווערען ביי דער פראַגע, וועלכע רופט-אַרויס אַן אַלגעמיינעם אינ-
טערעס: די פראַגע וועגען פּרייז. מען וויס, אַז די דייטשע רע-
גירונגען האָבען שוין בעת דער מלחמה געפּרובט אָבשטעלען דאָס
שטייגען פון די פּרייזען. שוין פון די ערשטע מלחמה-טעג אָן, דעם
4 אויגוסט 1914, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס ערשטע געזעץ
וועגען מאַקסימאַלע פּרייזען. דאָס דאָזיגע געזעץ האָט דער
מאַכט געגעבען די פולמאַכט צו בעשטימען אַמטליכע מאַקסימאַל-
פּרייזען אויף אַרטיקלען פון טעגליכען געברויך. ס'איז קיין ספק
נישט, אַז לכתחילה איז די כונה פון דעם דאָזיגען געזעץ געווען
צו מאַכען אונמעגליך וועלכע נישט איז פערטייערונג פון
סחורות אין דער צייט פון דער מלחמה. וואָרום איז דעם יקרות
האָט מען געזעהן נור אַ נישט דערלאָזבאַרען און אויפ'ן העכסטען
אופן אונמאָראַלישען פרוב מצד דעם פערקויפער צו בערייכערען
זיך, אויסנוצענדיג די אַלגעמיינע נויט פון פאָטערלאַנד.

ווען די מאַכט איז אבער צוגעטראָטען צו פערוואַנדלען די דאָ-
זיגע כונה אין מעשים, האָט זי זיך גלייך אָנגעשטויסען אויף אַלער-
ליי מניעות. דער פּובליקום האָבען, פערשטעהט זיך, נור אינטע-
רעסירט די פּרייזען אין קליינהאַנדעל; ס'האָבען געזאָלט אָנ-

גענומען ווערען מיטלען, אַז יעדערער זאָל דאָס, וואָס ער ברויכט בעקומען אין קראָם, צו די אַלטע פּרייזען. מיט דעם וואָלטען זיך די קאָנסומענטען בעפרידיגט.

אָבער פאַר דער מאַכט איז, פערשטעהט זיך, געווען קלאָר, אַז איינזייטיג פערבאָטען נור די קליינהענדלער צו הויבען די פּרייזען קאָן מען נישט. ס'וואָלט לייכט געקאָנט דערגעהן דערצו, אַז די קליינהענדלער זאָלען ביים פערקויף נישט אָבנעמען אַפילו אַזוי פיל, וויפיל זיי האָבען בעצאָהלט ביים איינקויפען, און אַז דער גאַנצער קליינהאַנדעל וואָלט געמוזט אָבשטאַרבען. וויל מען אָבער פערשפּרייטען דעם פערבאָט צו הויבען די פּרייזען אויך אויף דעם גרויסען האַנדעל און די פאַבריקאַציע, פרעגט זיך, ווער זאָל דאַמאָלט איבערנעמען דעם קאָנטראָל, ווער זאָל האָבען די אויפזיכט איבער די מיליאָנען פּרייזען! אגב האָבען זיך דאָך די פּרייזען פאַר דער מלחמה אויך געענדערט. מען האָט היינט שוין כמעט פערגעסען, אַז מיר האָבען זיך נאָך דאַמאָלט, אין די יאָהרען 1912 און 1913, בעקלאָגט אויף אַ שרעקליכען יקרות. אין אַ משך פון 18 יאָהר פאַר'ן קריג, פון 1896 ביז 1914, האָבען זיך די פּרייזען אויף אַלע סחורות כסדר געהויבען. דאָס איז דאַמאָלט ביי אַלעמען נאָך געווען פריש אין זכרון. מען האָט געוואוסט, אַז ס'קאָן געבען אַ שטייגען פון פּרייזען, וועלכעס איז נישט אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ מלחמה, און אָבגעשטעלט האָט דאָך געזאָלט ווערען נור אַזאַ מין שטייגען פון די פּרייזען.

פּראַקטיש האָט זיך דעריבער די אויפגאַבע אַוועקגעשטעלט פאַר דער מאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז נישט נור סתם יעדעס שטייגען פון די פּרייזען האָט געזאָלט ווערען פערבאָטען, נאָר דאָס „איבערמאָסיגע", (וואָס געהט אַריבער די נאַטירליכע מאָס) שטייגען. מ'האָט געמוזט די העכסטע גרענעץ אַזוי בערעכענען, אַז פאַר'ן קליינהאַנדעל זאָל איבערבלייבען אַ „פאַסיגער רווח", כדי ס'זאָל נישט אונטערגעבראָכען ווערען זיין קיום און זיין לייסטונגס-פעהיגקייט. ווער וואָלט דאָס קאָנען אָנשטאָט איהם איבערנעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו פונאַנדערטיילען די סחורות צווישען די איינצעלנע קאָנסומענטען? און די בעגרינדונג צום ערשטען געזעץ וועגען מאַק-

סימאַל-פרייזען זאָגט טאַקע, אַז אויסגעמיטען דאַרפען ווערען נישט אַלע פרייז-העכערונגען, נאָר אַזעלכע, „וואָס זענען נישט גערעכטפערטיגט דורך די פערהעלטנישען גופא".

אָבער וואָס פאַר אַ פרייז-העכערונגען זענען דאָס? דאָ האָט מען קודם כל געמוזט פעסטשטעלען, ווי די „נאַטור פון די פערהעלטנישען" ווירקט אויף די פרייזען. מיט אַנדערע ווערטער: שוין ביים ערשטען שריט אויפ'ן געביט פון דער פראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזען די נויטווענדיגקייט פון דער טעאָריע! מען האָט געמוזט האָבען טעאָרעטישע קענטענישען וועגען דעם, ווי פרייזען בילדען זיך בכלל, ווי די פערהעלטנישען ווירקען אויף זיי און ווי זיי ווירקען אויף די פערהעלטנישען. אָהן דעם האָט מען נישט געקאָנט מאַכען קיין איינציגען שריט, כדי צו פערווירקליכען פראַקטיש די מאַקסימאַל-פרייזען.

און אַזאַ טעאָריע האָט טאַקע פאַר דער מאַכט פאַקטיש געדינט אַלס יסוד פאַר איהר פראַקטישער טעטיגקייט. דאָס איז נישט געווען קיין נייע טעאָריע, וועלכע די מאַכט האָט ערשט איצט דורך וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען אַליין ענטדעקט, אָדער וועלכע זי האָט געלאָזען ענטדעקען איהרע פראָפעסאָרען; דאָס איז געווען די אַלטע, בעקאַנטע טעאָריע, וועלכע הערשט אין דער בירגערליכער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע, די טעאָריע פון „*אָנבאָט און נאָכפראַגע*". אויף דער אויבען אַוועקגעשטעלטער פראַגע, וועלכע העכערונגען פון פרייז זענען נישט „גערעכטפערטיגט דורך דער נאַטור פון די פערהעלטנישען", ענטפער די בעגרינדונג צו דעם ערשט'ן געזעץ וועגען מאַקסימאַל-פרייזען: אַזעלכע העכערונגען, וועלכע קומען פאָר, אַפילו ווען די פאָראַטען (רעזערווען, זאַפאַסען), וועלכע זענען פאַרהאַן זענען גענוג גרויס, כדי צו פערזאָרגען די בעפעלקערונג".

די מאַכט האָט זיך אַלזאָ געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז לויט דעם פערהעלטניש צווישען דעם בעדאַרף און די פאַרהאַנענע זאַפאַסען, בילדעט זיך אַ געוויסער פרייז, און אַז זייער אויפגאַבע איז נור צו זעהן, אַז דער דאָזיגער פרייז זאָל איינגעהאַלטען ווערען. „נישט בעזייטיגען די ווירטשאַפטליכע גרונד-פאַקטען, וועלכע ווירקען אויף דעם פרייז, נישט *אויסטראַכטען* אַ ווילקירליכען פרייז, נאָר

געפינען דעם ריכטיגען, געהעריגען פּרייז, וועלכער איז אַ פּועל יוצא פון די זאַפּאַסען, וועלכע מען קאָן בעקומען און דעם שטענדיגען בעדאַרף". אַזוי בעצייכענט דאָס דער פּראָפעסאָר טהיס, וועלכער האָט די דאָזיגע ענינים בעאַרבייט לויט'ן אויפטראָג פון אַמט פאַר מלחמה־ערנעהרונג *).

מיר ווייסען, אַז אַלע מיטלען, צו שאַפען מאַקסימאַל־פּרייזען, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרען בעת דעם קריג, האָבען צו קיין זאַך נישט געבראַכט. די פּרייזען זענען אָהן אַנאויפהאַלט אַלץ העכער און העכער געשטיגען, און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, איז דאָס אַזוי געגאַנגען ווייטער נאָך מיט אַ שנעלערען טעמפּ, אַזוי אַז דיווירטשאַפטליכע אויפגאַבע פון דער רעגירונג איז ווייטער געבליבען דיזעלבע. אויך אין דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע, זענען די מיניסטאָרען פאַר ערנעהרונג כסדר געשטאַנען פאַר דער גרויסער פראַגע, ווי אַזוי מען געפינט די ריכטיגע הויך פון די פּרייזען.

פון דעם בלויזען פאַקט, אַז די אַלע פּרובען האָבען זיך נישט איינגעגעבען, קאָן מען נאָך נישט מאַכען דעם אויספיהר, אַז די טעאָריע, אויף וועלכער ס'שטיצט זיך די פּאָליטיק פון מאַקסימאַל־פּרייזען, מוז זיין אַ פאַלשע. אַ פאַר זיך ריכטיגע טעאָריע קאָן אין דער פּראַקטיק ווערען פאַלש אָנגעווענדט; ס'קאָנען קומען אומשטענדען, וועלכע לאָזען די נישט ריכטיג אָנווענדען, אָדער שוואַכען־אָב איהר ווירקונג. פון אונזער בעטראַכטונג קאָנען מיר אַלזאָ נאָך נישט דרינגען, צי די פּרייז־טעאָריע, אויף וועלכער ס'האָט זיך געשטיצט די דייטשע מאַכט, איז אַ ריכטיגע אָדער אַ פאַלשע. אָבער איין זאַך דרינגט פון דער דאָזיגער בעטראַכטונג געוויס אַרויס: אָהן טעאָריע קאָן מען זיך נישט בעגעהן. ווילען מיר לעזען די אויפגאַבען פון דער פּראַקטישער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק, ווילען מיר, ס'זאָלען האָ־

---

*) דאָס בילדען זיך פון די פּרייזען בעת דער מלחמה. מאַטעריאַלען וועגען דער מלחמה־ווירטשאַפט, אַרויסגעגעבען דורך דעם אמט פאר מלחמה־ערנעהרונג. בערלין, ריימאַר־האָבינג. 1916 ז. 8 (דייטש).

בען אַ וועלכען נישט איז ערפאָלג די מיטלען, וואָס מיר נעמען-אָן, כדי צו רעגולירען אונזער ווירטשאַפטליכען און צוזאַמען דערמיט אויך אונזער פּאָליטישען לעבען, — מוזען מיר פריהער קומען צו אַ קלאָרער פאָרשטעלונג וועגען דעם, ווי די פרייזען ווערען בכלל געבילדעט, און וואָס ווענדט זיך זייער הויך.

אַזוי זעהען מיר, אַז דוקא אין דער איצטיגער ווילדער ברויזענ־דער צייט, איז אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע טעאָריע נאָך נויטיגער ווי אין צייטען פון רוהיגקייט און שלום.

2.

וועגען „ריכטיגען״ און „יושר׳דיגען״ פרייז.

וועלכער פרייז איז דער „ריכטיגער״ פרייז פאַר סחורות? ביי היינטיגען טאָג שטעהט די דאָזיגע פראַגע — און אַזוי איז אויך געווען אין דער צייט פון דער מלחמה — אין צענטער פון אַלע ווירטשאַפטליך־פּאָליטישע פעראָרדנונגען און בכן אויך אין מיטעל־פונקט פון יעדער פּאָליטיק בכלל, הגם דאָס רוב מענשען גיבען זיך קודם אָב אַ דין וחשבון וועגען דעם.

אָבער גאָר נישט בעמערקטערהייט, האָט זיך שוין אין די עט־ליכע אויספיהרונגען, וועלכע מיר האָבען ביז אַהער וועגען דעם ענין געמאַכט, אַריינגעגנב׳עט אָנשטאָט דעם „ריכטיגען״ פרייז אַן אַנדער בעגריף. ס׳האַנדעלט זיך דאָך סוף כל סוף וועגען דעם — צו געפינען נישט אַ „ריכטיגען״ פרייז, וועלכער ווערט געשאַפען דורך וועלכע נישט איז אויסערליכע אומשטענדען, ווי צ״ב, דורך דעם פערהעלטעניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע, נור וועגען אַזאַ פרייז, וואָס בעפרידיגט אַלע בערעכטיגטע פאָדערונגען; אַזאַ פרייז, ביי וועלכען אַלע טיילנעמער קאָנען עקזיסטירען: דער פ אַ ב ר י־ק אַ נ ט, אין וועמענס אונטערנעמונג די סחורה ווערט פּראָדוצירט, דער אַ ר ב ײ ט ע ר, וועלכער איז דערביי געווען בעשעפטיגט, דער צ ווי ש ע נ ה ע נ ד ל ע ר, אויף וויפיל ער איז סאָציאַל און ווירט־שאַפטליך נויטיג פאַר אָבזאַץ פון דער סחורה, און ענדליך — דער ק וי פ ע ר. ס׳גערט, אַלזאָ, נישט וועגען דעם, — צו געפינען דעם

ריכטיגען פרייז, נאָר דעם יושר׳דיגען פרייז. אָט אַזאַ פאָרם נעמט אָן די פראַגע אין דער פּראַקטישער פּאָליטיק.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס זוכען אַ יושר׳דיגען פרייז איז לחלוטין נישט קיין ערשיינונג בלויז פון אונזער צייט. שוין פון די עלטסטע צייטען, מען קאָן אַפילו זאָגען, זינט ס׳זענען בכלל דאָ סחורות און פרייזען אויף דער וועלט, האָט די דאָזיגע פראַגע בעשעפטיגט די דענקענדע מענשהייט. אָבער וועגען דעם אונטערשייד, וועלכען מיר האָבען אויבען געמאַכט, פלעגט מען זיך נישט שטענדיג אָבגעבען אַ קלאָרען חשבון. אין דער דייטשער שפּראַך איז צווישען די ביידע בעגריפען „ריכטיג" און „גערעכט" פאַראַן אַ גאַנץ דייטליכער אונטערשיד. ריכטיג איז דאָס, וואָס איז זאַכליך, אָביעקטיוו. צוזאַמען מיט די מחברים פון ערשטען געזעץ וועגען מאַקסימאַל-פרייזען, קאָן מען, צ״ב, זאָגען: ריכטיג איז דער פרייז, וועלכער איז אַ פּועל יוצא פון פערהעלטניש צווישען דעם בעדאַרף אין די פאַרהאַנענע זאַפּאַסען. דאָ דאַנדעלט זיך ווי נישט איז וועגען אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך בערעכענען. גערעכט איז אָבער עפּעס פּערזענליכעס, עפּעס סוביעקטיוועס, עפּעס אַזוינס, וואָס לעבט אין אונזער געפיהל. ס׳קאָן, למשל, פּאָרקומען, אַז דער אָביעקטיוו גאַנץ ריכטיגער פרייז, אַזוי ווי ער לאָזט זיך בערעכענען אויפ׳ן סמך פון פערהעלטניש צווישען בעדאַרף און זאַפּאַס, וועט אויסקומען אַזוי הויך, אַז דער גרעסטער טייל קויפער וועט זיי צו אָרים, כדי איהם צו בעצאָהלען. ווען עס געהט וועגען אַרטיקלען, וועלכע זענען נויטיג פאַר׳ן לעבען, מעג דער פרייז זיין ווי „ריכטיג" — וועלען מיר איהם פונדעסטוועגען נישט האַלטען פאַר „גערעכט". יאָ, מען קאָן אַפילו זאָגען, אַז אין אַ געוויסען זין נעמט זיך פון דעם דאָזיגען אונטערשייד (צווישען גערעכטען און ריכטיגען פרייז) די גאַנצע צרה פון אונזער צייט. טאַקע דערפאַר, וואָס די פרייזען, וואָס פאַר זיך זענען זיי אפשר גאַנץ ריכטיגע, ווייזען זיך אָפט אַרויס אַלס אונגערעכטע אויפ׳ן העכסטען גראַד, קומט אונז אויס צו ליידען אַזעלכע יסורים, וועלכע מיר בעקלאָגען זיך היינט.

אָבער דער דאָזיגער פיינער אונטערשייד צווישען די בעגרי-

בעז „ריכטיג“ און „גערעכט“, ווערט אין די ראָמאַנישע שפּראַכען נישט געמאַכט. אין לאַטיין — דער שפּראַך פון געבילדעטען מיטעלאַלטער און פון זיין וויסענשאַפט — ווי אויך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך — האָט מען פאַר ביידע בעגריפען נור איין אויסדרוק. (לאַטייניש justum pretium פראַנצויזיש juste prix בעדייט סיי אַ ריכטיגען, סיי אַ גערעכטען פּרייז).

דעריבער קאָן מען זיך נישט וואונדערן, אַז שוין די פאָרשער פון יונגען מיטעלאַלטער, ווען זיי האָבען — אויפ'ן סמך פון זייערע צייט־פערהעלטנישען, פונקט אַזוי ווי מיר, אויפ'ן סמך פון אונזערע איצטיגע פערהעלטנישען — געזוכט דעם justum pretium (גערעכטען פּרייז), האָבען זיי דערביי צונויפגעמישט ביידע בעגריפען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען נאָך אַ מניעה, וועלכער מען האָט נאָך עד־היום אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט נישט איינגאַנצען בייגעקומען. בעסער ווי אַלץ וועלען מיר דאָס קאָנען קלאָר מאַכען דורך אַ ביישפּיל פון דער נאַטור־וויסענשאַפט, וועלכע איז ווייט מעהר פאָרטגעשריטען.

די גאַנצע וועלט איז מסכים דערמיט, אַז אויך די נאַטור־וויסענשאַפטען — פונקט אַזוי ווי די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע און יעדע אַנדערע סאָציאַל־וויסענשאַפט — האָט דעם צוועק צו פערבעסערן און פערשענערן אונזער לעבען. מיר פערנעמען זיך מיט מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע א. אַז. וו., כדי מיט זייער הילף צו בויען מאַשינען, בריקען א. אַז. וו., קורץ, כדי קאָנען זיך בעסער איינאָרדנען אין דער אַרומיגער וועלט, פונקט ווי מיר פערנעמען זיך מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, כדי מיט דער הילף פון איהרע לעהרען צו פערפולקאָמען דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען. סיי די נאַטור־וויסענשאַפטען, סיי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע דאַרפען אונז געבען מיטלען, כדי בעסער צו מאַכען דאָס, וואָס איז ביז אַהער געמאַכט געוואָרען.

אָבער בנוגע דער נאַטור־וויסענשאַפט, זענען אַלע מסכים, אַז אויב זי זאָל ערפילען איהר צוועק, דאַרף זי נישט אויסטראַכטען פאָרשריפטען, ווי אַזוי די ערשיינונגען אין דער נאַטור דאַרפען זיין. נאָר זי מוז מיט אַ קאַלטער ניכטערער אונפּאַרטייאישקייט, אָהן

פאַרטיגע הנחות אויסבאַרשען, ווי אַזוי די דאָזיגע ערשיינונגען זענען טאַקע אין דער ווירקליכקייט. מען וואָלט אויסגעלאַכט אַ כעמיקער, וועלכער וואָלט אָנשטאָט צו בעאָבאַכטען, וואָס ס'קומט פאָר מיט די שטאָפען, וועלכע ער האָט צונויפגעמישט אין דער רעטאָרטע (פּרוב-גלאָז), געוואָלט פאַרשרייבען די שטאָפען, וואָס זיי האָבען צו טון.

דאָס האַלטען מיר היינט פאַר זעלבסטפערשטענדליכע זאַכען. און פונדעסטוועגען האָבען געמוזט דורכגעהן הונדערטער יאָרען, ביז וואַנען די נאַטור-וויסענשאַפטען זענען דערגאַנגען צו אַזאַ קלאָרקייט. אין די סאָציאַל-וויסענשאַפטען, (בעזונדערס אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אין דער געשיכטע) פעהלט נאָך ביז היינטיגען טאָג אַזאַ קלאָרקייט. היינט נאָך פּאַסירט כסדר ביי זייער גוטע קענער פון געגענשטאַנד און טיכטיגע מאַכלייט, אַז אָנשטאָט צו בעאָבאַכטען דאָס, וואָס איז, פּילפּלען זיי זיך וועגען דעם, וואָס זאָל זיין.

אַ סך אָפטער פלעגען אַריינפאַלען אין דעם דאָזיגען פעהלער יענע פאָרשער פון פריהערען מיטעלאַלטער, וועגען וועלכע מיר האָבען אָקאָרשט גערעדט. זיי האָבען געזוכט דעם „גערעכטען" פּרייז, דאָס הייסט דעם פּרייז, וועלכער זאָל בעפרידיגען די גערעכטע אינטערעסען פון אַלע בעטייליגטע, אַזוי אַז אַלע זאָלען דערביי קענען אויסקומען. דאָ ווערט געמיינט אַ פּרייז, ווי ער דאַרף על פי יושר זיין. דערצו קאָן מען אָבער נור קומען — פּונקט ווי אין דער נאַטור-ווירטשאַפט — ווען מען פאָרשט קודם-כל אָהן שום זייטיגע טענות אויס, ווי דער פּרייז איז, ווי ער ווערט פאַקטיש געבילדעט. צום „גערעכטען" סוביעקטיווען פּרייז קומט מען אויך אויף אַנ'אומוועג, דורך דעם אָביעקטיווען „ריכטיגען" פּרייז.

אָבער דוקא דערפאַר, וואָס גערעכטיגקייט, יושר, איז דורכאויס אַ סוביעקטיווער געפיהל, קאָן מען וועגען דעם האָבען גאַנץ פערשיידענע מיינונגען, וועלכע ווענדען זיך אָן דעם, אויף וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט מען שטעלט זיך. ביי יעדער קניה נעמען אָנטייל ווייניגסטענס צוויי צדדים, דער קויפער און דער פערקויפער. וואָס ביי איינעם קומט-אויס גערעכט, קאָן דער אַנדערער האַלטען פאַר

נישט־גערעכט. דאָ מוז בעטראַכט ווערען דערזעלבער ענין אויף צוויי פערשידענע אופנים, אָבהענגיג פון דעם, צי מען קוקט אויף איהם פון איין זייט, אָדער פון דער צווייטער.

3.

די סוביעקטיוויסטישע און די אָביעקטיוויסטישע ווערט־טעאָריע.—

דאַס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע.

ווען אין די אַמאָליגע ווייט פון אונז ליגענדע יאָרהונדערטען האָט מען גובר־געווען דעם צושטאַנד פון פּראָדוצירען פאַר'ן אייגענעם געברויך, ווייבאַלד דער אויסטויש און די פּראָדוקציע פון סחורות זענען געוואָרען אַ שטענדיגע געוואוינהייט, איז דאס אָבהיטען אַ ריכטיגע פּראָפּאָרציע ביים אויסטויש געוואָרען אַ זעהר וויכטיגע פראַגע, סיי פון שטאַנדפונקט פון כלל, סיי פאַר די אינטערעסען פון יחיד. דער געלעהרטער דאָמיניקאַנער נזיר (מאָנאַך) אַלבערט מ אַ ג נ ו ס (1193—1280) זאָגט, למשל:

„דער קיום פון דער געזעלשאַפט האַלט זיך אויף אַנ־אויסטויש אין אַ ריכטיגער פּראָפּאָרציע. אַ געזעלשאַפט קאָן נור דעמאָלט עקזיסטירען, ווען די בעדערפנישען פון די בירגער ווערען בעפרידיגט; דאס איז אָבער נישט מעגליך אָהן אַזעלכען (ד. ה. פּראָפּאָרציאָנעלען) אויסטויש פון איין געגענשטאַנד אויף אַנ'אַנדערען, וואָרום קיינער קאָן נישט אַלע זיינע בעדערפנישען בעפרידיגען פאַר זיך אַליין...“

די נויטווענדיגקייטען פון אַ ריכטיגער פערהעלטניש, אַ ריכטיגער פּראָפּאָרציע ביים אויסטויש, בעווייזט אַלבערט מאַגנוס אויף דעם פאָלגענדען אופן:

„דער מוליער מוז בעקומען פון שוסטער זיין אַרבייטס־פּראָדוקט און איהם דערפאַר בעצאָהלען, וויפיל איהם קומט לויט'ן יושר, וואָרום נור דאַן וועט הערשען אַנ'אויסגלייך (צווישען ביידע צדדים) לויט אַרבייט און קאָסטען... אויב אָבער ביי אַזעלכע טויש־אָבמאַכען ווערט דאָס נישט געטון, ברענגט

גאַנץ נישט אָבהיטען די פּראָפּאָרציאָנעלע גלייכקייט דערצו, אַז אַז דער געזעלשאַפטליכער צוזאַמענהאַנג צעפאַלט זיך, ווייל עס קומט נישט פאַר קיין געצאָהלט לויט אַרבייט און קאָסטען".

דער אופן, אויף וועלכען דער מחבר דריקט זיך אויס, איז נישט גאַנץ קלאָר, דער מחבר איז נאָך נישט אימשטאַנד איינ-גאַנצען צו בעהערשען דעם ענין, אָבער דאָס, וואָס ער מיינט, קאָן מען גאַנץ גוט פערשטעהן, בפרט, ווען מען בעקענט זיך נאָך מיט עטליכע שפּעטערדיגע ערטער. דאָ ווערט אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז די מענשען זענען דוקא צוליב דער פערשידענ-קייט פון זייערע קענטנישען און פעהיגקייטען, אָבהענגיג איינער פון צווייטען. זיי לעבען צוזאַמען אין אַ קיבוץ, כדי צו טון איינער פאַר דעם צווייטען דאָס, וואָס דער יחיד קאָן אַליין פאַר זיך נישט טון.

„צוויי דאָקטוירים בילדען נישט קיין געזעלשאַפט, אָבער איין דאָקטאָר און איין ערד-אַרבייטער — יאָ; און בכלל גענומען, ווערט אַ געזעלשאַפטליכער קיבוץ צונויפגעשטעלט פון פער-שידענע בעלי-מלאָכות, פאַכלייט, וועלכע אונטערשיידען זיך איינער פון צווייטען לויט זייער אַרט אַרבייט".

בכן ווענדט זיך דער קיום פון יעדען יחיד אָן דעם, וואָס יעדער אַנדערער יחיד פיהרט-אויס. זיין פּראָפעסיע און שטעלט איהם צו די אַרבייט און די סחורות, אין וועלכע ער נייטיגט זיך. הען דאָס אויסטוישען די געגענזייטיגע פּראָדוקטען און אַרבייט קומט דערביי נישט פאָר אין אַזאַ פּראָפּאָרציע, אַז יעדער זאָל בע-קומען אַ ריכטיגע ענטשעדיגונג דערפאַר, וואָס ער גיט-אַוועק, דאַן איז ער נישט אימשטאַנד ווייטער צו געבען זיין אַרבייט אָדער פּראָדוקטען. און מיט דעם ברענגט ער שאַדען נישט נור זיך אַליין, זיינע פּראָדוקטען און זיין אַרבייט פעהלען דאַן אויך אַנ-דערע מענשען, און דער מענשליכער קיבוץ קאָן דעמאָלט מעהר נישט האָבען קיין קיום.

בכן, געהט דאָ קודם-כל וועגען דעם, אַז ס'זאָל געפינען ווערען דער ריכטיגער מאַסשטאַב פאַר דער פּראָפּאָרציע ביים אויסטויש. און דערביי מוזען זיך — ווי מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט — אַרויס-

ווייזען צוויי פערשידענע שטאַנדפונקטען, לויט דעם, צי מען בעטראַכט די זאַך מצד דעם קויפער, אָדער דעם פערקויפער.

לאָמיר זיך פריהער אַוועקשטעלען אויפ'ן צד פון קויפער. איך געה אין אַ קראָם און וויל, למשל, קויפען אַ הוט. דער פערקויפער רופט־אָן אַ פרייז. איצט האָב איך אונמיטעלבאַר דאָס געפיהל: דער פרייז איז אַ פּאַסיגער, אָדער נישט. ס'רוב קומט־פאָר די אָבשאַצונג מצד דעם קויפער בליץ־שנעל, ער גיט זיך דערביי בכלל קיין דין־וחשבון נישט אָב, פאַרוואָס דער אָדער יענער פרייז קומט איהם אויס פאַסיג.

ס'פערשטעהט זיך, אַז דאָס קומט נישט פאָר אָהן אַ מאָטיוו — אָהן סיבות קומט בכלל קיין זאַך נישט פאָר — און ווען מ'טראַכט אַ ביסעל אַריין, געפינט מען שוין די דאָזיגע מאָטיוון: איך פערגלייך דעם פרייז, וועלכען איך האָב צו בעצאָהלען, מיט דעם נוצען, וועלכען איך ערוואַרט פון געברויך פון דעם דאזיגען געגענשטאַנד. וואָס נוצליכער מיר שיינט צו זיין די סחורה, וואָס בעסער איהר קוואַליטעט, אַלץ מעהר וועל איך נוטה־זיין צו בעצאָהלען פאַר איהר. ווען די נוצליכקייט דערגעהן צו אַזאַ מדרגה, אַז זי וועט פשוט ווערען אַ דרינגענדע נויטהווענדיגקייט, וועל איך נאָך מעהר געבען, כדי די סחורה צו קריגען.

דער עיקר פאַר'ן קויפער איז אַלזאָ צו בעפרידיגען זיין בעדערפניש. וואָס דרינגענדער די דאָזיגע בעדערפניש איז און וואָס מעהר די סחורה טויג זי צו בעפרידיגען, אַלץ העכער איז דער פרייז, וואָס וועט זיך דאַכטען דעם קויפער אַלס אַ גערעכטער, און פערקעהרט. בעטראַכטענדיג דעם ענין פון דער זייט, קומט־פאָר די מענשליכע בעדערפניש אַלס דער ריכטיגער מאָסשטאַב פון פרייז. דאָס איז אַ טעאָריע, וועלכע פיהרט־אַרויס דעם ווערט, די הויך פון פרייז פון דער פערזענליכער, ריין־סוביעקטיווער אָבשאַצונג פון קויפער. דעריבער רופען מיר זי אָן „סוביעקטיוויסטישע ווערטטעאָריע".

די איינזייטיגקייט פון דער אַזעלכער טעאָריע וואַרפט זיך אין די אויגען. שטעלען מיר זיך אויפ'ן צד פון פערקויפער, זעהט די

נאָך גאָר אַנדערש אויס. ווען וועט דער פערקויפער האַלטען דעם פרייז, וועלכען ער בעקומט, פאַר אַ גערעכטען?

גלייך אויפ'ן ערשטען קוק שטעלט זיך אַרויס, אַז מיט דער בלויזער סוביעקטיווער אָבשאַצונג קאָן מען דא נישט אויסקומען. דער פערקויפער שטיצט זיך ביים בערעכענען דעם פרייז שטענדיג אויף אַ ריין־זאַכליכען אָביעקטיווען יסוד, אויף די קאָסטען וועלכע ער האָט געהאַט ביים שאַפען די סחורה. אָבער ביים פערקויפען די סחורה מוז ער בעקומען נישט נור דאס, וואָס ער האָט פאַר איהר אַליין בעצאָהלט, נאָר אויך אַ געוויסען עודף, אַ צוגאָב. דער פערקויפער האָט דאָך עפּעס, אַחוץ דעם, געהאַט ביי דער סחורה טרחה, אַרבייט און פערלוסט פון צייט, צוליב דעם, וואָס ער האָט אַליין די סחורה פּראָדוצירט, אָדער וויל ער האָט זי געקויפט ביים פּראָדוצענט און זי אַראָבגעבראַכט. פאַר דער דאָזיגער מיה, אַרבייט און צייט־פערלוסט, פאָדערט ער אַ געהעריגע ענטשעדיגונג. און די דאָזיגע ענטשעדיגונג גופא ווערט אויך געמאָסטען לויט אַן אָביעקטיווער מאָס, דאָס הייסט, לויט דער מיה און אַרבייט, וועלכע דאָס שאַפען די סחורה האָט איהם געקאָסט.

אַזוי איז ענטשטאַנען געבען דער אויבענדערמאָנטער טעאָריע נאָך אַ צווייטע — „אָביעקטיוויסטישע ווערט־טעאָריע". מיט איהר פערטרעטער אַלבערט מאַגנוס האָבען מיר זיך שוין פריהער בעקאַנט.

פון די דאָזיגע פערשידענע עלעמענטען האָט זיך אַרויסגעבילדעט יענע ווערט־טעאָריע, וועלכע איז היינט נאָך אין די אוניווערזיטעטען, אין דער בירגערליכער פּאָליטישער עקאָנאָמיע די הערשענדע. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ געמיש פון אָביעקטיוויסטישע און סוביעקטיוויסטישע טיילען און בעדייט אין תוך פאָלגענדעס:

דער ערשטער בעשטימענדער פאַקטאָר פון פרייז אין די בעדערפניש פון קויפער. האָט אַ געגענשטאַנד קיין געברויכסווערט נישט, בעפרידיגט ער נישט קיין שום בעדערפניש, — האָט ער בכלל קיין ווערט נישט. די דאָזיגע בעדערפניש ווירקט אָבער נישט ריין־סוביעקטיוו, נישט פשוט לויט אַ ווילקירליכער אָבשאַצונג,

נײַ זי האָט אונטער זיך אַנ'אָביעקטיווען פונדאַמענט און אָביעקטיווע גרענעצען. דאָס איז פון איין זייט די פעהיגקייט, דער כח פון קויפער צו בעצאָהלען; נישט די בעדערפניש בכלל ווירקט אויפן פרייז, נאָר אַזאַ בעדערפניש, וואָס שטיצט זיך אויף אַ געוויסער קויף־קראַפט. דער קויפער שאַצט טאַקע סוביעקטיוו אָב, וויפיל ער זאָל געבען פאַר דער סחורה; אָבער דערביי רעכענט ער זיך נישט נור מיט דער גרויס און דער גרינדליכקייט פון זיין בעדערפניש, נאָר אויך מיט דער גרויס פון זיינע הכנסות און זיין פערמעגען, קורץ, מיט דעם סכום געלד, וועלכער שטעהט אין זיין רשות. דאָס איז די נאָכפראַגע.

איהר שטעהט אַנטקעגען די פרייז־פאָדערונג פון פערקויפער. זי האָט לכתחילה אַנ'אָביעקטיווע מאָס; דאָס זענען די זעלבסט־קאָסטען מיט'ן ענטשפרעכענדען ריוח. סוביעקטיוו איז העכסטענס דער ספּעציעלער עודף, וועלכען דער פערקויפער גיט נאָך צו ביי דער ריין־פערזענליכער אָבשאַצונג. דאָס איז דער אָנבאָט.

אויף אַזאַ אופן בעקומען מיר צוויי גרענעצען: אויבען — דער מאַקסימום, וואָס דער קויפער איז נוטה צו געבען, לויט דעם גראַד פון זיין בעדערפניש און זיין פעהיגקייט צו צאָהלען — די זעלבסט־קאָסטען פון פערקויפער, מיט אַנ'ענטשפרעכענדען פערדינסט. צווישען די דאָזיגע ביידע גרענעצען וויגט זיך דער פרייז אַהער און אַהין, לויט'ן פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע. אָט אויף אַזאַ אופן האָט מען ערקלערט דאָס פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע פאַר דעם פאַקטישען רעגולאַטאָר און דעם יסוד, וואָס בעשטימט דעם פרייז, און דערביי האַלט זיך טאַקע די איצט הערשענדע ריכטונג אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

דער מאַרק־פרייז פון אַ סחורה, וועלכער בילדעט זיך ביי דער פרייער קאָנקורענץ, הענגט אָהן ספק אָב פון פערהעלטניש צווישען דער נאָכפראַגע און דעם אָנבאָט, און מען קאָן אין אַלגעמיין זאָגען, אַז דער פרייז שטייגט, ווען די נאָכפראַגע וואַקסט אין אַ שטאַרקערער מאָס, ווי דער אָנבאָט, און אַז ער פאַלט, ווען, פערקערט,

דער אָנבאָט וואַקסט שטאַרקער, ווי די נאָכפראַגע. (אַזוי שרייבט פראָפ. לעקסיס אין „ווערטערבוך פאַר פאָלקסווירטשאַפט", באַנד 2, זייט 646).

4.

דאָס געזעץ וועגן אָנבאָט און נאָכפראַגע פערענטפערט נאָך נישט אַלץ.

אין זייַ פולשטענדיגער פאָרם זאָגט דאָס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע פאָלגענדעס:

ווען מען באַט־אָן אַ סחורה אין אַ גרעסערער צאָהל ווי זי ווערט פערלאַנגט, מוזען די פערקויפער, כדי נישט צו בלייבען זיצען מיט זייערע רעזערווען (זאַפאַסען), דעם פרייז אַראָבלאָזען; זיי צווינגט דערצו די קאָנקורענץ, וועלכע זיי מאַכען זיך געגענזייטיג איינער דעם צווייטען.— צוליב'ן פערביליגען די פרייזען, פערגרעסערט זיך אָבער די צאָהל קויפער, ווארום וואָס ביליגער מען בעקומט אַ סחורה, אַלץ גרעסער איז די צאָהל פערזאָנען, וועלכע קאָנען זי קויפען און קויפען זי פאַקטיש. פון דער צווייטער זייט, ווערט דער אָנבאָט ביסלעכווייז פערקלענערט. ווארום וואָס ביליגער די סחורה איז, אַלץ קלענער איז דער כח פון פערקויפער. צום סוף וואָלט מען דערגעהן צו אַזאַ פרייז, ביי וועלכען דער אָנבאָט הערט בכלל אויף, ווייל ער ברענגט דעם פערקויפער גאָר נישט איין.

אויף אַזאַ אופן איז געקומען צו אַ פולשטענדיגער איבערקערעניש אין פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע: דער אָנבאָט איז איצט גאַנץ קליין געוואָרען, אָדער ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגעשטעלט, די נאָכפראַגע איז אַ גרויסע. דורך דעם הויבט דער פרייז ווידער אָן צו שטייגען. די קאָנקורענץ ווירקט איצט צווישען די קויפער; זיי מוזען אָנבאָטען איינער מעהר פון דעם צווייטען, כדי אַריינצוקריגען דעם קליינעם סכום סחורות, וועלכער איז דאָ אויפ'ן פלאַץ. אָבערביים וואַקסענדען פרייז הויבט־אָן דאָס געשעפט ווידער צו לוינען, צוליב דעם קומט דער אָנבאָט פון דאָס

ניי און וואָס העכער ס׳וועט דער פּרייז, אַלץ שטאַרקער וועט דער אָנבאָט. האַנד ביי האַנד מיט דעם פאַלט-אָב די נאָכפראַגע; ווײַל וואָס טייערער אַ סחורה איז, אַלץ קלענער איז די צאָהל פּערזאָנען, וואָס קאָנען זי קויפען. אויף אַזאַ אופן דרעהט זיך ווידער איבער דאָס פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע. און אַזוי געהט עס כסדר.

דאָס פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע גילט בכן נישט נור אַלס אַ בעשטימענדע סיבה פון פּרייז, נאָר אויך אַלס אַ ר ע ג ו ל י אַ ט אָ ר: דאָס דאָזיגע פערהעלטניש דערלאָזט אויטאָמאַטיש (פון זיך אַליין) נישט, אַז דער פּרייז זאָל זיך צו הויך אויפהויבען, אָדער צו נידריג אַראָפּפאַלען. דאָס איז אַ וועזענטליכער בעשטאַנדטייל פון געזעץ וועגען אָנבאָט און נאָכפראַגע און מאַכט פון געזעץ אין אַ געוויסער מאָס די העכסטע דעצידירענדע אינסטאַנץ פון גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען. לויט דער דאָזיגער מיינונג, היילט דער רעגולאַטאָר אַלע עקאָנאָמישע קראַנקהייטען, אַזוי צו זאָגען, פון זיך אַליין, און די מענשען דאַרפען נור געבען אַ פרייען לויף דעם נאַטירליכען שפּיל פון אָנבאָט און נאָכפראַגע. נישט נור יעדע בעוועגונג פון די פּרייזען, אויך אַלע אַנדערע עקאָנאָמישע פּראָצעסען, יעדע אָפּשטעלונג פון אָבזאַץ, יעדע איבערמאָסיגע פערמעהרונג פון דער פּראָדוקציע, יעדע ענדערונג אין דער וואַליוטע א. א. וו., מוז פון זיך אַליין אָפּהויבען געהן צוריק, וויבאַלד אָנבאָט און נאָכפראַגע האָבען זיך איבערגעדרעהט. פון דאַנען נעמט זיך די אויסערגעוועהנליכע בעדייטונג, וועלכע מען גיט צו דעם געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע; סיי אין דער טעגליכער פּרעסע, סיי אין דער פאַך-וויסענשאַפט.

און פונדעסטוועגען איז אַ ספק, צי די פּאַקטישע פּראָצעסען פון ווירטשאַפטליכען לעבען געפינען זיך אין הסכם מיט דער דאָזיגער שיינער סכעמע. אויב דאָס פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע וואָלט זיך באמת פון זיך אַליין אויסגלייכען, וואָלט, למשל, גאָר נישט געווען מעגליך, אַז די פּרייזען זאָלען זיך אַ לענגערע צייט כסדר דערווייטערען פון דער מיטעל-ליניע אויבען אַרויף אָדער אונטען אַראָב, אַז אַ יקרות זאָל זיך האַלטען אין משך

אָנבאָט און נאָכפראַגע אַ שווינדעלדיגען תהום פון פערשידענאַרטיגקייט. דורך דער דאָזיגער פילאַרטיגקייט מוז מען ערשט, ווי דורך אַ שלייער דורכדרינגען, כדי צו דערקענען, וועלכער פּרייז דאַרף דאָס אייגענטליך ערקלערט ווערען. פון אַ גאַנצער רייה פּרייזען, וועלכע זענען פּאַקטיש געצאָהלט געוואָרען, דאַרף מען בערעכענען דעם דורכשניט; מען דאַרף אַרויסזוכען דעם פּרייז, בײ וועלכען אָנבאָט און נאָכפראַגע גלייכען זיך אויס און פערגלייכען דעריבער געגענזייטיג זייער ווירקונג. און אויב אַזאַ צושטאַנד קומט אין דער ווירקליכקייט קיינמאָל נישט פאָר, מוז מען איהם אויסרעכענען, מען מוז איהם זיך פאָרשטעלען. דאָס הייסט, מען מוז קודם כל טון דאָס, מיט וואָס ס'הויבט זיך אָן יעדע וויסענשאַפטליכע אַרבייט. אַבסטראַהירען. מען מוז אַבסטראַהירען פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, מען מוז אין געדאַנקען בעזייטיגען זייער ווירקונג. ערשט דעמאָלט דערזעהען מיר דעם פּראָבלעם אין אַזאַ פאָרם, וועלכע גיט די מעגליכקייט צו נעמען זיך פאַר איהם ווי געהעריג *).

*) ראָזע לוקסעמבורג—די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, ז. 6: כדי פאָרצושטעלען דעם פּראָבלעם פון ווערט אין זיין גאַנצער ריינקייט, און איהם צו לעזען, מוזען מיר זיך מאַכען נישט זעהן די שוואַנקונגען פון די פּרייזען. די וואולגאַר-עקאָנאָמישע אויפפאַסונג בעמיהט זיך שטענדיג צו לעזען דעם ווערט-פּראָבלעם דורך אָנווייזען אויף נאָכפראַגע און אָנבאָט, די קלאַסישע עקאָנאָמיע פון סמיט'ן ביז מאַרקס'ן האָט דעם ענין פערקעהרט פערשטאַנען, זי האָט ערקלערט: שוואַנקונגען און געגענזייטיגען פערהעלטעניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע קאָנען נור ערקלערען פאַר וואָס דער פּרייז דערווייטערט זיך פון ווערט, אָבער נישט דעם ווערט אַליין. כדי צו דערגעהען דעם ווערט פון דער סחורה, מוזען מיר צוגעהן צום פּראָבלעם, אַרויסגעהענדיג פון דער פאָרשטעלונג, אַז דער אָנבאָט און די נאָכפראַגע געפינען זיך אין גלייכגעוויכט, ד. ה. דער פּרייז און דער ווערט פון דער סחורה זענען גלייך. דער וויסענשאַפטליכע ווערט=פּראָבלעם הויבט זיך בכן אָן דאָרטען, וואו די ווירקונג פון נאָכפראַגע און אָנבאָט הערט אויף.

5.

זעלבסט-קאָסטען פּליוס פּראָפיט (ריוח).

די וואולגאַר-עקאָנאָמישע טעאָריע האַלט, אַז זי איז די דאָזיגע מניעה גובר, ווען זי נעמט-אָן פאַר'ן אַזוי צו זאָגען „נאַטירליכען" פּרייז, פאַר'ן פעכטען אונבעוועגליכען פּונקט אין דעם טאָג-טעגליכען שפּרינגען פון די פּרייזען, די סומע, וועלכע דער פאַבריקאַנט פון די סחורה בעקומט, ווען ער רעכענט-צונויף זיינע זעלבסט-קאָסטען און גיט צו דעם צו אַ פּאַסיגען פערדינסט. אַזוי שרייבט, למשל, דער שוין דערמאָנטער פּראָפעסאָר ל ע ק ס י ס (אין ווערטערבוך פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט באַנד 2, ז. 647):

„די דאָזיגע קאָסטען (פּראָדוציר-קאָסטען) נעמען-אַרום אַלע הוצאות, וועלכע זענען נויטיג, כּדי די סחורה זאָל דערגעהן אויפ'ן מאַרק צו דעם קונה, ד. ה., אויך די טראַנספּאָרט- און די האַנדעלס-קאָסטען. די דאָזיגע קאָסטען שטעלען זיך סוף כּל סוף צונויף פון די מאַטעריאַל-קאָסטען אויף אויסאַרבייטען און אַריבערפירען די סחורות פון אַרבייטס-לוינען (צוזאַמען מיט אַ פערגיטיגונג פאַר דעם אונטערנעמער, וואָס אַרבייט אַליין מיט) און דעם ריוח אויפ'ן קאַפּיטאַל, וועלכער בעטייליגט זיך אין דער פּראָדוקציע און אין האַנדעל (צינזען פאַר'ן געלד און דער פערדינסט פון אונטערנעמער)".

מען זעהט, אַז דאָ איז דאָס וואָרט „פּראָדוציר-קאָסטען" גענומען נישט אין זיין אייגענטליכער בעדייטונג, אַלס דאָס, וואָס ס'קאָסט פּראָדוצירען די סחורה; דאָ ווערען שוין צוגערעכענט פערשידענע אַנדערע סומען, נעמליך: אַ פערגיטיגונג פאַר דער טעטיגקייט פון אונטערנעמער און אַחוץ דעם נאָך אַ צווייפאַכיגער ריוח אויפ'ן קאַפּיטאַל: איינמאָל דער פערדינסט פון אונטערנעמער — ד. ה., אַחוץ דער פערגיטיגונג פאַר זיין אַרבייט — און צווייטענס, די צינזען, וועלכע ער מוז בעצאָהלען דעם קאַפּיטאַל-בעזיצער אין פאַל, ווען ער אַרבייט מיט געליהענעם קאַפּיטאַל, אָדער וועלכע ער פערעכענט זיך אַליין, איז פאַל, ווען הע

פון אַ גאַנצען צעהנדליג יאָהר, אָדער נאָך לענגער. אין אמת'ן זענען אָבער אין דייטשלאַנד אין די 18 יאהרען פון 1896 ביז 1914, אַלע פרייזען אָהן אויפהער און אין אַ בעדייטענדער מאָס געשטיגען. אויב נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָלט דאָס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע זיין ריכטיג, וואָלט דאָס הייסען, אַז נישט קוקענדיג אויף די געהעכערטע פרייזען, אַז די קויף-פעהיגע נאָכפראַגע נישט נור נישט שוואַכער און קלענער געוואָרען, נאָר, פערקעהרט, זי איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. דאָס וואָלט בעדייטען, אַז די הכנסות פון די ברייטע פאָלקס-מאַסען זענען געוואַקסען שנעלער, ווי די פרייזען, וואָס וואָלט געווען להלוטין פאַלש; וואָרום דעמאָלט וואָלט זיך דאָך דער עולם ביים יקרות געפיהלט גאָר נישט אַזוי שלעכט און מען וואָלט זיך נישט בעקלאָגט כסדר אויפ'ן יקרות. קוקט זיך אָב צו צו דער ווירקליכער בעוועגונג פון די פרייזען נישט אין די גרענעצען פון אַ קורצען משך צייט, נאָר, צ.ב., אין משך פון די הונדערט יאָהר פון 1816 ביז 1914 און איהר וועט זעהן אַז די דאָזיגע בעוועגונג פאַסט עפעס גאָר נישט צום געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע *).

אָבער אויך ריין טעאָרעטיש, ביי אַ שטרענגען לאָגישען דורכטראַכטען דעם ענין, הויבען זיך אויף שווערע ספקות געגען דאָס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע. די פרייזען בעוועגען זיך שטענדיג לויט אַ גלאַטער שענער סכעמע; היינט שטעהען זיי נידריג, ווייל דער אָנבאָט איז שטאַרק, און שפּעטער וועלען זיי ווערען הויך אין דער מאָס, ווי דער אָנבאָט וועט שוואַכער ווערען; דערנאָך וועלען זיי ווידער אָנהויבען צו פאַלען, בעת דאָס פערהעלטניש וועט זיך איבערדרעהען. וויבאַלד אַזוי, 'מוזען דאָך אָבער די פרייזען ווען און וואו נישט איז דערגרייכען דעם פונקט, וואו דער אָנבאָט און די נאָכפראַגע גלייכען זיך אויס, ד. ה. מען באַט-אָן פון דער סחורה פונקט אַזוי פיל, ווי מען פערלאַנגט פון

*) זעה עטליכע פאַקטען דערצו אין די „ליכטשטראַהלען", צייטשריפט פאַר וויסענשאַפטליכען קאָמוניזם, 5. דעצעמבער 1919 (יאָהרגאַנג 5, № 5) זייט 112 ביז 116. (דייטש).

איזהר. אָדער בעסער געזאָגט, ביים וויגען זיך פון די פרייזען אַרויף און אַראָב, מוז דאָך איינמאָל קומען אַ גלייכגעוויכט.

וואָס ערקלערט אונז דעמאָלט אָנבאָט און נאָכפראַגע? פון וואָס ווענדט זיך דעמאָלט דער פרייז?

מיט אַנדערע ווערטער: אַ גענויערע בעטראַכטונג ווייזט אונז, אַז די פרייזען וויגען זיך אַרום אַ מיטעלפונקט, פון וועלכען — אין נאָרמאַלע צייטען — דערווייטערען זיי זיך נישט צו ווייט. די דאָזיגע שוואַנקונגען ווערען אַרויסגערופען דורך אָנבאָט און נאָכפראַגע. ווען אַ גאָלדענער זייגער קאָסט נאָרמאַל 350 מאַרק, קאָן זיך דער פרייז ביי אַ שטאַרקער נאָכפראַגע אויפהויבען אויף 360, 370, 380 מאַרק, אפשר אפילו אויף 400 מאַרק. אָבער איבער אַ געוויסער גרענעץ געהט ער נישט. ער וועט קיינמאָל נישט דערגרייכען די הויך פון 10000, פון 100,000 מאַרק, פון אַ מיליאָן. ביי אַ פאַלענדער נאָכפראַגע און אַ שטאַרקען אָנבאָט, וועט מען דעם זייגער קאָנען קריגען ביליגער, פאַר 340, 330, אפשר פאַר 300 מאַרק, אָבער קיינמאָל נישט פאַר 1 מאַרק אָדער פאַר 50 פעניג. דורך אָנבאָט און נאָכפראַגע ווערען ערקלערט די שוואַנקונגען פון פרייז אַרום דעם מיטעלפונקט, אָבער נישט דער מיטעלפונקט אַליין. און וועגען איהם גערדט דאָס דוקא! דיזעלבע ענדערונג, אין פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע, וועלכע טרייבט אַרויף דעם פרייז פון דעם זייגער פון 350 מאַרק אויף 360, וואָלט איהם דאָך קאָנען אַרויפטרייבען אויך פון 10,000 אויף 100,000 מאַרק. פאַר וואָס־זשע בלייבען די שוואַנקונגען (אין גענומענעם ביישפיל!) שטענדיג נאָהענט פון 350 מאַרק, פאַר וואָס נישט נאָהענט פון 10,000, פון 100,000, אָדער פון וועלכער נישט אַנדערער צאָהל? אָט דאָס איז די פראַגע, וועלכע דאַרף געלעזט ווערען.

דערביי העלפען, — דאָס איז בעשיינפערליך, — דער אָנבאָט און די נאָכפראַגע גז. נישט. אָדער בעסער, זיי שטערען אַפילו ווי פערדעקען און פערשלייערען די פאַקטען. די פרייזען, וועלכע ווערען פאַר אונז גלייכאַרטיגע סחורות, בעצאָהלט פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען, שטעלען מיט זיך פאַר צוליב דעם שפיל פון

קאַפּיטאַל געהערט איהם גופא.

אין עצם געהט דאָ נישט וועגן דעם נאָמען. אין דעם שטראָם פון די יעדען טאָג אַרויף און אַראָב געהענדיגע פּרייזען, ווערט אָנגענומען אַלס פעסטער פּונקט, אַלס דורכשניט, אַרום וועלכען די פּרייזען שפּרינגען„ צוליבן שפּיל פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, די סומע פון די זעלבסט-קאָסטען, צוזאַמען מיט די הוספות, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמער רעכענט געוועהנליך צו צו די זעלבסט-קאָסטען. און פּאַקטיש ווערען דאָך טאַקע אויף אַזאַ אופן בערעכענט די פּרייזען אין דער טאָג-טעגליכער קאַלקולאַציע פון די פאַבריקאַנטען און הענדלער.

און פונדעסטוועגן דאַרף מען קיין ספק נישט אַריינטראַכטען, כדי איינצוזעהן, אַז דאָ איז אויף די וויכטיגסטע פראַגען קיין ענטפער נישט געגעבען געוואָרען. פאַר אַ נויט קאָן מען זיך פאָרשטעלען, אַז די פּראָדוציר-קאָסטען (אין אייגענטליכען זין) בעטרעפען אַ בעשטימטע סומע: אַזוי פיל קאָסט דער מאַטעריאַל, אַזוי פיל מוז מען רעכענען פאַר אָבנוצען די מאַשינען, ווערקצייג און געביידען, אַזוי פיל מאַכען אויס די אַרבייטס-לוינען. אָבער ווי הויך זענען די צינזען פאַר'ן געלד, און ווי הויך איז דער ריוח פון אונטערנעמער? לויט וועלכע כללים ווערען זיי בעשטימט? ווי מען חיים דערגרייכען זיי אין פערשידענע געשעפטס-צווייגען אַ פערשידענע הויך, פאַרוואָס האַלט מען אין איין צווייג דוקא אַזאַ מאָס ריוח פאַר „פּאַסיג" און אין אַ צווייטען אַן'אַנדערע? כל זמן מיר ווייסען דאָס נישט, איז קלאָר, אַז די פראַגע ווי אַזוי ס'בילדען זיך פּרייזען, איז נאָך נישט געלעזט. ווארום אַן אַנדער גרויס פון צינזען און פערדינסט פון אונטערנעמער, פאַלט אויס דער פּרייז גאַנץ אַנדערש.

אויף די דאָזיגע אַלע פראַגען ווייס די וואולגאַר-עקאָנאָמיע בכלל נישט וואָס צו ענטפערען. פּראָפעסאָר לעקסיס שרייבט ווייטער (ז. 648):

„ווען דער קאַפּיטאַל איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין אַ זיכערען געשעפט, בילדעט זיך איין פאַר די געלד-צינזען אַ געוויסע נאָרמע, וועלכע לאָזט זיך לייכט דערקענען".

„בילדעט זיך“! מיר ווילען דאָך אָבער דוקא וויסען, ווי און פאַרוואָס זי בילדעט זיך. — ווייטער:

„מען מוז אַפילו אָננעמען, אַז דער ריוח אויפ'ן קאַפּיטאַל איז העכער ווי די נאָרמאַלע צינזען פאַר געלד, אָבער בעשטימט קאָן מען נישט זאָגען, ווי הויך דער דאָזיגער ריוח איז אין אַ בעשטימטער צייט און מען מוז זיך בענוגענען מיט אַ אָבשאַצונג לויט'ן דורכשניט. פאַקטיש וועט דער ריוח אין אַ סך פאַלען בלייבען שטעהן אונטער דעם דאָזיגע דורכשניט, טיילמאָל וועט דער אַפילו נישט דערגרייכען דעם נאָרמאַלען שטאַנד פון די צינזען פאַר'ן געלד און צייטענווייז וועט ער אַפילו אַראָבלאָזען זיך ביז נול און אַפילו נידריגער. איבערהויפט קאָן מען נישט אָנווענדען דעם כלל, אַז דער פרייז ווערט בעשטימט דורך די פראָדוציר-קאָסטען, אויפ'ן איינצעלנעם פאַל; דער דאָזיגער כלל טרעט נור אַרויס אין דורכשניט פון דער גאַנצער מאַסע פראָצעסען, וועלכע קומען-פאָר, מיט כסדר'דיגע וואַקלענישען, אויפ'ן מאַרק“.

לאָמיר פרובען אויף אַ ביישפיל מיט ציפערען קלאָר מאַכען זיך, וואָס די דאָזיגע ווערטער בעדייטען. כדי אויסצואַרבייטען אַ געוויסע סחורה, דאַרף דער אונטערנעמער ס"ה האָבען 50 מאַרק; פראָצענט פאַר'ן געלד מוז ער צאָהלען 4 %, דאָס בעטרעפט 2 מאַרק; ריוח פאַר זיך וויל ער האָבען, לויט ווי ס'איז אָנגענומען אין זיין בראַנזשע, 7 פראָצענט, דאָס מאַכט אויס 3.50 מאַרק. די סחורה וועט בכן אין פערקויף קאָסטען 55.50 מאַרק. די 3.50 מאַרק זענען, זאָגט פראָפעסאָר לעקסיס, נישט קיין פעסטע זאַך, דער ריוח פון אונטערנעמער קאָן זיין גרעסער, ער קאָן אויך זיין קלענער, ער קאָן אַפילו אַראָבפאַלען אויף נול, אָדער אַפילו נידריגער אויך. מיט אַנדערע ווערטער: די סחורה קאָן קאָסטען 55.50 מאַרק, זי קאָן אויך מעהר אָדער ווייניגער קאָסטען. בכלל קאָן מען פ אָ ר ו י ס גאָרנישט זאָגען וועגען דעם, ווי הויך דער ריוח וועט זיין; ערשט נ אָ ך אַ ל ע מ ע ן, ווען ס'איז פערקויפט געוואָרען אַזוי און אַזוי פיל סחורות, קאָן מען בערעכענען אין דורכשניט, ווי הויך ס'איז אויסגעפאַלען דער ריוח!

האָבען מיר דען נאָך די אַלע חשבונות געמאַכט אין שריט

ווייטער? האָבען מיר זיך פיל וועניג דערנענטערט צו דער לעזונג פון דער פראַגע, ווי אַזוי ס'ענטשטעהט דער פרייז? אָדער וואָלט נישט געווען אַ סך איינפאַכער און שענער, ווען מען וואָלט, אַנשטאָט אַרויסלאָזען אַזאַ מבול פון ווערטער, ענטפערען פשוט און קלאָר: איך ווייס דאָס נישט?

אָבער ווייטער איז נאָך בעסער. אין אונזער ביישפיל האָבען מיר אָנגענומען, אַז די פראָדוציר־קאָסטען פון דער סחורה בעטרעפען 50 מאַרק. אָבער ווי אַזוי האָבען זיי זיך צונויפגעשטעלט? אין די 50 מאַרק שטעקען, צ"ב, די קאָסטען פון רויה־מאַטעריאַל, לאָמיר זאָגען 30 מאַרק. דער אונטערנעמער האָט בכן בעצאָהלט 30 מאַרק פאַר אַ בעשטימטען סכום גאַרן. און פאַרוואָס דוקא 30 מאַרק? ווייל דער פערקויפער פון דעם גאַרן האָט צוגעגעבען צו זיינע זעלבסטקאָסטען אויך די געוועהנליכע נאָרמע צינזען פאַר געלד און דעם פאַסיגען אונטערנעמער־ריוח. און דאָסזעלבע קאָן מען זאָגען וועגען די מאַשינען און די ווערקצייג, די הילפס־שטאָפען א. א. ז. ו. קורץ, וועגען דעם גרעסטען טייל פון דער אַלגעמיינער סומע 50 מאַרק. מיט אַנדערע ווערטער: די דאָזיגע 50 מאַרק, וועלכע האָבען אונז געדינט פאַר אַ זיכערען אויסגאַנגס־פונקט ביים ערקלערען דעם פרייז, זענען אַליין להלוטין נישט קיין פעסטע גרויס; פערקעהרט, זיי נויטיגען זיך אַליין אויפ'ן העכסטען גראַד אין אַ ערקלערונג.

און צום סוף קומט פראָפעסאָר לעקסיס און זאָגט אונז, אַז אויך די קליין־האַנדעל־פרייזען, וועלכע זענען דאָך איינענטליך דער עיקר, זענען זיינע געלערנטע ערקלערונגען בכלל נישט חל.

„אין קראָם שטעהט אַנטקעגען דעם קונה נור איין איינציגער פערקויפער, און צוליב בעקוועמליכקייט איז ער אָפט גרייט בעסער צו בעצאָהלען אַ העכערען פרייז, ווי צו געהן פון געשעפט צו געשעפט און זוכען אַ ביליגערען פרייז. אַגב ווירקען אויך אויף דער אויפפיהרונג פון קונה געוואוינהייטען, מאָדע, סאָציאַלע לאַגע און אַנדערע פערזענליכע מאָמענטען. דער דעטייל־פערקויפער פון זיין זייט נעמט אויף זיך איבער גלייכצייטיג די פונקציעס פון אַ פערזענליכער בעדינונג, רעכענענדיג זיך מיט דער סאָציאַלער שטע-

לונג פון זיינע קונדען, און דאס שטעלט ער אויך אריין אין חשבון".

ס'לאזט זיך אויס, אז די פראדוציר-קאסטען, די צינזען פאר געלד און דער רוחה פון אונטערנעמער, וועלכע זענען איבען אויסגערעכענט געווארען אלס די פאקטארען, וועלכע בילדען דעם פרייז, ווירקען אויפ'ן פרייז אין קליינהאנדעל בכלל נישט, אדער אין זעהר א קליינער מאס. גיט נור א קלער, וואס דאס בעדייט אין דער פראקטיק. חזיר-פלייש, רינד-פלייש, קארן-ברויט זענען אלץ טייערער און טייערער געווארען. עס פערשטעהט זיך, אז דעם קונה אינטערעסירט נור זייער טייערקייט אין קליינהאנדעל; דאס, וואס עס קומט פאר אין גרויסהאנדעל, וואלט איהם גאר נישט אנגעגאנגען, ווען דאס וואלט נישט געווירקט אויף די פרייזען אין קליינהאנדעל. אבער די וואולגאר-עקאנאמיע זאגט אונז, אז די איינצעל-פרייזען זענען אבהענגיג פון אזוי פיל איינצעלנע מאמענטען, אז זייער ענטשטעהונג איז בכלל אוממעגליך צו ערקלערען! ווארום דאס און נישט עפעס אנדערש, איז דאך דער זין פון דעם, וואס לעקסיס זאגט אראוס וועגען די דעטאיל-פרייזען. דאס בעדייט: מיר מוזען זיך אבזאגען פון צו געפינען א ערקלערונג פאר דער ענטשטעהונג פון די איינצעל-פרייזען — און בכן אויך צו ענטפלעקען די סיבות, צוליב וועלכע ס'בילדען זיך די פרייזען בכלל!

נישט ווילענדיג דערמאנט מען זיך דא אן א פערגלייך, וועלכען חבר פאנגנעקער האט אמאל בענוצט אין דער „נייער צייט" אויפ'ן פאלגענדען אופן:

„ווען מען פארשט-אויס אן ערשיינונג און מ'קומט צום אויספיהר, אז די קומט אמאל אזוי פאר, אמאל אויף אן אנדער אופן, און אז זי קאן לדהלוטין נישט בערעכענט ווערען, בעווייזט דאס נור, אז די אמת'ע סיבה, וועלכע געוועלטיגט איבער איהר, האט מען נישט געפונען. עמיצער האט, למשל, א לענגערע צייט בעטראכט די לבנה און איז געקומען צום אויספיהר, אז אמאל שטעהט די לבנה אין צפון-מזרח, אמאל איז דרום, אמאל אין מערב, אהן קיין שום כלל, ווי ס'טרעפט זיך. אין אזא פאל

זײַ יעדערער זאָגען מיט רעכט, אַז די פֿאָרשונג האָט נישט געבראַכט צו קײן שום רעזולטאַטען, אָבער נישט אַז די ערשײנונגען פֿון דער לבנה האָבען בכלל נישט קײן רעגולירענדע סיבה".

6.

די ראַטע פֿון דורכשניטליכען רווח.

מיר האָבען געזעהן, אַז אָנבאָט און נאָכפֿראַגע ערקלערען נור דאָס שפּרינגען אַרום דעם מיטעלען, אַזוי גערופֿענעם „נאַטירליכען" פּרייז, אָבער נישט דעם דאָזיגען פּרייז גופא.

דער „נאַטירליכער" פּרייז ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון די זעלבסט־קאָסטען פּלוס רווח. דער רווח בעשטעהט ווידער פֿון זײַן זײַט פֿון צוויי טײלען, פֿון די פּראָצענטען פֿאַר'ן קאַפּיטאַל און דעם פֿערדינסט פֿון אונטערנעמער.

אָבער וועגען דער הויך פֿון די דאָזיגע עלעמענטען, קאָן אונז די וואולגאַרע עקאָנאָמיע אַבסאָלוט גאָרנישט זאָגען.

דערפֿון נעמט זיך, וואָס זי קאָן אונז אויך גאָרנישט זאָגען וועגען דער הויך פֿון די זעלבסט־קאָסטען. וואָרום אין די זעלבסט־קאָסטענס שטעקען שטענדיג שוין די צינזען און דער פֿערדינסט פֿון אונטערנעמער.

ביים פֿאַבריקאַנט ווערען צונויפֿגעשטעלט די זעלבסט־קאָסטען פֿון:

דעם פּרייז פֿון די מאַטעריאַלען (רויה־שטאָפֿען, הילפֿס־שטאָפֿען);

דעם פּרייז פֿון די מאַשינען, מכשירים, געביידען (אויף וויפֿיל זיי ווערען אויסגענוצט);

דעם אַרבײטס־לוין.

לאָמיר אָנהויבען מיט דער לעצטער זאַך, מיט'ן אַרבײטס־לוין: פֿאַרוואָס דערגרייכט ער אַ בעשטימטע הויך, וועלכע דער פֿאַבריקאַנט מוז בעצאָהלען? וואָרום וואָלט ער געהאַט אַן אַנדער הויך, למשל, 3 מאַרק, אָנשטאָט 6, וואָלט די הויך פֿון די זעלבסט־קאָסטען געווען אַן אַנדערע און גלײַכצײַטיג וואָלט אויך, לויט דעם

אויבען געמאַכטען חשבון, דער פּרייז געמוזט זיין אַנ'אַנדערער. פאַר וואָס איז דער פּרייז אַזוי הויך און נישט אַנדערש? דער ענטפער, דוכט זיך אויס, איז אַנ'איינפאַכער: דער אַרבייטער מוז בעקומען לכל הפחות אַזוי פיל, אַז ער זאָל מיט זיין פאַמיליע קאָנען לעבען; ווייטער איבער דער דאָזיגער גרענעץ קאָן שוין דער אַרבייטס-לוין רעגולירט ווערען דורך אָנבאָט און נאָכפראַגע. אויב, למשל, אין יולי 1914 האָבען די ערנעהרונגס-מיטלען פאַר אַ קליינער פאַמיליע אויסגעמאַכט 25 מאַרק, און דאָס איבעריגע, וואָס איז נויטיג צום לעבען, — 10 מאַרק אַ וואָך, זענען דעמאָלט 35 מאַרק געווען די נידריגסטע גרענעץ, וועלכע דער וואָכען-לוין האָט געמוזט דערגרייכען.

מיט אַנדערע ווערטער: דער וואָכען-לוין ווענדט זיך אָן די פּרייזען אויף לעבענס-מיטעל. פון די סחורות, וועלכע זענען נויטיג, כדי אונטערצוהאַלטען דאָס לעבען.

פאַרוואָס אַבער זענען דוקא די אַזוי הויך? אין די 25 מאַרק ענטהאַלטען זיך אפשר 10 ברויטען צו 50 פעניג, צוזאַמען 5 מאַרק פאַר ברויט. אין די דאָזיגע 50 פעניג שטעקט דער ריוח פון בעקער, און אין פּרייז פון פליש, וועלכען ס'עסט אויף די אַרבייטער-פאַמיליע, שטעקט דער ריוח פון פליישער, אין די קליידער — דער ריוח פון די וועבערייען און שפּינערייען. בקיצור, דער אַרבייטס-לוין האָט דערום דערגרייכט זיין בעשטימטע הויך, ווייל די פּרייזען, פון אַלע סחורות, וועלכע דער אַרבייטער מוז קויפען, שטעלען זיך צונויף פון זעלבסט-קאָסטען פּלוס ריוח. אויב איך ווייס נישט, פאַרוואָס דער ריוח, וועלכער שטעקט אין די לעבענס-מיטלען, האָט די בעשטימטע הויך, קאָן איך אויך נישט ערקלערען די הויך פון אַרבייטס-לוין און בכן אויך נישט די הויך פון די זעלבסט-קאָסטען.

ס'איז נישט נויטיג נאָך בעזונדער צו בעווייזען, אַז די זעלבע זאַך גילט אויך בנוגע די מאַטעריאַלען און מכשירים. אין די פּרייזען וועלכע מען האָט פאַר זיי בעצאָהלט, ליגט אויך זעלבסט-קאָסטען און ריוח.

אפשר וועט די זאַך קלאָרער ווערען, ווען מיר וועלען זיך צו-

ריקקערען צו דער ערשטער אורשפּרינגליכער פּראָדוקציע; ווען אין וואַלד נישט איז, מוז זיך דאָך די פּראָדוקציע אָנהויבן. די קוילען, וואָס דרימלען נאָך אין די טיפענישען פון דער ערד; דער בוים, וועלכער שטעהט אין אור-וואַלד, קאָסטען דאָך גאָרנישט. צו דיעזער פּראָדוקציע איז יעדענפאַלס קיין רויה-שטאָף נישט נויטיג, זיי שטעלען צו דעם רויה-שטאָף אַליין. קאָסטען הויבן זיך ערשט אָן אין דעם מאָמענט, ווען אויף די דאָזיגע זאַכען ווערט אָנגעווענדעט אַרבייט.

ווען, למשל, אין דער קאָלעקציע פון קאַפּיטאַליסט, וועלכער לאָזט האַקען און אַרויספיהרען פון וואַלד בוים-שטאַמען, געהען נישט אַריין קיין קאָסטען פאַר רוי-שטאָף, געהען דאָך אָבער אין איהר אַריין בעדייטענדע קאָסטען אויף אַרבייטס-מיטלען, מאַשינען, װערקצייג, פוהרען, וועלכע ווערען געשלעפּט דורך חיות אָדער אַנדערע נאַטור-קרעפטען, און אויף אַרבייטס-לוין.

אַזוי בלייבט דאָס: כל-זמן מיר האָבען נישט ערקלערט די הויך פון פּראָפיט, קאָנען מיר אויך דעם פּרייז נישט ערקלערען. צו דיעם אַלעם קומט אָבער צו נאָך אַ שוועריגקייט: דאָס איז דער פאַקט פון דורכשניטס-ריוח.

ביז אַהער האָבען מיר נישט געפונען קיין פערנונפטיגען תירוץ, פאַרוואָס דער פערקויפער זאָל אויף 50 מאַרק אייגענע קאָסטען אַרויסשטעלען דוקא 11 פּראָצענט. פונדעסטוועגען האָבען מיר געוואוסט (און האָבען זיך אַפילו געשטיצט אויף דעם דאָזיגען וויסען), אַז די דערמאָנטע ערשיינונג הענגט לגמרי נישט אָב בלויז פון דעם פערקויפער'ס אונבעגרענצטען ווילען. אין יעדער בראַנזשע האָט מען אַ געוועהנליכע אָנגענומענע הויך פון ריוח, וועלכע מ'האַלט פאַר פאַסיג פאַר דער דאָזיגער בראַנזשע. די מאָס פון ריוח איז אַ פערשידענע אין פערשידענע בראַנזשען, און מיט דער דאָזיגער הויך דאַרף טאַקע יעדער סוחר זיין בעקאַנט, ווי אַ בעל-מלאכה מיט זיינע מכשירים. ס'פערשטעהט זיך, אַז יעדער סוחר זעהט אין איינצעלנעם פאַל אויסצונוצען אַ גינסטיגע קאָניונקטור, כדי אַרויסצוציהען עפּעס מעהר. אָבער בכלל איז קלאָר, אַז אין די גרעניצען פון דער בראַנזשע װעט דער גאַנצער ריוח, וועלכען אַן איינצעלנער אונטער-

ענג בעקומט, מוזען אויסגלייכען זיך, אויב אַפילו נישט גענוי מאַטעמאַטיש, מיט די ריוחים פון אַלע קאָנקורענטען. דערפאַר זאָרגען שוין אָנבאָט און נאָכפראַגע. ביי אַזאַ אונטערנעמונג, וועלכע נעמט בעזונדערס הויכע פרייזען, וואָלטען די קאַנקורענטען, מיט דער הילף פון די נידעריגערע פרייזען, גאַנץ גיך אויסגעכאַפּט די קונדען.

בכלל איז קיין ספק נישט, אַז די נאָרמע פון ריוח (דאָס פּראָצענט־פערהעלטניש פון ריוח צום קאַפּיטאַל), איז כמעט גלייך פאַר אַלע אונטערנעמונגען. אָבער פון דעם איז דאָך טאַקע געדרונגען, אַז די הויך פון ריוח און בכן אויך די הויך פון פּרייז, ווערט נישט בעשטימט דורך די ווילקיר פון איינצעלנעם אונטערנעמער. ניין, ס'איז פאַקטיש פאַרהאַן עפּעס אָביעקטיוועס, וואָס הענגט נישט אָב פון זיין סוביעקטיווען ווילען. דער דורכשניטס־ריוח. איהם מוז דער פערקויפער קענען און מיט איהם מוז ער זיך רעכענען, אויב ער וויל, אַז זיין געשעפט זאָל האָבען אַ קיום. אָבער דורך וואָס פאַר אַ כח אָט דער דאָזיגער דורכשניטס־ריוח ווערט בעשטימט — דאָס ווייס ער נישט.

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. די פערשידענע בראַנזשען פון זייער זייט קאָנען בנוגע זייערע ריוחים אויך נישט צו־ווייט אָבשטעהן איינע פון דער אַנדערער, און דאָס נעמט זיך אויך פון דעמזעלבען מקור — פון דער קאָנקורענץ, וועלכע געוועלטיגט אויך אין יעדער בראַנזשע גופא. בכן פערמאָגען די פערשידענע בראַנזשען דאָס הייסט אַלע אונטערנעמונגען פון אַ ווירטשאַפטס־געביט אַן אונגעפעהר גלייכע הויך פון דורכשניטליכען ריוח. אַדאַנק דעם דאָזיגען דורכשניט־ריוח ווערט דער ריוח אַזוי פונאַנדערגעטיילט, אַז אויף יעדען קאַפּיטאַל קומט־אָן כמעט דערזעלבער פּראָצענט ריוח.

דער דאָזיגער פאַקט שמעקט זעהר נישט דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע. וואָרום ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער קערט־איבער קאַפּויר מיט די פיס איהר גאַנצע ערקלערונג פון ריוח. דער ריוח, וועלכען ס'וואַרפט־אָב אַ געוויסע אונטערנעמונג, קאָן אויפגעהויבען אָדער אַראָבגעדריקט ווערען דורך די טעטיגקייט פון אונטערנעמער נור אין אַ גאַנץ קליינער מאָס, און אין עצם הענגט זיין גרויס אָב פון דער גרויס פון קאַפּיטאַל, און דאָס דוקא אויף אַזאַ אופן, אַז אויף יע־

דע הונדערט מאַרק קאַפּיטאַל קומט־אָן כמעט דערזעלבער סכום ריוח, אַלץ איינס, אין וועלכער אונטערנעמונג דער קאַפּיטאַל ווערט אַריינגעלעגט און וועלכער אונטערנעמער פירט־אָן מיט איהר. בכן, ווען דער ריוח פון יעדער איינצעלנער אונטערנעמונג איז אַ דורכשניט פון וועלכער נישט איז אַלגעמיינער סומע, איז פון דעם געדרונגען, אַז די דאָזיגע אַלגעמיינע סומע מוז זיין אָביעקטיוו און נישט אָבהענגיג פון דער איינצעלנער אונטערנעמונג. וויבאַלד אַזוי, קאָן אָבער שוין קיין רעד נישט זיין וועגען דעם, אַז דער פּרייז פון אַ סחורה ענטשטעהט אויף אַזאַ אופן, אַז דער איינצעלנער אונטערנעמער לעגט־צונויף זיינע זעלבסט־קאָסטען, און דערנאָך ערשט גיט ער צו, מעהר אָדער וועניגער ווילקירליך, זיין ריוח. גאָר פערקערט, די אָקאָרשט כאַראַקטעריזירטע ערשיינונג בעווייזט קלאָר, אַז דער אונטערנעמער מוז אין זיין קאַלקולאַציע רעכענען זיך מיט אַ בעשטימטען סכום ריוח, וועלכער, נישט־אָבהענגיג פון זיין ווילען, איז שוין פאַרהאַן פון פריהער, הגם ער, דער אונטערנעמער ווייסט גאָר נישט דערפון.

דער בלויזער פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ דורכשניטס־ריוח, גיט שוין דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע אַ טויט־קלאַפּ. און מיט וואָס וועדט זי זיך גענען דעם? — זי לייקענט דעם פאַקט פּשוט אָב. און דאָס קומט איהר דוקא נישט שווער אָן. וואָרום אין דער אַלטעגליכער פּראַקטיק זעהט מען דעם דורכשניט־ריוח נישט אָן און מען הערט גאָר נישט וועגען איהם. אָבער אין דעם בעשטעהט טאַקע דאָס וועזען פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע, אַז זי ציילט נור און בעשרייבט די אויבערפלעכלכסטע פּראָצעסען פון ווירטשאַפטליכען לעבען*). דאָס, וואָס מען זעהט נישט גלייך אויפ'ן ערשטען קוק, עקזיסטירט פאַר זיי נישט. אויפ'ן ערשטען בליק אָבער זעהט מען דוקא, אַז די דורכשניט־הויך פון ריוח איז אין פערשידענע

*) מאַרקס קאַפּיטאַל, ב״ד III, 1 טייל. ז. 342, זיין (דער וואולגאַר־עקאָנאָמיסט) טיפזיניגקייט בעשטעהט דאָ פונקט אַזוי ווי אומעטום נור אין דעם, וואָס ער זעהט נור די שטויב־וואָלקענס פון דער אויבערפלעך און וואָס די דאָזיגע שטויביגע (וואַהרהייט) זאָגט ער אַרויס מיט פּרעטענסיעס ווי עפּיס אַ געהיימניספולע בעדייטענדע זאַך״. (דייטש).

בראַנזשען פערשידען. אין איין בראַנזשע בעגעגענט מען געוועהנליך 25 פּראָצענט, אין אַנאַנדערער — 35, דאָ — 60 און דאָרטען 75. דאָס זעהט דער וואולגאַר-עקאָנאָמיסט. ער זעהט אָבער נישט, אַז די דאָזיגע פּראָצענטען זענען נור צוליב דעם אַזוי פערשידען, כדי נאָכ'ן אַראָבנעמען די זעהר פערשידענע אַלגעמיינע קאָסטען, זאָל בלייבען אַנ'אונגעפעהר גלייכער נעטטאָ-ריוח.

נאָך דעם אַלעם איז דאָך טאַקע באמת אַ חיות צו הערען, ווי ס'האָבען דעם ענין בעטראַכט די גרויסע פאָרשער אויפ'ן געביט פון ווירטשאַפטליכען לעבען, די, וועלכע זענען נישט יוצא-געווען מיט אַרומפליעסקען זיך פון אויבען, נאָר האָבען זיך טאַקע בעמיהט צו אויספאָרשען די צוזאַמענהאַנגען, און דעריבער טאַקע אויפגעטון עפּעס גרויסעס. זיי מוז יעדערער, אַליין איינס, צי ער איז מיט די רעזולטאַטען פון זייערע פאָרשונגען מסכים אָדער נישט, פערעהרען אַלס די קלאַסיקער פון אונזער וויסענשאַפט.

דוד ריקאַרדאָ, וועלכער האָט פון 1772 ביז 1823 געלעבט אין לאָנדאָן, איז לויט'ן בערוף געווען אַ פּראַקטישער באַנקיר און האָט זיך געמאַכט אַנ'אונשטערבליכ'ען נאָמען דורך זיינע פּאָליטיש-עקאָנאָמישע פאָרשונגען, שרייבט וועגען דעם פאָלגענדעס:

„ביי אַ געוועהנליכען גאַנג פון ווירטשאַפטליכען לעבען, קומט נישט פאָר, אַז וועלכע נישט איז סחורה, זאָל אַ לענגערע צייט צוגעשטעלט ווערען גענוי אין אַזאַ סכום, וועלכער ס'פאָדערט זיך דורך די בעדערפנישען און וואונשען פון די מענשען; און דעריבער האָט איהר נישט קיין סחורות, וועלכע זאָלען נישט זיין אונטערגעוואָרפען צופעליגע און צייטווייליגע פּרייז-ענדערונגען.

„נור אַדאַנק די דאָזיגע ענדערונגען פּאַסט-זיך-צו דער קאַפּיטאַל גענוי אין דער געפאָדערטער און נישט קיין אַנדערער מענגע דער פּראָדוקציע פון די פערשידענע סחורות, וועלכע ווערען דוקא געפאָדערט. מיט'ן שטייגען אָדער פאַלען פון די פּרייזען, הויבען זיך די ריוחים אויף אָדער זיי ווערען אַראָבגעדריקט אונטער זייער אַלגעמיינעם מצב פון גלייכגעוויכט-ליניע. דער רעזולטאַט פון דעם איז, אַז ענטוועדער

דער קאַפּיטאַל גיסט זיך אַריין אין דער בראַנזשע, אין וועל־כער די פּערענדערונג קומט־פאָר, אָדער ער גיסט זיך פון איהר אַרויס.

„כל־זמן יעדערען שטעהט פריי אַריינצולעגען זיין קאַפּיטאַל, וואו ס׳געפעלט איהם, וועט ער, פערשטעהט זיך, זעהן איהם אויף וואָס אַ בעסערען אופן אַריינצולעגען; ער וועט זיך געוויס נישט בעפרידיגען מיט 10 פּראָצענט, ווען, אַרויסציהענדיג זיין קאַפּיטאַל, קאָן ער דערגרייכען 15 פּראָצענט. דער דאָזיגער אונערמידליכער בעגעהר פון אַלע קאַפּיטאַל־בעזיצער, צו פער־לאָזען אַן ערגערען געשעפט צוליב אַ בעסערען, האָט אַ שטאַרקע טענדענץ אויסצוגלייכען די מאָס פון ריוח פאַר אַלעמען, אָדער איינצושטעלען אַזאַ פערהעלט־ניש צווישען די פערשידענע גרויסען פון ריוח, אַז לויט דער אָב־שאַצונג פון די בעטייליגטע, זאָל זיך דער אונטערשייד צווישען איין געשעפט און דעם אַנדערען סוף־כל־סוף אויסגלייכען. ס׳איז אפשר זעהר שווער נאָכצופאָרשען די אַלע שריט, דורך וועל־כע דער דאָזיגער איבערגאַנג (פון איין בראַנזשע צו דער צווייטער) ווערט דורכגעפיהרט: מסתמא קומט דאָס נישט אַזוי פאָר, אַז דער אונטערנעמער ענדערט אינגאַנצען זיין בראַנזשע, נאָר אויף אַזאַ אופן, אַז ער פערקלענערט דעם קאַפּיטאַל, וועל־כען ער האָט צו ליגען אין געשעפט.

„אין אַלע רייכע לענדער בעגעגענט איהר אַ געוויסע צאָהל מענשען, וועלכע בילדען דעם קלאַס פון געלד־בעזיצער; זיי פערנעמען זיך נישט מיט קיין געשעפטען, נאָר זיי לעבען פון די צינזען פאַר זייער געלד, וועלכעס ווערט אַריינגעלעגט אין בענק אָדער אין הלואות ביי די רידערעווידיגערע עלעמענ־טען פון דער געזעלשאַפט. די באַנקירען פערווענדען אויך אַ גרויסען טייל פון קאַפּיטאַל אויף דעמזעלבען אופן. דער דאָ־זיגער קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אַזוי אָנגעווענדט, בילדעט אַ בעדייטענדען אומלויפענדען קאַפּיטאַל און ווערט אין קלע־נערע אָדער גרעסערע חלקים אָנגעווענדט דורך אַלע פערשי־דענע געשעפטס־צווייגען פון לאַנד. איהר וועט אפשר נישט

געפינען קיין איין פאַבריקאַנט, אַפילו צווישען די רייכע, וועלכער פערגרעסערט זיין געשעפט נור אויף אַזוי פיל, ווי ס'ערלויבען זיינע מיטלען. שטענדיג פערווענדט ער אַ טייל פון דעם דערמאָנטען אומלויפענדען קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פערגרעסערט אָדער פערקלענערט לויט דעם, ווי שטאַרק ס'איז די נאָכפראַגע אויף זיינע סחורות. ווען די נאָכפראַגע אויף זיידענצייג פערגרעסערט זיך, אין דערזעלבער צייט, ווי די נאָכפראַגע אויף טוך פאַלט, דאַרף דער טוך־פאַבריקאַנט דווקא נישט אַריבערגעהן מיט זיין קאַפּיטאַל צו דער זיידען־בראַנזשע, ער זאָגט נור אָב אַ טייל פון זיינע אַרבייטער, ער הערט אויף צו באָרגען געלד ביי באַנקירען און געלד־בעזיצער; ביים זייד־פאַבריקאַנט קומט אין דערזעלבער צייט פאָר דער היפוך: ער האָט חשק צוצונעמען מעהר אַרבייטער און דאַרף דערום מעהר געלד באָרגען; ער באָרגט מעהר, און אויף אַזאַ אופן ווערט אַריבערגעטראָגען דער קאַפּיטאַל פון איין בראַנזשע אין דער צווייטער, און דערביי דאַרף קיין פאַבריקאַנט נישט אָבזאָגען זיך פון זיין געוועהנליכער בעשעפטיגונג״.

דאָ ווערט דער פּראָצעס פון אויסגלייכען די מאָס פון ריוח בעשריבען מיט אַזאַ פּלאַסטישע קלאָרקייט, אַז איצט פערשטעהט מען שוין אָהן ווייטערע פּירושים, פאַרוואָס אַ פּרינציפּיעלער וועזענטליכער אונטערשייד צווישען דער מאָס פון ריוח אין די פערשידענע בראַנזשען קאָן גאָר נישט פאָרקומען. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען ערקלערען, פאַרוואָס — ווי דאָס האָט בעמערקט אַדאַם סמיט — ווענדט זיך דער ריוח פון קאַפּיטאַל אָן דער גרויס פון אָנגעווענדעטען קאַפּיטאַל און איז קלענער אָדער גרעסער לויט דעם, צי דער קאַפּיטאַל איז גרעסער אָדער קלענער״. און אַזוי בלייבט דאָס טאַקע דערביי: יעדע הונדערט מאַרק פון אָנגעווענדעטען קאַפּיטאַל טראָגען־איין זייער בעזיצער אַנ׳ערך דעמזעלבען ריוח, אַלץ איינס וואו און ווי אַזוי דער דאָזיגער קאַפּיטאַל איז אַריינגעלעגט געוואָרען. אַנ׳אַלגעמיינע גלייכע דורכשניט־נאָרמע פון פּראָפיט פאַר אַלע בראַנזשען עקזיסטירט פאַקטיש.

7.

דער איבערגאַנג צום אַרבייטס-ווערט.

דער ריוח ענטשטעהט נישט — ווי ס'האָט געקאָנט אויסזעהן אויפ'ן ערשטען קוק — אויף אַזאַ אופן, אַז דער פאַבריקאַנט פון אַ סחורה שלאָגט אַרויף אויף די זעלבסט-קאָסטען אַזאַ הויכע סומע ווי ער וויל; ער קאָן נור צוגעבען אַזאַ ריוח-נאָרמע, וועלכע איז „אָנגענומען" אין זיין בראַנזשע. די דאָזיגע נאָרמע ווערט אָבער בעשטימט אָהן איהם, דורך פרעמדע אונבעקאַנטע כחות, וועלכע געוועלטיגען אויסער איהם. דער ריוח איז אַזוי אויסגערעכענט, אַז, אַראָברעכענענדיג די אַלגעמיינע קאָסטען, וועלכע ס'האָט יעדע בראַנזשע, בלייבט פאַר יעדער קאַפּיטאַל אונגעפער דער גלייכער נעטטאָ-ריוח. 100 מאַרק קאַפּיטאַל פון איין אונטערנעמונג, טראָגען איין אין דעמזעלבען משך צייט דעמזעלבען נעטטאָ-ריוח, ווי וועלכע נישט איז 100 מאַרק קאַפּיטאַל פון וועלכער נישט איז אַנדערער אונטערנעמונג. אָט דאָס זענען אַלץ פאַקטען וועגען דורכשניט-פּראָפיט.

פון די דאָזיגע פאַקטען דרינגט-אַרויס מיט אַן אייזערנער נויטווענדיגקייט, אַז דער ריוח פון יעדער איינצעלנער אונטערנעמונג, דאָס איז אַ גלייכער פּראָצענט-אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פּראָפיט-מאַסע, וועלכע האָט עקזיסטירט נאָך איידער ס'איז געמאַכט געוואָרען די קאַלקולאַציע פון די פרייזען. ס'מוז זיין אַ געוויסער סכום ווערט, וועלכער איז נישט אָבהענגיג פון די פאַבריקאַנטען און זייערע וואונשען, און וועלכען די פאַבריקאַנטען צוטיילען צווישען זיך לויט דער גרויס פון זייערע קאַפּיטאַלען. דער פּראָפיט איז עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט אָביעקטיוו, וואָס ווערט נישט געשאַפען ערשט דורך דער קאַלקולאַציע, דעם צושלאָג צום פרייז, דעם אונטערנעמערס בעגעהר צו בעקומען פּראָפיט.

נאָך דעם אַלעם קאָן מען דאָך אָבער פאָרט נישט אָבלייקענען, אַז דער פרייז פון יעדער איינצעלנער סחורה בילדעט זיך ווי אַ געוויסער מאָס פאַר אונזערע אויגען, אויף אַזאַ אופן, אַז

דער פאַבריקאַנט גיט צו צו זיינע זעלבסט-קאָסטען, דעם ריוח, וואָס קומט אויס אויף זיין חלק. די זעלבסט-קאָסטען זענען סיי סיי אַנ'אָביעקטיוו עקזיסטירענדע גרויס, וועלכע דער פאַבריקאַנט קאָן נור גאַנץ ווייניג אָדער בכלל נישט ענדערן. די סחורות, וועלכע ער קויפט-איין צו זיין פאַבריקאַציע, האָבן זייערע בעשטימטע פּרייזען, וועלכע ער מוז, אפשר מיט געוויסע וואַקלענישען, בעצאָהלען. איצט זעהען מיר, אַז דער פּראָפיט, וועלכען ער גיט צו, און וועגן וועלכען מען האַלט געוועהנליך, אַז ער איז אויפ'ן העכסטען גראַד אונטערגעוואָרפען דער פּערזענליכער השפעה פון פאַבריקאַנט (אָדער פון פערקויפער בכלל), — אַז דער דאָזיגער פּראָפיט איז אויך אַנ'אָביעקטיוו פאַרהאַנענע גרויס, (אויך, פערשטעהט זיך, מיט געוויסע שוואַנקונגען), מיט וועלכער דער פאַבריקאַנט מוז זיך אין אַלגעמיין רעכענען. דער רעזולטאַט איז: ביידע טיילען, פון וועלכע דער פּרייז פון סחורה ווערט צונויפגעשטעלט — זעלבסט-קאָסטען און פּראָפיט — עקזיסטירען ביידע אָביעקטיוו, זענען ביידע אונאָבהענגיג פון די סוביעקטיווע וואונשען און בעדערפענישען פון די בעטייליגטע. דער ווערט איז עפּעס אָביעקטיוועס, וואָס עקזיסטירט נישט נור אין אונזער געפיהל, וואָס ווערט נישט ערשט דורך אונזער געדאַנק אַריינגעלעגט אין די סחורות, נאָר איז עפּעס אַזוינס, וואָס שטעקט טאַקע פאַקטיש אין די סחורות. און איצט בלייבט אונז נאָך צו לעזען די פראַגע, וואָס אַזוינס איז דאָס דאָזיגע אָביעקטיווע, וואָס שטעקט אין די סחורות.

דער געדאַנק, אַז דאָס, וואָס גיט די סחורות זייער ווערט, איז די מענשליכע אַרבייט, דאָס איז לחלוטין נישט אַזאַ ווייטער, געקינסטעלטער געדאַנק, וועלכען מען האָט אַראָבגעשלעפּט פאַר די האָר, ווי די וואולגאַר-עקאָנאָמיע האָט ליב די זאַך פאָרצושטעלען. פערקעהרט, די געגענשטאַנדען פון אונזער געברויך — בכן יעדער „רייכטום" — בעקומען דאָס, וואָס מאַכט זיי פאַר אונז נוצליך, „ווערטפול" דורך אַרבייט. דער בוים אין אור-וואַלד האָט לכתחילה גאָר קיין ווערט נישט; ערשט ווען די אַרבייט נעמט איהם אַוועק פון זיין אָרט און צושניידט איהם אויף ברעטער, בע-

קומט ער ווערט. און וואָס ווייטער די בעאַרבייטונג געהט, אַלץ העכער ווערט דער ווערט. זענען די ברעטער ווי געהעריג צוזנגעשניטען, אויסגעהעבעלט און פּאָלירט, זענען זיי מעהר ווערט ווי אין רייען צושטאַנד. האָט מען ענדליך פון די ברעטער געמאַכט אַ באַנק, אַ טיש, אַ שאַנק, האָט זיך דער ווערט אויפגעהויבען נאָך העכער.

פאַר אַלעמען, וואָס נעמען אָנטייל אין דער פּראָדוקציע, איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די סחורות בעקומען זייער ווערט פון דער אַרבייט. דאָס ווייסען נישט נור די אַרבייטער, וועלכע פיהלען דאָס אינסטינקטיוו, נאָר אויך די פאַבריקאַנטען. פאַר יעדערען, וואָס איז אונמיטעלבאַר בעטייליגט אין דער פּראָדוקציע, איז דאָס אַ אײבערצייגונג, וועלכע איז איהם אַריין אין פלייש און בלוט, וואָרום ער האָט זי בעקומען פון זיין טאָג טעגליכער פּראַקטיק.

און דערום בעווייזט זיך דער געדאַנק זעהר פריה אויך אין דער וויסענשאַפט. מיר האָבען איהם שוין בעגעגענט ביי אַלבערטוס מאַגנוס אין 13-טען יאָהרהונדערט. (זעה אויבען). מיר האָבען פון איהם געבראַכט די ציטאַטע, אַז דער פּרייז מוז ענטהאַלטען אַן „ענטשעדיגונג לויט אַרבייט און קאָסטען". דער פערקויפער דאַרף בעקומען צוריק נישט נור דאָס, וואָס ער האָט אויסגעגעבען, נאָר אויך דעם ווערט, וועלכען ער האָט דורך זיין אַרבייט אַריינגעלעגט.

אָבער שוין דין דער דאָזיגער פּרימיטיווער פאָרם זעהען מיר די שוועריגקייטען פון דעם ענין. וויפיל מאַכט דאָס אויס? די קאָסטען, וועלכע עמיצער האָט אויסגעגעבען אויף אײַנקויפען מאַטעריאַלען און ווערקצייג, בעטרעפען אַ בעשטימטע סומע. אָבער די אַרבייט? ווי זאָל מען אָבשאַצען וואָס איינער האָט אויסגעגעבען אין מיה און אַרבייט אויף פּראָדוצירען אַ סחורה? ווי זאָל מען פערגלייכען אין ציפערן די אַרבייט, וועלכע איז נויטיג צו דער פּראָדוקציע פון אַ סחורה און איהר פּרייז?

אָט דאָס איז די פראַגע, וואָס זי צו לעזען, איז אין משך פון הונדערטער יאָהרען געווען די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. אויף דער אויפגאַבע האָבען די גלענ-

צענדליגע פאַרשער אָוועקגעלעגט זייערע גאַנצע כחות. מיר קאָנען דאָ דעם לאַנגען שווערען וועג פון דער אַרבייטס-טעאָריע אין זיינע פרטים נישט דורכגעהן. מיר קאָנען נור אָבשטעלען זיך אויף עטליכע פון אַ גאַנצער רייה בערידמטע נעמען, כדי צו ווייזען, מיט וואָס פאַר אַן אונבעשרייבליכער מיה, שריט ביי שריט, מען האָט זיך דערנענטערט צו דער לעזונג פון דער דאָזיגער פראַגע, ביז וואַנען זי איז ענדליך געפונען געוואָרען.

8.

דער לייזונגסוועג פון דער אַרבייטס-ווערט-טעאָריע.

פאַר דעם פאָטער פון דער אַרבייטס-ווערט-טעאָריע האַלט מען אומעטום וויליאַם פעטטי, אַן ענגלענדער, וועלכער האָט געלעבט פון יאָר 1623 ביז 1687. לויט דער פראָפעסיע איז ער געווען אַ רופא, דער גענעראַל-דאָקטאָר פון דער אַרמיי אין אירלאַנד. אָבער ער האָט געקראָגען אַ שם צוליב זיינע עקאָנאָמישע אַרבייטען. אויף דער פראַגע, ווי הויך דער פרייז פון אַ סחורה דאַרף זיין, אַז ער זאָל קאָנען צוריקקערען דעם פערקויפער דאָס, וואָס ער האָט אַריינגעלעגט אין אַרבייט, ענטפערט פעטטי: דער פרייז פון צוויי סחורות (צווישען דעם אויך גאָלד און זילבער) איז דאַן גלייך, ווען איך קאָן מיט דעמזעלבען סכום אַרבייט שאַפען די אָדער יענע פון די דאָזיגע צוויי סחורות. סיי דער קויפער, סיי דער פערקויפער מוזען בכן אויסטיישען צווישען זיך אַזעלכע סחורות, וועלכע יעדערער פון זיי וואָלט געקאָנט מעשאַפען מיט גלייכען סכום אַרבייט, ווען קיין אויסטויש וואָלט נישט פאָרגעקומען.

נאָך פשוטער אָפשר זאָגט דאָס זעלבע אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויסגעזאָגט דער אַמעריקאַנער בעניאַמין פראַנקלין (1706—1790) *):

„לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אימיצער איז פערנומען מיט פראָדוצירען קאָרן, בעת אַ צווייטער גראָבט-אויס און בעאַרבייט

*) ציטירט ביי קאַרל מאַרקס „צו דער קריטיק פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע“ שטוטגאַרט, דיעטץ 1827, ז. 37

זילבער. צום סוף יאָר, אָדער נאָך אַנאַנדער משך צייט זענען די פולע סכומען פּראָדוצירטע קאָרן און זילבער נאַטירליכע פּרייזען (איינער פון דעם צווייטען), און ווען קאָרן איז דאָ 20 מאָסען און זילבער 20 אונצען, דאַן איז איין אונץ זילבער ווערט אַזויפיל, ווי די אַרבייט, וועלכע ווערט אַריינגעלעגט אין דער פּראָדוקציע פון אַ מאָס קאָרן. ווען אָבער אַדאַנק דער אנטדעקונג פון נייערע, רייכערע גרובען, קאָן איצט איין מענש פּראָדוצירען 40 אונצען אַזוי לייכט ווי פריהער 20, און צו דער פּראָדוקציע פון 20 מאָס קאָרן בלייבט נויטיג דיזעלבע אַרבייט ווי פריהער, דאַן וועלען צוויי אונצען נישט מעהר ווערט זיין ווי איין מאָס קאָרן, און די מאָס, וועלכע האָט פריהער געקאָסט איין אונץ, וועט איצט קאָסטען צוויי אונצען. פערשטעהט זיך, אויף וויפיל די אַנדערע זייטיגע אומשטענדען האָבען זיך נישט געענדערט. אויף אַזאַ אופן דאַרף דאָס רייכטום פון אַ לאַנד אָבגעשאַצט ווערען דורך דעם סכום אַרבייט, וועלכען זיינע איינוואוינער זענען אימשטאַנד צו קויפען".

ביי אַ שטרענג לאָגישען דענקען, מוז צו אַזאַ אויפפאַסונג יעדער קומען.

אויב מיר זאָלען אויף אַ ווײַלע פערגעסען וועגען דער פערפלאָנטערטקייט פון היינטיגען ווירטשאַפטליכען לעבען און זאָלען זיך פאָרשטעלען דאָס פערהעלטניש צווישען קויפער און פערקויפער אין זיין איינפאַכסטער פּרימיטיווסטער פאָרם, זעהען מיר, אַז סיטשטעהען איינע אַנטקעגען דער אַנדערער צוויי פּערזאָנען, וועלכע ווילען זיך געגענזייטיג פערקויפען זייערע אייגענע פּראָדוקטען, געגענשטאַנדען, וועלכע זיי האָבען געשאַפען מיט זייער אייגענער אַרבייט. למשל, אין אַ גאַנץ פּרימיטיווען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד לעגט אַ יעגער פאַר דעם וואָפען-שמיד אויסצוטוישען אַ פעל אויף פיילען. דער יעגער וועט געוויס פערלאַנגען פאַר אַ בערישע פעל, פונקט אַזויפיל פיילען, וויפיל ער וואָלט אַליין געקאָנט שאַפען מיט דערזעלבער אַרבייט, וועלכע איז נויטיג געווען, כדי צו יאָגען זיך נאָכ'ן בער, צו הרג'ענען איהם און אָבצושינדען זיין הויט. דעם בער'ס פעל און די פיילען זענען בכן אויף

אַזוי פיל גלייך לויט זייער ווערט, אויף וויפיל אין ביידע זאַכען שטעקט דער גלייכער סכום אַרבייט.

דאָס זעהט־אויס פשוט און קלאָר. פונדעסטוועגן איז דאָס נישט אינגאַנצען ריכטיג אַפילו פאַר די פרימיטיווסטע צייטען, וועגען וועלכע ס'איז ביזאַהער געווען די רייד. שוין דאָ ווערען געהאַלטען פאַר גלייכע צוויי כמו'ען אַרבייט, וועלכע זענען נישט גאָר גלייך. ווייבאַלד די טיילונג פון דער אַרבייט האָט אָנגענומען אַ מעהר ווייניגער שטענדיגען כאַראַקטער, ווייבאַלד איינער אַרבייט־אויס אַלס כלל האָפען, דער צווייטער פערנעמט זיך, אַלס כלל מיט יאַגד, און ביידע גיבען זיי זיך אָב מיט אַנדערע אַרבייטען נור נעבענביי, וואָלט דער יעגער, ווען ער וואָלט געוואָלט אַליין מאַכען פיילען, געברויכט אַ סך מעהר צייט און אַרבייט, ווי דער וואָפענשמיד, וועלכער איז שוין געאיבט אין אַזאַ אַרבייט. נאָך אין אַ ווייט גרעסערער מאָס קאָן מען דאָס זאָגען בנוגע דער צייט, אין וועלכער ס'האָבען געלעבט פעטטי און פראַנקלין. דעמאָלט איז די אַרבייט־טיילונג שוין געווען דורכגעפיהרט פון הונדערטער יאָרען־אָן, און זי איז געווען ענטוויקעלט אין אַלע איהרע פרטים. אַנ'ענגלישער ערד־אַרבייטער וואָלט, למשל, אויף פראָדוצירען אַן אונץ זילבער, און אויסערדעם נאָך ברענגען זי קיין ענגלאַנד, בעדאַרפט האָבען אַ סך מעהר צייט, ווי אַ פראָפעסיאָנעלער זילבער־פראָדוצירער.

אמת, פעטטי און פראַנקלין רעדען נישט וועגען דער אַרבייט, וועלכע די פראָדוקציע האָט געזאָלט דעם קונה קאָסטען, נאָר וועגען דער אַרבייט, וועלכע זי האָט דעם פערקויפער פאַקטיש געקאָסט. פונדעסטוועגן איז נאָך אַ פראַגע, צי זיי האָבען זיך אָבגעגעבען אַ חשבון וועגען דעם דאָזיגען אונטערשייד. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, קלאָר האָט דעם דאָזיגען ענין אַוועקגעשטעלט ערשט אַדאַם סמיט*) אין זיין בוך פון 1776 „פאָרשונגען

---

*) ער האָט געלעבט פון 1723—1790, איז געווען אַ פראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט, איז זיינע לעצטע יאָהרען צאָל־קאָמיסאר אין שאָטלאַנד.

זועגען דעם עצם און די סיבות פון נאַציאָנאַלען רייכטום". ער שרייבט דאָרטען:

„אויף דער ערשטער פרימיטיווער מדרגה פון דער געזעל־שאַפט, ווען מ'האָט נאָך נישט געוואוסט פון זאַמלען קאַפּיטאַל און פון פערכאַפּען ערד אַלס אייגענטום, איז דאָס פערהעלטניש צווישען די סכומ'ען אַרבייט, וועלכע זענען נויטיג צו שאַפען פערשידענע געגענשטאַנדען, געווען, דוכט זיך, די איינציגע זאַך, וועלכע קאָן דינען אַלס מאָס ביים אויסטוישען איין געגענ־שטאַנד אויפ'ן צווייטען. ווען, למשל, ביי אַ פאָלק פון יעגער קאָסט הרג'ענען און אַוועקלעגען אַ ביבער צוויי מאָל אַזויפיל אַרבייט, ווי הרג'ענען און אַוועקלעגען אַ סאַרנע, מוז, פערשטעהט זיך אַ ביבער קאָסטען אַזויפיל, ווי צוויי סאַרנעס. ס'איז פער־שטענדליך, אַז דאָס, וואָס איז געווענליך אַ פּראָדוקט פון צוויי טעג, אָדער צוויי שעה אַרבייט, מוז ווערט־זיין צוויי מאָל אַזוי־פיל, ווי דער פּראָדוקט פון אַ איין־טאָגיגער אָדער איין־שעה־די־גער אַרבייט".

דאָס, — זאָגט אַדאַם סמיט, — איז געווען דער מאַסשטאַב ביים אויסטוישען אין יענעם פרימיטיווען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, ווען מ'האָט נאָך נישט געוואוסט פון אָנזאַמלען קאַפּיטאַל און פון קיין פּריוואַט־אייגענטום אויף דער ערד. „אין דעם דאָזיגען צו־שטאַנד, — שטעהט ווייטער — (ז. 66) געהערט דער גאַנצער פּראָ־דוקט פון דער אַרבייט דעם אַרבייטער".

אָבער אין 18־טען יאָרהונדערט איז פון אַזעלכע פערהעלטני־שען קיין זכר מעהר נישט געבליבען, די צייטען האָבען זיך ראַדיקאַל געענדערט. אין פינפטען קאַפּיטעל פון ערשטען בוך שרייבט אַדאַם סמיט:

נאָכדעם, ווי די צעטיילונג פון דער אַרבייט איז אומעטום איינגעפיהרט געוואָרען, קאָן די אייגענע אַרבייט פון אַ מענשען איהם פערזאָרגען נור מיט אַ גאַנץ קליינעם טייל פון די דאָ־זיגע זאַכען (וועלכע זענען נויטיג צום לעבען); דעם ווייט גרעסערען טייל מוז ער בעקומען פון פרעמדער אַרבייט... פאַר דעם, וואָס האָט וועלכע־נישט־איז סחורה און איז נישט בדעה

אַליין זי צו געברויכען, נאָר ער וויל זי אויסטוישען אויף אַנדערע סחורות, איז איהר ווערט גלייך אַזאַ סכום אַרבייט, וועלכע ער קאָן פאַר איהר קויפען אָדער בעקומען אין זיין רשות... דער אמת'ער פרייז פון אַ סחורה, דאָס, וואָס אַ זאַך קאָסט פאַקטיש יענעם, וואָס וויל זי בעקומען, איז די מיה און אַרבייט, מיט וועלכער איהם קומט־אָן זי צו בעשאַפען. יעדע זאַך, וועלכע איהר פערמאָגט און ווילט אָבגעבען אַן אַנדערען אָדער אויסטוישען אויף עפּעס אַנדערש, איז פאַקטיש אַזויפיל ווערט, ווי די מיה און אָנשטרענגונג, וועלכע זי קאָן אייך איינשפּאָרען אָדער וועלכע איהר קאָנט (אַראַנק איהר) אַרויפוואַרפען אויף אַנדערע".

ס'איז קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך וועגען צוויי פערשידענע סכומ'ען אַרבייט. נאָר דאָס איז נישט דער עיקר. ענטשיידענד איז דאָס, וואָס אין פעטטי'ס און פראַנקלין'ס צייטען איז מען שוין אַוועק ווייטער פון דעם פאָרגעשריטענעם מצב פון דער איינפאַכער אַרבייטס־טיילונג. ביי אַזאַ טיילונג פון דער אַרבייט סיי דער פערקויפער, סיי דער קויפער — דער בעזיצער פון אַ סחורה, וועלכע ער האָט אַליין געשאַפען. דער דאָזיגער צושטאַנד איז שוין לאַנג פאַרבייגעגאַנגען, און אַדאַם סמיט האָט מאַקע פערשטאַנען, אַז צוליב דעם קאָן דאָס געזעץ פון ווערט אין דער פרימיטיווער פאָרמולירונג פון פעטטי און פראַנקלין נישט גילטען.

אַ נייער, אַן אַנדערער מצב איז געקומען, און ס'איז נויטיג געווען אויסצופאָרשען, פון וואָס אין דעם דאָזיגען נייעם צושטאַנד הענגט־אָב דער פרייז פון סחורות.

מיר ווייסען שוין, אַז דער אינסטינקט פון די אונמיטעלבאַר־בעטייליגטע אין אַפּשוט'ע איבערלעבונג פיהרט אונז צו דער ערקלערונג, אַז דער ווערט ענטשטעהט דורך אַרבייט. ווען מיר שטעלען זיך נאָך, אַ חוץ דעם, פאַר דעם מצב פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע: איינעם געהערען די פּראָדוציר־מיטלען, דער אַנדערער פערשטעהט, ווי צו בעגעהן זיך מיט זיי און פיהרט־אויס די אַרבייט, און דערביי ווערט דער פאַרטיגער פּראָדוקט נישט קיין אייגענטום פון אַרבייטער, נאָר ער בלייבט ביים בעזיצער פון די פּראָדוציר־מיט-

לען — מוזען מיר, ביי אַ קלאָרען לאָגישען דענקען, קומען צו פאָלגענדען אויספיהר:

דער ווערט פון דער פאַרטיגער סחורה שטעלט זיך צונויף פון דער גאַנצער אַרבייט, וועלכע איז אָנגעווענדעט געוואָרען ביים פראָדוצירען זי. די דאָזיגע אַרבייט האָט געקויפט דער קאַפּיטאַליסט, און די סחורה איז, אַדאַנק דעם, געוואָרען זיין אייגענטום. לאָמיר זיך צוקוקען צו דעם, וואָס פאַר אַן אַרבייט דער קאַפּיטאַליסט האָט געקויפט און פאַר וואָס פאַר אַ אַרבייט ער האָט בעצאָהלט, וועלען מיר מוזען בעקומען די סומע פון ווערט, וועלכער שטעקט אין דער סחורה.

אויפ׳ן ערשטען אָרט זעהען מיר דאָ די אַרבייט, וועלכע איז אויסגעפיהרט געוואָרען ביי דער פאַבריקאַציע, בכן אין אַ טוך־פאַבריק, למשל, דאָס וועבען. דערפאַר בעצאָהלט דער קאַפּיטאַליסט אַ בעשטימטען לוין, און אויף אַזאַ אופן ווערט דער א ר ב י י ט ס־ל ו י ן דער ערשטער בעשטאַנד־טייל פון ווערט פון דער פאַרטיגער סחורה. אָבער אַחוץ דער דאָזיגער לעצטער אַרבייט, וועלכע דאַרף געטון ווערען, איז נאָך נויטיג, אַז ס׳זאָל זיך געפינען אַ סכום פריהער אויסגעפיהרטע אַרבייט. דער פאָדים, פון וועלכען דער שטאָף דאַרף ווערען געוועבט, מוז שוין פריהער ווערען אויסגעשפינט, די וואָל אָדער באַוועל מוז אויסגעאַרבייט ווערען אין דער לאַנדווירטשאַפט, מען מוז מאַכען דעם וועבשטול און אַ סך אַנדערע מאַשינען און אַפּאַראַטען, מען מוז אוועקשטעלען די פאַבריק־געביידען, עס מוזען אויסגעגראָבען ווערען פון דער ערד און צוגעשטעלט ווערען אויפ׳ן אָרט קוילען. פאַר דעם אַלעם בעצאָהלט דער קאַפּיטאַליסט ביים איינקויפען די פראָדוציר־מיטלען. און אויף אַזאַ אופן שטעלט זיך צונויף (אַזוי דוכט זיך אויס) דער ווערט פון דער פאַרטיגער סחורה פון צוויי בעשטימטע סומען: ערשטענס, פון דעם אַ ר ב י י ט ס־ל ו י ן, און צווייטענס, פון דעם פרייז פון די פ ר אָ ד ו צ י ר־מ י ט ל ע ן.

מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז די דאָזיגע פראָדוציר־מיטלען זענען אַליין אויך פראָדוקטען פון אַ פריהערדיגער אַרבייט. זייער אייגענער ווערט — דאָס איז דער פרייז, וועלכען דער טוך־

פאַבריקאַנט מוז פאַר זיי בעצאָהלען — שטעלט זיך פון זיין זייט צונויף פונקט אויף דעמזעלבען אופן, פון דעם ווערט פון די פראָדוציר-מיטלען, וועלכע ווערען אָבגענוצט ביים פראָדוצירען זיי (די פראָדוציר-מיטלען פון דער טוך-פאַבריקאַציע), פלוס דעם אַרבייטס-לוין, וועלכער ווערט דערביי בעצאָהלט. און ווען מיר געהען אַזוי צוריק צו דער אור-פראָדוקציע — בערגבוי, לאַנדווירטשאַפט — קומען מיר צו אַ פראָדוקציע, וועלכע נויטיגט זיך בכלל מעהר נישט אין קיין פראָדוציר-מיטלען. היינט-צו-טאָג ווערט אַפילו די דאָזיגע פראָדוקציע, כדי צו פערגרעסערן די פראָדוקטיוויטעט, אויך געפיהרט מיט ווערקצייג און אַפילו מיט מאַשינען. אָבער מען קען זיך דאָך פאָרשטעלען, אַז, למשל, אַ שטראָם טרייבט גאָלד-זאַמד אויף אַזאַ בעקוועמען אופן, אַז מען קען עס פשוט קלייבען מיט די הענד. דעמאָלט זענען צו דער גאָלד-פראָדוקציע קיין פראָדוציר-מיטלען לגמרי נישט נויטיג, און פאַר דער פראָדוקציע פון דעם דאָזיגען גאָלד דאַרף מען נור בעצאָהלען אַזויפיל, ווי עס מאַכט אויס דער לוין פון די אַרבייטער, וועלכע קלייבען איהם אַרויס. אויף אַזאַ אופן קען מען דעם ווערט פון אַלע סחורות סוף-כל-סוף ברענגען צו אַרבייטס-לוין. אַלץ, וואָס ווערט ווי נישט איז בעצאָהלט פאַר וועלכער נישט איז אַ סחורה, שטעלט זיך סוף-כל-סוף צונויף פון אַרבייטס-לוין, און דער אַרבייטס-לוין איז, ווי ס'זעהט אויס, דער איינציגער בעשטימטער יסוד פון די פרייזען. דערמיט, וואָלט זיך געקאָנט דוכטען, איז די שווערע פראַגע געלעזט. וואָרום דער אַרבייטס-לוין איז אַ בעשטימטע סומע. אויף דער פראַגע: וויפיל האָס בעטרעפט, דאָס, וואָס די אַרבייט לעגט אַריין אַלס ווערט אין די סחורות, וואָלט מען געקאָנט ענטפערן: אַזויפיל, ווי עס קאָסט די אַרבייט אַליין, ד. ה., ווי ס'מאַכט אויס דער אַרבייטס-לוין.

די גרויסקייט און די בעדייטונג פון אַדאַם סמיט האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען אין דעם, וואָס ער האָט דעם דאָזיגען פעהלער נישט, אָדער לפחות נישט אינגאַנצען בעגאַנגען. ער פיהרט דעם דאָזיגען געדאַנק נישט דורך מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענץ, ווייל ער פיהלט בעשיינפערליך, אַז דאָ מוז שטעקען עפּעס אַ פעהלער, הגם איהם האָט זיך נישט איינגעגעבען איהם אויפצודע-

קען. דער לעצטער אויספיהר, אז דער ווערט פון א סחורה בעשטעהט נור פון ארבייטס־לוין, איז אזוי פאלש, אז ער דארף איהם מורא צו מאכען *). ס'איז פשוט נישט ריכטיג, אז פאר סחורות בעצאהלט מען נור ארבייטס־לוין; פון זיי לעבען דאך נישט נור די ארבייטער, נאר אויך אנדערע פערזאנען ציהען פון זיי זייערע הכנסות. אדאם סמיט פערמאכט נישט די אויגען אויף דעם דאזיגען פאקט: דער דאזיגער פאקט צווינגט איהם צו ענדערן דעם גאנג פון זיינע געדאנקען, און צום סוף נישט גאר קאנסעקווענט צו ערקלערען: דער פרייז שטעלט זיך צונויף נישט נור פון ארבייטס־לוין אליין, נאר פון ארבייטס־לוין, קאפיטאל־פראפיט און באדען־רענטע. די דאזיגע דריי סומען מוז דער קאפיטאליסט בעצאהלען פאר דער פראדוקציע פון דער סחורה, זיי פערעכענט ער דאס דעם קונה, און אויף אזא אופן בעשאפט זיך דער פרייז.

„ארבייטס־לוין, קאפיטאל־פראפיט און באדען־רענטע — זיינען די דריי וועזענטליכע קוועלען פון אלע הכנסות און אלע טויש־ווערטען...“

און פון דעם מאכט ער דעם אויספיהר:

„ווען דער פרייז פון א סחורה איז נישט העכער און נישט נידריגער, ווי ער דארף צו זיין, כדי לויט דער נאטירליכער נארמע צו דעקען די באדען־רענטע, דעם לוין פאר דער ארבייט און דעם פערדינסט פון קאפיטאל, וועלכע ווערען פערווענדעט אויף פראדוצירען, צוגרייטען און אריבערפיהרען אויפ'ן מארק די סחורה, ווערט די סחורה פערקויפט פאר א פרייז, וועלכען מען קאן אנרופען דעם נאטירליכען פרייז. די סחורה ווערט דעמאלט פערקויפט פאר אזוי פיל, ווי זי איז ווערט, אדער וואס זי קאסט פאקטיש דעם, וואס ברענגט זי אויפ'ן מארק“.

די סחורה איז ווערט אזויפיל, ווי זי קאסט פאקטיש דעם,

*) דורך דעם אונטערשיידט ער זיך גינסטיג פון דער היינט אנגענומענער פאליטישער עקאנאמיע, וועלכע הערט איצט דוקא נישט־אויף, יעדע פערטייערונג אדער פערבילליגונג פון די סחורות צו ערקלערען דורכ'ן שטייגען אדער פאלען פון ארבייטס־לוין.

וועלכער ברענגט זי צום פערקויפען — אַז דאָס איז דער לעצטער אויספיהר, צו וועלכען עס קומט אַדאַם סמיט.

* * *

ווידער מיר געהען־אַריבער צו דער קריטיק פון דער דאָזיגער טעאָריע, איז כדאי צו בעמערקען, אַז סמיט'ס גרויסער יורש דאַוויד ריקאַרדאָ (1772—1823) האָט אין איהר גאַנצע פּרינציפּיעלע ענדערונגען נישט אַריינגעבראַכט. ער פיהרט נאָר איין אַנאונטערשייד צווישען אַזעלכע פּראָדוקטען, וועלכע קאָנען פערמעהרט הערען אָהן אַ שיעור און אַזעלכע, וועלכע עקזיסטירען נור אין אַ בעשטימטער צאָהל, ווי, למשל, זעלטענע סטאַטוען און בילדער, זעלטענע ביכער און מטבעות, וויינען פון אַ בעזונדערען מין", וועלכע וואַקסען אויף אַ ספּעציעלען באָדען, וואָס מען טרעפט איהם זעהר זעלטען. דער טויש־ווערט פון די דערמאָהנטע פּראָדוקטען, זאָגט ריקאַרדאָ, איז גאָר נישט אָבהענגיג „פון דער אַרבייט, וועלכע איז נויטיג צו זייער פּראָדוקציע", עד ווערט „אויסשליסליך בעשטימט דורך זייער זעלטענקייט", וואָרום *):

„דורך קיין אַרבייט וועט איהר די צאָהל פון די דאָזיגע פּראָדוקטען נישט פערגרעסערען, און דערום קאָן זייער ווערט נישט פערקלענערט ווערען דורך אַ פערגרעסערטען אָנבאָט".

מען קאָן נישט אָבלייקענען, אַז ריקאַרדאָ האָט דאָ אויס אַ לאָך, דורך וועלכער דער גאַנצער בנין פון דער אַרבייטס־ווערט־טעאָריע קאָן זיך צופאַלען. וואָרום, ערשטענס, פיהרט ער דאָ דעם ווערט ווידער אַרויס פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, הגם אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער מיט דער גרעסטער בעשטימטקייט:

„סוף־כל־סוף ווערט דער פּרייז פון די סחורות רעגולירט דורך די פּראָדוציר־קאָסטען און נישט, ווי מען האָט אָפט געזאָגט, דורך דאָס פערהעלטעניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע".

---

*) ריקאַרדאָ. יסודות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פון שטייער־ווענען 1817. (דייטשע איבערזעצונג פון ענגליש).

צווייטענס, זענען סחורות מיט אַ „זעלטענקייטס־ווערט" גאָר נישט אַזאַ אויסנאַהמע, ווי ריקאַרדאָ גלויבט. צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע געהערען נישט נאָר די דורך ריקאַרדאָן אויסגערעכנטע קונסטווערק, וועלכע עקזיסטירען בכלל נור איין מאָל, און די פּראָדוקטען פון אַ בעזונדערען באָדען, פון וועלכען ס'קאָן נור אַזוי פיל געשאַפען ווערען, וויפיל דער דאָזיגער באָדען גיט־אַרויס — דאָס קאָן מען אגב זאָגען אויך וועגען בעזונדערע גוטע קוויהלען, ערצען, מינים האָלץ, לוים א. אַז. וו. — דאָ קאָנען צוגערעכנט ווערען אויך סחורות, וועלכע ווערען געמאַכט דורך בעזונדערס פעהיגע בעלי־מלאכות; סחורות, וועלכע ווערען מאָנאָפּאָליזירט נישט דורך דער נאַטור, נאָר דורך מענשען. קורץ, בכלל סחורות, וועלכע ווערען פּראָדוצירט אין בעזונדערע בעדינגונגען. ס'קומט אייגענטליך פאָר ביי יעדער סחורה, הגם אָפט נור צייטווייליג, אַז זי קאָן פאַבריצירט ווערען נור אין אַ בעגרענצטען סכום, און אויף אַזאַ אופן וואָלט דורך דעם דאָזיגען דורכבליק (וועלכען ריקאַרדאָ האָט דאָ געמאַכט), געקאָנט די גאַנצע ערקלערונג פון ווערט דורך אַרבייט, אַרויסגליטשען זיך, און אויף איהר אָרט וואָלט געבליבען די ערקלערונג דורך „זעלטענקייט", ד"ה דורך אָנבאָט און נאָכפראַגע. אָבער אַזוי ווי מיר האָבען זיך שוין איבערצייגט, אַז מיט דער דאָזיגער ערקלערונג קאָנען מיר נישט אויסקומען, מוזען מיר די אויסנאַמע, וואָס ריקאַרדאָ האָט געמאַכט אין דער אַרב.־ווערטס־טעאָריע, מיט דער גרעסטער ענטשידענקייט אָפּוואַרפען. אויב דער כלל, אַז דער ווערט פון סחורות ווערט בעשטימט דורך אַרבייט, איז ריכטיג, מוז ער גילטען אָהן שום אויסנאַהמען פאַר אַלע סחורות. אַחוץ דער דאָזיגער אויסנאַהמע, ווי ס'איז צו זעהן פון דער אויבען געבראַכטער שטעלע, האַלט זיך ריקאַרדאָ נאָך שטרענגער ווי אַדאַם סמיט ביי דער טעאָריע, אַז נור די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען קאָנען בעשטימען דעם ווערט פון דער סחורה.

* *

*

נישט איין זאַך וואָלט מען אויך אין דער דאָזיגער טעאָריע געקאָנט קריטיקירען; אויך זי קאָן אונז נישט פולשטענדיג

בעפרידיגען. מיר האָבען געזעהן, אַז אַדאַם סמיט איז געווען גע־צוואונגען דעם ווערט אַרויסצופירען נישט נור פון אַרבייטס־לוין; ער האָט געמוזט אויך די באָדען־רענטע און דעם קאַפּיטאַל־פּראָ־פיט אַוועקשטעלען אויף איין מדרגה ווי דעם לוין. לכתחילה איז זיין געדאַנק געווען אַזאַ: ווערט — איז אַרבייט; אַ סחורה האָט אַזוי פיל ווערט, ווי ס'שטעקט אין איהר אַרבייט; ס'שטעקט אין איהר אַזוי פיל אַרבייט, פאַר וויפיל דער קאַפּיטאַליסט האָט בעצאָהלט. אויף אַזאַ אופן קומט ער צום אויספיהר: ווערט — איז אַרבייטס־לוין.

אָבער דאָ בלייבט ער שטעהן דערשראָקען און דער געדאַנק געהט ביי איהם אַוועק אָן אַ זייט: די הויך פון פּרייז ענטשטעהט אויף אַזאַ אופן, אַז כאַדי דער סחורה ווערט בעצאָהלט אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נויטיג, אַז אַלע, וואָס האָבען אַ וועלכע נישט איז שייכות צו דער פּראָדוקציע, זאָלען פון דעם קענען לעבען. אַ שייכות צו דער פּראָדוקציע האָבען אָבער נישט נור אַרבייטער; דערום שטעלט זיך דער ווערט צונויף נישט נור פון אַרבייטס־לוין, נאָר אויך פון קאַפּיטאַל־פּראָפיט און באָדען־רענטע.

אַוועקשטעלען אויף איין מדרגה דעם אַרבייטס־לוין מיט'ן קאַ־פּיטאַל־פּראָפיט און דער באָדען־רענטע, קען מען אָבער נישט. און דאָס דאָס ווידער קיינער נישט בעוויזען בעסער ווי אַדאַם סמיט אַליין:

„ס'וואָלט זיך געקאָנט דוכטען, שרייבט ער, אַז דער קאַפּי־טאַל־פּראָפיט איז נור אַן אַנדער נאָמען פאַר'ן לוין פון אַ בעזונדער מין אַרבייט, פון דער אַרבייט, וועלכע בעשטעהט אין אויפזעהען און לייטען. דער קאַפּיטאַל־פּראָפיט איז אָבער נאָר עפּעס אַנדערש; ער ווערט בעשטימט דורך גאַנץ אַנדערע יסודות און העננט נישט אָב פון דעם סכום און שווערקייט פון דער אַרבייט צו אויפזעהען און לייטען, און אויך נישט פון דעם טאַלאַנט, וועלכען די דאָזיגע מיה פערלאַנגט. (דער קאַפּי־טאַל־פּראָפיט) ווענדעט זיך אייגענטליך אָן דעם ווערט פון אָנגעווענדעטען קאַפּיטאַל און ער איז גרעסער אָ'ער קלענער לויט דעם, צי דער קאַפּיטאַל איז גרעסער אָדער קלענער... בכן בילדעט אין די פּרייזען פון די סחורות דער קאַפּיטאַל־פּראָפיט אַ

בעשטאַנד-טייל, וועלכער איז דורכאויס פערשידען פון דעם אַרבייטס-לוין, ער ווערט רעגולירט לויט גאַנץ אַנדערע יסודות".

ס'קאָן בכן נישט מעגליך זיין, אַז דער קאַפּיטאַל-פּראָפיט זאָל אויפ'ן ווערט פון דער סחורה ווירקען אויף דעמזעלבען אופן, ווי דער אַרבייטס-לוין.

און נישט נור די שווערינקייט, נאָך אַנ'אַנדערע מניעה ווערט בולט דוקא דורך דער קלאָרקייט און דורכזיכטינקייט, מיט וועלכער סמיט שטעלט-פאָר דעם ענין. אויב דער ווערט פון דער סחורה הענגט-אָב פון דער הויך פון אַרבייטס-לוין, אָן וואָס ווענדט זיך דאַן די הויך פון אַרבייטס-לוין גופא?

אויף דעם געפינען מיר אַנ'ענטפער אויף דעמזעלבען אָרט: „לויט דעם סכום און דער שווערקייט פון דער אַרבייט און לויט דעם טאַלאַנט, וועלכען זי פאָדערט". וואָס איז דאָס אָבער אַזוינס? וויפיל איז דאָס? ווי גרויס זענען זיי, די דאָזיגע דריי זאַכען? צי לאָזען זיי זיך אויסדריקען אין צאָהלען? — ס'איז בעשיינפערליך, אַז נישט! און אויב אַזוי, זענען מיר געבליבען שטעהן ביי גאָר דער ערשטער מניעה, מיר האָבען קיין שריט ווייטער נישט געמאַכט. לאָמיר זיך נור דערמאָנען: אויבען האָבען מיר שוין בעוויזען, אַז ס'גערט וועגען דעם, אַז די מיה און די אַרבייט, וועלכע איז נויטיג כדי צו בעשאַפען אַ סחורה, זאָל אויסגעדריקט ווערען אין צאָהלען, אַז ס'זאָל געשאַפען ווערען אַ צאָהל-גלייכונג צווישען דער אַרבייט, דורך וועלכע אַ סחורה איז ענטשטאַנען, און איהר פּרייז. אויף צו לעזען די דאָזיגע אויפגאַבע האָבען געאַרבייט פאָרשער אין אַ משך פון פיר הונדערט יאָהר, ביז אַדאַם סמיט און ריקאַרדאָ. מען האָט געמיינט, אַז מען האָט די לעזונג געפונען, ווען מען האָט פערביטען די אַרבייט מיט'ן אַרבייטס-לוין. ווילען מיר אָבער וויסען, ווי אַזוי האָבען זיך צונויפגעשטעלט די ציפערן פון לוין, שיקט מען אונז אָב צו „דעם סכום און דער שווערקייט פון דער אַרבייט און דעם טאַלאַנט, וועלכען זי פאָדערט" — אַלץ בעגריפען, וועלכע קאָנען ווידער נישט אויסגעדריקט ווערען אין צאָהלען; מיט איין וואָרט, די אויפגאַבע איז נישט געלעזט, זי שטעהט פאַר אונז אַזוי ווי זי איז געווען פון אָנהויב אָן.

אַדאַם סמיט גיט אָבער נאָך אַן אַנדער ענטפער אויף דער פראַגע, דורך וואָס ס'ווערט בעשטימט דער אַרבייטס-לוין. אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער:

„אַ מענש מוז שטענדיג לעבען פון זיין אַרבייט, און זיין לוין מוז לכל הפחות קלעקען אויף אונטערצוהאַלטען דעם קיום. ס'רוב מוז דער לוין זיין אפילו נאָך העכער פון דעם דאָזיגען מינימום. ווייל אַנדערש וואָלט דער אַרבייטער נישט געווען אימשטאַנד צו גרינדען אַ פאַמיליע, און אַזאַ אַרבייטער-קלאַס וואָלט אויסגעשטאָרבען מיט'ן ערשטען דור".

גענוי דאָסזעלבע זאָגט ריקאַרדאָ.

בעשטימען מיר אויף אַזאַ אופן דעם אַרבייטס-לוין, בעקומען מיר אַ פאַלשען שלוס, דעם אַזוי גערופענעם „פעהלערדיגען קרייז". מיר פרעגען: אָן וואָס ווענדט זיך דער פרייז פון סחורות? ענטפער: אָן דער הויך פון אַרבייטס-לוין. — מיר פרעגען ווייטער: אָן וואָס ווענדט זיך די הויך פון אַרבייטס-לוין? ענטפער: אָן די קאָסטען פון די לעבענס-מיטלען, וועלכע בעשטעהען, ווי מען ווייס, פון סחורות, ד"ה, אָן דעם פרייז פון די סחורות.

מיר זעהען, די גאַנצע אַרבייט פון די הונדערטער יאָרען דאַט נישט בעוויזען דעם פּראָבלעם צו לעזען. פונדעסטוועגען קאָן מען זאָגען, אַז אונזערע לעצטע אויספיהרען האָבען שוין בעוויזען, וואו ס'שטעקט דער פעהלער: אין דעם, וואָס מען נעמט אָן פאַר צוויי גלייכע זאַכען די אַרבייט און דעם אַרבייטס-לוין. אַלע ביז אַהער אויסגערעכענטע דענקער האָבען געהאַלטען, אַז די אַרבייט, וועלכע איז נויטיג צו פּראָדוצירען אַ סחורה, איז גלייך צו דער אַרבייט, וועלכע מען בעצאָהלט פאַר איהר פּראָדוצירען. אָט דאָ איז דער פונקט, פון וועלכען קאַרל מאַרקס איז אַרויסגעגאַנגען און האָט די פראַגע דערפיהרט צו איהר ענדגילטיגער לעזונג.

9.

די אַרבייטס־ווערט־טעאָריע, לויט קאַרל מאַרקס.

I.

אונטער „ווירטשאַפט" פערשטעהען מיר די גאַנצע טעטיגקייט פון מענשען, וועלכע האָט דעם צוועק צו בעקומען מיטלען צום לעבען. דאָס וואָ'ס לעבענס־מיטלען ווערט דאָ געגומען אין ברייטסטען זין, אַזוי אַז דאָס בעדייט נישט נור שפּייז, נאָר אויך: וואוינונג, בעקליידונג, קורץ אַלץ, אין וואָס דער מענש נויטיגט זיך.

וואָס טהוען היינט די מענשען, כּדי צו בעקומען דאָס, וואָס זיי דאַרפען האָבען צום לעבען? — דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע וויים יעדערער: זיי קויפען דאָס. וויל זיך עמיצער פערשאַפען דאָס נויטיגע צום לעבען, ווערט ער אַ קונה, גיט דעם פערקויפער געלד און בעקומט דערפאַר סחורות.

אַזוי ווי דאָס איז אַ כּלל, לויט וועלכען ביי ציוויליזירטע פעלקער ווערען היינט צו טאָג בעפרידיגט אַלע בעדערפנישען, איז פון דעם געדרונגען, אַז דער גאַנצער רייכטום פון אַזעלכע פעלקער בעשטעהט פון געלד און סחורות. קיין דריטע זאַך איז נישטאָ.

אַלע ווייסען, אַז די עשירות פון אַ מענשען ווערט ס'רוב אָבגעשאָצט לויט'ן געלד, וואָס ער בעזיצט. אין עצם איז זאָ אַזוי. מען דאַרף נור דערביי נישט פערגעסען, אַז דאָס געלד מאַכט אונז טאַקע רייך, אָבער נישט דורך זיך אַליין. ווער ס'זאָל אַ סך געלד, איז טאַקע רייך, אָבער נור דערפאַר, וואָס ער איז אימשטאַנד צו קויפען, וואָס ער ברויכט פון אַלע סחורות. וואָלט דאָס אַזוי נישט געווען, וואָלט ער ביי זיין גאַנצען גאָלד און זילבער געווען אָרעם, ווי אַ בעטלער. ווען ראָבינזאָן געפינט אויף זיין איינזאַמען אינזעל אַ הויפען גאָלד, אָבער קיין זאַך נישט צו עסען, איז ער אָרעם; געפינט ער אָבער אַן איבערפלוס פון אַלעם, וואָס ער ברויכט, אָבער נישט קיין געלד, איז ער רייך, נישט בעזיצענדיג קיין איין פעניג.

אין תוך גענומען מאַכט אונז רייך און אָרעם נישט דאָס געלד, נאָר די נוצליכע פאַר אונז געגענשטאַנדען: מיר זענען רייך, ווען זיי שטעהען אין אונזער רשות אין איבערפלוס; מיר זענען אָרעם, ווען זיי פעהלען אונז. קיין מענש נעמט נישט קיין געלד, כדי עס צו בעהאַלטען, נאָר יעדערער וויל דאָס געלד אָוועקגעבען וויגיכער. מען נעמט דאָס געלד נור, ווייל מען איז זיכער, אַז מען וועט פון איהם פטור ווערען און בעקומען דערפאַר עפּעס אַזוינס, וואָס מען ברויכט.

דאָס געלד מאַכט אונז רייך נישט צוליב זיך אַליין, נאָר אַלס אַ פערטרעטער פון סחורות. דאָס געלד בלייבט אין ערגעץ נישט ליגען, עס קייקעלט זיך כסדר ווייטער; געלד גרייט צו אַן אָרט און פערזיכערט איהם פאַר די סחורות.

מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז דער רייכטום ביי ציוויליזירטע פעלקער בעשטעהט היינט צו טאָג אין געלד און סחורות. ווייטער האָבען מיר אָבער געפונען, אַז דאָס געלד איז נור אַ פערטרעטער פון דער סחורה, אין אַ געוויסער מאָס איהר פארלויפער. וואו ס'איז פאַראַן געלד, אַהין קומט סחורה. און אַזוי קאָנען מיר זאָגען: דער רייכטום פון דער היינטיגער געזעלשאַפט בעשטעהט אין סחורות.

וואָס איז אַ סחורה?

ס'קאָן דוכטען, אַז אַלע געגענשטאַנדען זענען סחורות. אָבער דאָס איז בעשיינבערליך פאַלש. לופט, וואַסער, דער בוים אין וואַלד, און אַ סך אַנדערע זאַכען, זענען קיין סחורות נישט. — אַריינטראַכטענדיג ווייטער אין דער זאַך, וועט אפשר עמיצער זאָגען, אַז סחורות זענען אַלע געגענשטאַנדען פון אונזער געברויך. אָבער דאָס איז אויך נישט ריכטיג; דוקא לופט, וואַסער, בוימער א. אַז. וו., ברויכען מיר נויטיג. — ביסלעכווייז זעהען מיר איין, אַז דער ענין איז גאָר נישט אַזוי איינפאַך, ווי דאָס האָט אויסגעזעהן אויפ'ן ערשטען קוק. געוויס איז אונז בעקאַנט אַ גאַנצע רייה געגענשטאַנדען, וואָס מיר ווייסען אָהן ערקלערונגען, אַז זיי זענען סחורות, און, פון דער אַנדער זייט, קאָנען מיר אויך אַ סך געגענשטאַנדען וועגען וועלכע מיר ווייסען דעם היפוך.

אָבער אין וואָס בעשטעהט אייגענטליך דער אונטערשיד צווישען זיי?

לאָמיר פערגלייכען. מיר וועלען פון איין זייט נעמען די געגענשטאַנדען, וועלכע זענען אָהן אַ שום ספק סחורות, למשל: שיך, קליידער, שפּילצייג; און פון דער צווייטער זייט אַזעלכע, וועלכע זענען זיכער נישט קיין סחורות; למשל, לופט און וואַסער.

איין זאַך וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען: לופט און וואַסער זענען בלויזעס נאַטור-פּראָדוקטען; די שיך, די קליידער, די שפּילצייג, מוזען געמאַכט ווערען דורך מענשליכער אַרבייט.

צי קאָן מען נאָכדעם זאָגען: סחורות זענען אַזעלכע געברויך-געגענשטאַנדען, וועלכע ווערען געשאַפען דורך מענשליכער אַרבייט? מיט אַזאַ ענטפער געהען מיר אפילו צו גאַנץ נאָהענט צום אמת. אָבער גאָר אינגאַנצען האָבען מיר איהם נאָך נישט דערגרייכט. דער כּלל, אַז אַלע סחורות זענען פּראָדוקטען פון מענשליכער אַרבייט, איז טאַקע ריכטיג *). אָבער צי איז דער היפּוך פון דעם אויך ריכטיג? צי איז יעדער פּראָדוקט פון מענשליכער אַרבייט אַ סחורה? בשום אופן נישט.

לאָמיר זיך אַריבערטראָגען אין געדאַנק אויפ'ן אָרט, וואו די סחורות זענען, אַזוי צו זאָגען, ביי זיך אין דערהיים, — אין קראָם פון סוחר. אין אַ קאָנפעקציע-געשעפט, למשל, געפינען זיך אַלערליי סחורות: קליידער, היט, שיך, וועש. דאָס זענען אַלץ דעם קרעמערס סחורות. אָבער אַחוץ דעם, זענען דאָרטען פאַראַן אַנדערע זאַכען: טישען, קאַסטענס, קעסטלעך, קאָנטאָ-ביכער, טינט, פּעדערס, פּאַפּיר,; בקיצור אַלע מאַטעריאַלען, וועלכע דער סוחר ברויכט צו פיהרען זיין געשעפט. נישט ער אַליין, נישט אַנ-

*) ס'קומט, אמת, פאָר, אַז בלויזע נאַטור-פּראָדוקטען ווערען אויך סחורות, למשל וואַסער אין אַ מדבר. דאָס זענען אָבער זעלטענע אויסנאַמען, וועלכע מען בעגעגענט דערציו נאָך אין אויסערגעוועהנליכע פערהעלטענישען. אָבער דאָ האָבען מיר דאָך צו טון נישט מיט אויסנאַמען, נור מיט רעגעלמעסיגע ווירטשאַפטליכע צושטאַנדען.

אַנדערער וועט די דאָזיגע זאַכען נישט צורעכענען צו זיינע סחורות. דאָס פּאַרטוך, וועלכעס ער וויל פערקויפען, איז אַ סחורה; דאָס בוך, אין וועלכען ער פערשרייבט זיינע הכנסות און הוצאות, איז נישט קיין סחורה.

דער פּועל יוצא פון דעם איז: סחורות זענען נור אַזעלכע פּראָדוקטען פון מענשליכער אַרבייט, וועלכע ווערען בעשטימט פאַר'ן פערקויף.

פון דעם אויבען-געזאָגטען דרינגט-אַרויס, אַז אַ געגענשטאַנד פאַר זיך איז נישט קיין סחורה. פערקערט, יעדער געברויכס-געגענשטאַנד (אויף וויפיל ער איז נור געשאַפען דורך מענשליכער אַרבייט), קאָן יאָ זיין אַ סחורה און קאָן עס נישט זיין. און נאָך אַזאַך: כל-זמן די געגענשטאַנדען זענען סחורות, דאַרפען זיי אַ פּרייז; הערען זיי אויף צו זיין סחורות, בעזיצען זיי די דאָזיגע איינגענשאַפט נישט. נאָר אַזעלכע געגענשטאַנדען, וועלכע דאַרפען פערקויפט ווערען, — נור סחורות, האָבען פּרייזען.

אונטער דעם פּרייז פון אַ געגענשטאַנד פערשטעהט מען, ווי מיר ווייסען, די סומע געלד, וועלכע זי קאָסט.

דאָס געלד שפּילט אין דער היינטיגער געזעלשאַפט אַן אויסערגעוועהנליכע ראָליע. דאָס געלד וואַרפט זיך אין די אויגען מעהר ווי די סחורה, הגם זי איז נור אַ פערטרעטערין פון דער סחורה, אָבער עס פערטרעט די סחורה ביי אַלע געשעפטען.

וואָס איז אַזוינס דאָס געלד? — אַ פראַגע, וועלכע געהערט שוין צו די שווערערע פּראָבלעמען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. לאָמיר זיך בעגנוגענען מיט עפּעס וועניגער און דערווייל נור פרעגען, וואָס דאָס געלד טוט, ד. ה., וועלכע פונקציע האָט זי אין דער היינטיגער געזעלשאַפט?

אָפטער ווי אַלץ זעהען מיר דאָס בילד אין יענער טעטיגקייט, אין וועלכער מיר האָבען עס שוין בעגעגענט אין אַנפאַנג: אַלס פערמיטלער ביים קויפען און פערקויפען, אַלס טוישמיטעל. דאָס איז אָבער נאָך נישט די איינציגע פונקציע פון געלד. לאָמיר, למשל, אָננעמען, אַז אַ גלאָז-הענדלער האָט צו פערקויפען אַ וואַזע פאַר 6 מאַרק, און ער ברויכט אַ שטול. ער קאָן זיך פונקט בע-

געגענען מיט אַ מעבעל־סוחר, וועלכער וועט ביי איהם וועלען נעמען די וואַזע און איהם דערפאַר געבען אַ שטול. אין אַזאַ פאַל קאָנען זיי אויסטוישען ביידע סחורות, נישט אויפמאַכענדיג דעם בייטעל. דאָס געלד פונקציאָנירט דאָ נישט אַלס טויש־מיטעל. און פונדעסטוועגען איז דאָס געלד ביים אַדאָזיגען געשעפט קיין איבעריגע זאַך נישט געווען. וואָרום דער גלאָז־סחור נעמט אַפילו בעצאָהלט פאַר דער וואַזע אַ שטול, אָבער נישט גלאַט אַ שטול, וועלכער איז פונקט אַזוי פיל ווערט ווי די וואַזע. און פערקערט, דער מעבעל־סוחר לאָזט איהם נישט אויסקלויבען וועלכען שטול ער וויל, נאָר אַזאַ, וואָס האָט דעם גלייכען ווערט ווי די וואַזע. פון וואַנען ווייס אָבער יעדער, וועלכע סחורה פון צווייטען צד האָט דעמזעלבען ווערט, ווי די זייניגע? נור דורך דעם פרייז. פאַר דער וואַזע, וועלכע קאָסט זעקס מאַרק קלייבט מען אויס אַ שטול, וועלכער איז אויך פונקט אַזוי פיל ווערט. און אַזוי ווי דער פרייז איז נור אַ סומע געלד, בעקענען מיר זיך דאָ מיט אַ צווייטער העכסט וויכטיגער פונקציע פון געלד: דורכ'ן געלד ווערט אין פרייז אָנגעגעבען דער ווערט פון די סחורות.

דאָס געלד האָט נאָך אַנדערע וויכטיגע פונקציעס. צו אונזער ענין האָבען זיי אָבער קיין שייכות נישט. דערום וועלען מיר זיך אויף זיי נישט אָבשטעלען, נאָר מיר וועלען קורץ בעלייכטען עטליכע אויספיהרונגען, וועלכע קאָנען געמאַכט ווערען פון די ביז־אַהער פעסטגעשטעלטע פונקציעס פון געלד. די דאָזיגע צוויי פונקציעס זענען: עס דינט פאַר אַ טויש־מיטעל און וויזט־אָן דעם ווערט פון די סחורות.

ס'איז נישט שווער צו דערקענען, אַז ביידע פונקציעס האָבען קיין שייכות נישט צום מעטאַל. היינט דינט אַלס געלד אויסשליסליך גאָלד און זילבער. אָבער דער עצם פון געלד בעשטעהט דערין, וואָס עס ערפילט די דערמאָנטע צוויי פונקציעס. און ס'איז קלאָר, אַז זיי קאָנען ערפילט ווערען אויך דורך אַנדערע געגענשטאַנדען. יעדער שטאָף, צי דאָס איז פאַפיר, צי לעדער, אָדער וואָס איהר ווילט,, — וויבאַלד ער וואָלט געדינט פאַר אַן אַלגעמיינעם טויש־מיטעל און וואָלט אָנגעבען דעם ווערט פון די סחורות, וואָלט

ער געווען געלד. ס'איז נישט דוקא נויטיג, אַז דאָס געלד זאָל זיין אַ מעטאַל, דאָס געהערט נישט צו די אונבעדינגטע אייגענשאַפטען פון געלד.

אָבער אַנדערע אייגענשאַפטען מוז דאָס געלד אונבעדינגט האָבען. אויב אַ געגענשטאַנד דאַרף דינען ביי יעדען קויף און פערקויף פאַר אַן אַלגעמיינעם טויש־מיטעל, איז דערצו לחלוטין נויטיג, אַז יעדערער זאָל איהם אָננעמען אַלס אַ צאָהלונגס־מיטעל. דאָס קאָן אָבער נור זיין אַ געגענשטאַנד, וועלכער האָט אַ ווערט; אַ ווערטלאָזען געגענשטאַנד וואָלט קיינער נישט געוואָלט נעמען פאַר אַ צאָהלונג. פון דעם איז געדרונגען, אַז די פונקציע פון געלד קאָן ערפילען נישט יעדער געגענשטאַנד, נאָר אַ סחורה.

אָבער נישט יעדער סחורה טויג צו דעם. אַ האָן, אַ ברויטעל, אַ קנויל באַוועל נעמט נור דער, ווער ס'דאַרף איהם גראָד האָבען. די סחורה אָבער, וועלכע דאַרף דינען אַלס געלד, מוז זיין אַזעלכע, אַז יעדער זאָל זי וועלען נעמען צו יעדער צייט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס געלד גופא דאַרף, ביים אויסטוישען עס אויף אַנדערע סחורות, קיין פערמיטלער נישט האָבען; עס מוז קאָנען אויסגעטוישט ווערען אָהן פערמיטלער.

ס'איז קלאָר, אַז דערצו טויג אַזאַ סחורה, וועלכע איז זעהר טייער און וועלכע ווערט נישט שנעל אָבגענוצט, אַזוי אַז זי פערלירט נישט לייכט איהר ווערט. און דאָס בעגעגענען מיר אין דער גרעסטער מאָס ביי די איידעלע מעטאַלען. זיי בעזיצען פון דער טבע געוויסע אייגענשאַפטען, וועלכע מאַכען זיי בעזונדערס פאַסיג פאַר אַזאַ פונקציע. זיי זענען, ווי מען ווייסט, קאָסטבאַר. קליינע שטיקלעך פון זיי האָבען שוין אַ גאַנץ גרויסען ווערט. דערצו זענען זיי דויערהאַפטער ווי אַנדערע שטאָפען. יעדערער קאָן זיי נעמען, נישט מורא־האָבענדיג, אַז זיי וועלען פערלירען זייער ווערט, איידער ער וועט זיי ווייטער אויסגעבען. צו דעם קומט נאָך צו וואָס, וואָס מ'קאָן זיי ברעגגען, טיילען אויף זעהר קליינע טיילען, און פערקערט, פון די קליינע שטיקלעך צונויפלעגען גרעסערע. מ'קאָן בכן פון זיי לייכט מאַכען שטיקלעך, וועלכע קאָנען פאַסען צו יעדען ווערט פון די סחורות. צוליב די דאָזיגע טעמים האָט מען פון אַלע

כוונת איינגעקליבען דוקא די איידעלע מעטאַלען און גענען גענוצט זיך מיט זיי אַלס געלד. דאָס געלד־זיין איז בכלל נישט קיין נאַטירליכע איינענשאַפט פון די איידעלע מעטאַלען. די דאָזיגע איינענשאַפט האָבען זיי בעקומען פון די מענשען, און די מענשען קאָנען עס צוריק אָפּנעמען ביי זיי. אָבער בעקומען האָבען זיי די דאָזיגע איינענשאַפטען אויפ'ן סמך פון זייערע נאַטירליכע איינענשאַפטען.

ווייבאַלד אַ סחורה איז ענדגילטיג געוואָרען אַן אַלגעמיינער אויסטויש־מיטעל, ד. ה., ווייבאַלד ס'איז געוואָרען אַ כלל, אַז אַלע אַנדערע סחורות מוזען, איך איהר אויסגעטוישט ווערען, מוז פון זיך אַליין קומען דערצו, אַז אַלע אַנדערע סחורות זאָלען זייער ווערט אויסדריקען אין דאָזיגען טויש־מיטעל, און דורך דעם ווערט דאָס געלד אַן אַלגעמיינער אויסדרוק פון ווערט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מיט די דאָזיגע קורצע בעטראַכטונגען איז ווייט נאָך נישט אויסגעשעפּט די עצם בעדייטונג פונ'ם געלד. אָבער דאָ איז אָנגעוויזען אַלץ, וואָס איז נויטיג צו וויסען פאַר אונזער טעמע.

* * *

כדי צו בעקומען אַ קלאָרען בעגריף וועגען געלד־פּרייז, האָבען מיר געמוזט איינפיהרען דעם נייעם בעגריף פון ו ע ר ט. מיר מוזען אויך דערום דעם דאָזיגען בעגריף אויספאָרשען און אַוועקשטעלען זיך די פראַגע: ו אָ ס א י ז אַ ז ו י נ ס ד ע ר ו ו ע ר ט?

אויפ'ן ערשטען קוק מוז די דאָזיגע פראַגע פער'חידוש'ן. וואָרום אין דער שפּראַך פון געוועהנליכען לעבען בעצייכענט מען דורך די ווערטער: פּרייז און ווערט דיזעלבע זאַך. ווען אַ שטול קאָסט 6 מאַרק, זענען 6 מאַרק זיין פּרייז און אויך זיין ווערט. דאָ ווערט קיין אונטערשיד נישט געמאַכט.

פריהער האָבען מיר דאָך אָבער געזאָגט, אַז דער פּרייז איז אַ סומע געלד, וועלכע גיט־אָן דעם ווערט פון דער סחורה. אויב ווערט און פּרייז וואָלטען באמת געוועזן דיזעלבע זאַך, איז קלאָר, אַז דער דאָזיגער זאַץ האָט קיין שום זין נישט. דאָס וואָלט געהייסען די־זעלבע זאַך, ווי זאָגען, אַז דער פּרייז גיט־אָן דעם ווערט און דער

ווערט — דעם פרייז. ס'איז דעריבער כדאי צו זעהן, צו די שפראך פון געוועהנליכען לעבען איז גערעכט, צי די ווערטער „ווערט און פרייז" בעדייטען ווירקליך דיזעלבע זאך.

ווייבאלד ס'וועט זיך אונז איינגעבען צו בעווייזען, אז דעם ווערט געפינען מיר אויך דארטען, וואו ס'איז נישטא קיין פרייז, וואלט דערמיט בעוויזען געווארען, אז די דאזיגע ביידע זאכען קאנען נישט זיין דאסזעלבע. לאמיר זיך פארשטעלען, אז צוליב וועלכער נישט איז סיבה איז דאס געלד פערשוואונדען געווארען, בעת אלע אנדערע פערהעלטנישען זענען געבליבען, ווי זיי זענען היינט. אלץ זאל מען דארפען קויפען און פערקויפען, פונקט ווי איצט, נאר ס'זאל נישט זיין קיין געלד. דעמאלט וואלט דער פרייז נישט עקזיסטירט, ווארום דער פרייז איז א סומע געלד, דאס ווייסען מיר דאך שוין. איז נישטא קיין געלד, איז אויך נישטא קיין פרייז. אבער ווי איז דאס מיט דעם ווערט?

לאמיר זיך דערמאנען אן אונזער גלאז־הענדלער, וועלכער האט צו פערקויפען א וואזע און וויל דערפאר בעקומען א שטול, און לאמיר איהם אריבערטראגען אין אזא געלדלאזע צייט. אזוי ווי קיין געלד איז נישטא, האט ער קיין אנדער ברירה נישט, ווי אויסזוכען אזא מעבעל־סוחר, וואס זאל זיין נוטה צו קויפען די וואזע. לאמיר אננעמען, אז ער האט איהם שוין געפונען. דאן שטעהען די ביידע ווידער פאר דער פראגע: וואס פאר א שטול איינער זאל נעמען און דער צווייטער זאל געבען. און דא איז ווידער קלאר, אז ס'קאן קיין רעד נישט זיין וועגען דעם ערשטען בעסטען שטול, נאר וועגען אזא שטול, וועלכער איז פונקט אזויפיל ווערט, ווי די וואזע. אהן געלד וועט אפילו שווערליך זיין ארויסצוקריגען דעם ווערט פון ביידע סחורות. אבער אויף וועלכען נישט איז אופן מוז דאס דאך געמאכט ווערען, אנדערש וואלט דאך איינער פון ביידע צדדים מוזען שלעכט אבשניידען ביים דאזיגען געשעפט. — דער ענין וועט נאך קלארער ווערען, ווען מיר וועלען אננעמען, אז דער שטול האט דעם גלייכען ווערט, נישט ווי איין וואזע, נאר ווי צוויי וואזעס. דאן קאן זיך דער מעבעל־סוחר נישט בענוגענען מיט איין וואזע, ער מוז בעקומען צוויי. בכן, זעהען מיר,

אַז אויך אין דעם פאַל מוזען ביידע צדדים זיך פרעגען, וויפיל זענען זייערע סחורות ווערט, און אַז דער ווערט עקזיסטירט אויך דאַן, ווען ס'איז קיין געלד נישט פאַרהאַן. אמת, אין געלד קאָן דער פרייז דאָ נישט אויסגעדריקט ווערען, אָבער דערפאַר קאָן ער זיך אויסדריקען אין אַנדערע זאַכען. אַזוי קאָן מען, למשל, זאָגען: אַ שטול איז ווערט צוויי וואַזעס. דאָ ווערט דער ווערט פון שטול אויסגעדריקט אין וואַזעס, און דער ווערט פון די וואַזעס — אין אַ שטול, הגם קיין פרייז האָבען מיר דאָ נישט.

* * *

וואָס איז אָבער אַזוינס דער ווערט? — מיר האָבען זיך איצט בעקענט מיט פערשידענע אופנים אויסצודריקען דעם ווערט. לאָמיר זיך אַ ביסעל גענויער צוקוקען צו די דאָזיגע אויסדריקען, לאָמיר זעהן, וואָס דריקען זיי אייגענטליך אויס.

דער ערשטער אויסדרוק פון ווערט לויטעט: 1 שטול איז ווערט 6 מאַרק.

די פראַגע: וואָס איז דער ווערט? קלינגט אַזוי ווי סתרי-תורה. און דאָס שפיגעלט זיך אויך אָב אויף דעם נור-וואָס גע-בראַכטען זאַץ. אָבער פרובט זיך נור בעפרייען פונ'ם פאָראורטייל, אַז דאָ מוז זיין פערבעהאַלטען עפּעס געהיימניספולעס, פרובט דעם זאַץ בעטראַכטען מיט נישט פערבלענדעטע אויגען, און איהר וועט מוזען מודה-זיין, אַז יעדערער ווייס גאַנץ גענוי, וואָס ער בעדייט. דאָ גערט ווע‌גען צוויי פערזאָן: איינע האָט אַ שטול, די צווייטע האָט געלד. פאַר דעם בעזיצער פון שטול דריקט דער דאָזיגער זאַץ אויס צווייערליי זאַכען:

1. ווען איך פערקויף אַ שטול, בעקום איך דערפאַר 6 מאַרק, נישט מעהר און נישט ווע‌ניגער;

2. ווען איך וויל האָבען 6 מאַרק, מוז איך דערפאַר געבען אַ שטול; אַ האַלבער שטול איז ווע‌ניג, צוויי זענען צופיל, עס מוז דוקא זיין איין שטול.

און דעמזעלבען זין ענטשפרעכט די בעדייטונג, וועלכע דער דאָזיגער זאַץ האָט פאַר דעם בעזיצער פון געלד;

3. ווען איך גיב 6 מאַרק, בעקום איך דערפאַר גראָד איין שטול, נישט צוויי און אויך נישט אַ האַלבען; און

4. ווען איך וויל האָבען אַ שטול, מוז איך דערפאַר געבען גענוי 6 מאַרק, נישט 5 און נישט 7.

געוויס וועט יעדערער זאָגען, אַז די בעדייטונג פון דעם זאָגען זאַך איז איהם שוין פון פריהער געווען בעקאַנט. אָבער מיר וועלען תיכף זעהן, צו וואָס דאָס נוצט אַזוי פונאַנדערצוקייען בעקאַנטע זאַכען. אָבער פריהער לאָמיר נאָך צולייגען דעם ווערט־אויסדרוק, וועלכען מיר האָבען שוין פריהער בעגעגענט. זיין נוסח איז געווען: איין שטול איז ווערט צוויי וואַזעס. ער דריקט־אויס, פונקט ווי דער ערשטער ווערט־אויסדרוק, פאָלגענדע פיר פאַקטען:

5. ווער ס'גיט אַ שטול, קריגט דערפאַר צוויי וואַזעס;
6. ווער ס'וויל האָבען צוויי וואַזעס, מוז געבען אַ שטול;
7. ווער ס'גיט צוויי וואַזעס, קריגט דערפאַר אַ שטול;
8. ווער ס'וויל האָבען אַ שטול, מוז געבען צוויי וואַזעס.

אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אַכט פערשידענע אויסדריקען פאַר'ן ווערט. ווען מיר שטעלען זיי אַוועק איינעם אונטער דעם אַנדערען און בעטראַכטען זיי מיט אַ פשוט'ן בליק, קאָן גאָר פאַר אונז קיין ספק נישט זיין, וואָס זיי בעדייטען און וואָס זיי דאַרפען בעדייטען: דעם סכום אַנדערע סחורות, וועלכע מען בעקומט, אָדער מ'מוז געבען ביים אויסטוישען אַ בעשטימטע סחורה. און דער סכום, צאָהל — דאָס איז טאַקע דערביי די הויפט־זאַך. דאָ געהט וועגען דער צאָהל וואַזעס, וועגען דער צאָהל שטולען, דער צאָהל מאַרקען, וועלכע ווערען אויסגעטוישט איינע אויף די אַנדערע.

דער ווערט פון אַ סחורה, איז דער סכום אַנדערע סחורות, אויף וועלכע זי ווערט אויסגעטוישט. דאָס איז דער פועל־יוצא פון אונזערע בעטראַכטונגען. אָדער, בכלל געזאָגט: דער ווערט איז דאָס פערהעלטניש, אין וועלכע סחורות ווערען צווישען זיך אויסגעטוישט.

וועלען מיר איצט נאָך אַמאָל וואַרפען אַ בליק אויף די זאַכען וועגען ווערט, פרייז און געלד, וועלכע מיר האָבען ביזאהער געפונען, וועלען מיר זעהן, אַז זיי באַזירען אַלע אויפ'ן א ו י ס ט ו י ש און בעציהען זיך דירעקט אויף איהם. צי עקזיסטירט דער ווערט נור ביים אויסטויש? צי דאָרטען, וואו מען טוישט נישט, איז קיין ווערט נישטאָ?

אין דער געשיכטע זענען געווען אַזעלכע צייטען, ווען מ'האָט בכלל נאָך נישט געטוישט (ד. ה. נישט געקויפט און נישט פערקויפט), ווייל יעדערער האָט אַליין פּראָדוצירט אַלץ, וואָס ער האָט געברויכט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין אַזאַ צייט האָט עמיצער געמאַכט אַ טיש, פערשטעהט זיך, נישט צום פערקויפען, נאָר פאַר'ן אייגענעם געברויך. צי וועט זיך, אין אַזאַ פאַל, עפּעס עמיצער ברעכען דעם קאָפּ, וויפיל דער טיש איז ווערט. די דאָזיגע פראַגע שווימט ערשט דאַן אַרויס, ווען מען וויל דעם טיש פערקויפען, וואָרום דעמאָלט מוז מען וויסען, וויפיל אַנדערע געגענשטאַנדען מען זאָל פאַר איהם פערלאַנגען. ערשט דעמאָלט בעקומט דער טיש אַ ווערט.

אָבער וואַרט אַ ביסעל. האָט דען אַזאַ טיש ווירקליך קיין ווערט נישט? לאָמיר אָננעמען, אַז אַ פאַמיליע האָט ביז דעמאָלט קיין טיש נישט געהאַט און האָט אַזוי שטאַרק געפיהלט דעם דאָזיגען מאַנגעל. דאָס איז געווען די סיבה, צוליב וועלכער דער פאָטער און די זיהן האָבען זיך גענומען פאַר דער אַרבייט און דאָבען געמאַכט דעם טיש. דער טיש איז פאַרטיג. צי וועט דען איצט די פאַמיליע נישט אָבשאַטצען און זאָגען: דער דאָזיגער טיש האָט פאַר אונז אַ ג ר ו י ס ע ן ו ו ע ר ט? געוויס וועט זי דאָס טון.

אָבער ווי איז דאָס טאַקע ווירקליך? עקזיסטירט דער ווערט אין אַזאַ געזעלשאַפט, אָדער עקזיסטירט ער נישט? איז דער ווערט דאָ נור ביים אויסטויש, אָדער אויך דאָרטען, וואו ס'ווערט נישט אויסגעטוישט?

אַ ביסעל געדולד, און ביי אַ גענויערער אויפמערקזאַמקייט וועט די רעטעניש געלעזט ווערען.

ווען עמיצער וויל פ ע ר ק ו י פ ע ן אַ ט י ש, הייסט דאָס: דעם

טיש איז ווערט 20 מאַרק. — ווען ער איז נישט בדעה איהם צו קויפען, נאָר ער וויל איהם געברויכען פאַר זיך, זאָגט ער, אפשר: דער טיש האָט אַ גרויסען ווערט פאַר מיר.

אין ביידע פאַלען ווערט געברויכט דאָס וואָרט „ווערט". אָבער צי האָט ער ביידע מאָל דעמזעלבען זין? — דעם ערשטען מאָל גיט ער אָן די צאָהל אַנדערע געגענשטאַנדען, וועלכע מען בעקומט ביים אויסטוישען פאַר'ן טיש; דעם צווייטען מאָל דריקט ער אויס, אַז דער טיש איז פאַר'ן בעזיצער נוצליך. צוויי גאַנץ פערשידענע זאַכען. ווי ווייט זיי זענען פערשידען, ווייזט זיך שוין אַרויס אין דער אויסערליכער פאָרם פון ביידע אויסדריקען. דעם ערשטען מאָל האָט דער ווערט אַ גאַנץ בעשטימטען סכום, צאָהל. ס'קאָן און ס'מוז אַפילו אָנגעגעבען ווערען, וויפיל דער טיש איז ווערט. גאָר עפּעס אַנדערש זעהען מיר ביים צווייטען מאָל. אַודאי זאָגט מען, אַז אַ טיש איז פאַר אונז מעהר אָדער ווייניגער נוצליך, ווי אַן אַנדער געגענשטאַנד (דאָס איז אַגב, אויך נור אַ נישט גענויער אויסדרוק פון דער געוועהנליכער אַלטעגליכער שפּראַך). אָבער אָנגעבען עפּעס אַ סכום, קאָנט איהר דאָ נישט; איהר קאָנט נישט זאָגען, אויף וויפיל די נוצליכקייט פון איין געגענשטאַנד געהט איבער די נוצליכקייט פון אַנדערען. מיט איין וואָרט: מען קאָן דעם ווערט, אויף וויפיל ער האָט אַ שייכות צו דער נוצליכקייט פון אַ געגענשטאַנד, אין צאָהלען נישט אָנגעבען. דאָס איז אָבער יאָ מעגליך, ווען ס'געהט וועגען דעם, אָנצוגעבען דעם ווערט אין פערקויף.

נאָך אַן אַנדערע בעטראַכטונג בעווייזט דעם גרויסען אונטערשייד צווישען ביידע אַרטען ווערט. דער ווערט פון אַ געגענשטאַנד, וועלכער דריקט-אויס זיין נוצליכקייט, קאָן פאַר יעדען מענשען זיין אַן אַנדערער. דערזעלבער טיש, וועלכער האָט (אין זין פון נוצען) פאַר איינעם אפשר דעם גרעסטען ווערט, אַזוי אַז ער קאָן זיך אפשר אָהן דעם טיש נישט בעגעהן; דערזעלבער טיש קאָן פאַר זיין שכן זיין אינגאַנצען אַן איבעריגע און אַ ווערטלאָזע זאַך, וויבאַלד דער שכן קאָן דעם טיש נישט געברויכען, אָדער ער האָט גענוג טישען, דאַן האָט ער

פאַר איהם גאָר קיין ווערט נישט. — דאַגעגען דער ווערט פון אַ געגנשטאַנד, וועלכער דריקט־אויס זיין אויסטויש־פערהעלטניש (און ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער ווערט דאָס שטענדיג אויסגעדריקט אַלס פרייז), איז פאַר אַלעמען דערזעלבער. איז דער טיש ווערט 20 מאַרק, איז ער דאָס ווערט פאַר אַלעמען אָהן אונטערשייד. אַפילו ווען עמיצער קויפט איהם גלאַט אַזוי און וועט איהם אַפילו נישט קאָנען געברויכען, מוז ער דאָך פאַר איהם בעצאָלען צוואַנציג מאַרק.

ס'איז בכן קלאָר, אַז דאָס וואָרט „ווערט", ווען עס בעצייכענט דעם נוצען, וועלכען מען האָט פון געברויכען אַ געגענשטאַנד, האָט גאָר אַן אַנדערן זין, ווי דאַן, ווען דאָס וואָרט בעצייכענט דאָס טויש־פערהעלטניש פון אַ געגענשטאַנד. כדי מען זאָל די זאַך נישט פאַלש פערשטעהן, איז נויטיג, אַז פאַר צוויי אַזעלכע פערשידענע בעגריפען זאָל מען האָבען צוויי פערשידענע ווערטער. דערום רופט מען אָן אין דער פאָליטישער עקאָנאָמיע איין ווערט, נעמליך, דעם נוצען — געברויכס־ווערט, דעם צווייטען ווערט, נעמליך, דאָס טויש־פערהעלטניש — טויש־ווערט. אַלע כלים, וועלכע מיר האָבען ביזאַהער גערופען פאַר'ן ווערט, האָבען אַ שייכות נישט צום געברויכס־ווערט, נאָר צום טויש־ווערט. און דער דאָזיגער ווערט עקזיסטירט, פערשטעהט זיך, נור ביים אויסטויש. דער טויש־ווערט פון אַ געגענשטאַנד איז דאָך קיין אַנדער זאַך נישט, ווי זיין טויש־פערהעלטניש, אָדער, נאָך אייגפאַכער, די צאָהל געגענשטאַנדען, אויף וועלכע ער ווערט געוועהנליך אויסגעטוישט; און דאָס האָט, פערשטעהט זיך, אַ זין נור דאַן, ווען ס'רעדט זיך וועגען טויש־ווערט. דאָרטען, וואו ס'ווערט נישט געטוישט, איז קיין טויש־ווערט נישטאָ. אַזוי ווי מיר ווייסען אָבער, אַז די געגענשטאַנדען, וועלכע ווערען אויסגעטוישט (ד. ה. וועלכע זענען בעשטימט צום פערקויפען), ווערען אָנגערופען סחורות, דרינגט פון דעם אַרויס, אַז נור סחורות האָבען אַ טויש־ווערט. אַנדערע געגענשטאַנדען האָבען קיין טוישווערט נישט. דאַגעגען האָט דער געברויכס־ווערט קיין שייכות נישט צום טויש. ער איז פשוט די נוצליכקייט פון אַ געגענשטאַנד. אויב אַ געגענשטאַנד

פערמאָגט נוצליכקייט, פערמאָגט ער די שטענדיג, אַליין איינס, צי ער ווערט אויסגעטוישט אָדער נישט.

געגענשטאַנדען, וועלכע האָבען נישט דעם געברויכס־ווערט, דאָס הייסט, וועלכע דער מענש קאָן צו קיין זאַך נישט בענוצען, וועט אויך, נאַטירליך, קיינער נישט קויפען. דעריבער קאָנען זיי אויך קיין טויש־ווערט נישט האָבען. מיר קאָנען דעם אַלגעמיינעם כלל אויפשטעלען: אָהן געברויכס־ווערט קיין טויש־ווערט... אָבער פערקערט נישט. דוקא דערפאַר, ווייל מיר האָבען געפונען זאַכען, וועלכע האָבען קיין טויש־ווערט נישט און האָבען דאָך דערביי געברויכס־ווערט, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אויף דעם דאָפעלטען זין פון וואָרט „ווערט".

דער אונטערשיד צווישען געברויכס־ווערט און טויש־ווערט איז אַזוי וויכטיג, אַז ס'איז כדאי נאָך אַ ווייליע אָבצושטעלען זיך אויף איהם. מיר האָבען פעסטגעשטעלט, אַז דער טויש־ווערט איז אַ קוואַנטיטעט (מענגע). דער געברויכס־ווערט איז דאַגעגען נישט קיין קוואַנטיטעט. אַ געגענשטאַנד איז פאַר אונז נוצליך אָדער נישט נוצליך; ער האָט געברויכסווערט אָדער ער האָט איהם נישט. אָבער ער קאָן נישט האָבען מעהר אָדער ווייניגער געברויכס־ווערט. דער געברויכסווערט איז אַ קוואַליטעט, ד. ה. אַן אייגענשאַפט פון זאַכען. אמת, אין געוועהנליכען לעבען רעדט מען וועגען מעהר אָדער ווייניגער געברויכסווערט. אָבער דאָס איז, ווי מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, אַ נישט גענויער אויסדרוק פון דער טאָג־טעגליכער שפּראַך. ווען עמיצער זאָגט, למשל, אַז אַ טיש צום אַרבייטען איז פאַר איהם נוצליכער, ווי אַ שרייב־טיש, מיינט ער דען באמת, אַז אין אַרבייטס־טיש שטעקט „מעהר" נוצען, ווי אין שרייב־טיש? געוויס נישט. ער וויל נור זאָגען, אַז די נוצליכקייט פון אַרבייטס־טיש איז פון אַן אַנדער מין, ווי די נוצליכקייט פון שרייב־טיש. בכן רעדט זיך דאָ נישט וועגען צוויי פערשידענע סכומען פון נוצליכקייט, נאָר פון פערשידענע מינים נוצליכקייט.

פערשידענע סחורות אונטערשיידען זיך שטענדיג דורך דעם, וואָס זיי האָבען אַ פערשידענעם געברויכס־ווערט. למשל, אַ טיש

און אַ גלעזערנע וואַזע. דער אונטערשיד צווישען זיי בעשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס זיי פערמאָגען אַ פערשידענעם געברויכס-ווערט. וואָלטען זיי נעהאַט דעמזעלבען געברויכס-ווערט, וואָלטען דאָס געווען צוויי וואַזעס אָדער צוויי טישען, אָבער נישט צוויי פערשידענע סחורות. דאַגעגען קאָנען זיי גאַנץ גוט האָבען דעם גלייכען טויש-ווערט. אויב דער טיש קאָסט 20 מאַרק, שטערט דאָס להלוטין נישט, אַז די וואַזע זאָל אויך קאָסטען 20 מאַרק. נאָכמעהר: כדי צוויי סחורות זאָלען קאָנען איינע אויף דער אַנדערער אויסגעטיישט ווערען, מוזען זיי פערמאָגען פערשידענע געברויכס-ווערטען און איין און דעמזעלבען טויש-ווערט. ווער עס פערקויפט אַ טיש, וויל נישט דערפאַר בעקומען אַן אַנדערען גלייכען טיש, נאָר דוקא אַן אַנדערע סחורה מיט אַן אַנדער געברויכס-ווערט. דאַגעגען פערלאַנגט ער, אַז די אַנדערע סחורה זאָל האָבען דעמזעלבען טויש-ווערט ווי זיין טיש.

* * *

איצט, ווען מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז ס'איז דאָ אַן אונטערשיד צווישען געברויכס-ווערט און טויש-ווערט, מוזען מיר יעדערען פון זיי גענוי בעטראַכטען פאַר זיך. לאָמיר אָנהויבען פון דעם געברויכס-ווערט. פון וואַנען נעמט זיך, וואָס אַ געגענשטאַנד האָט פאַר אונז געברויכס-ווערט?

מאַנכע געגענשטאַנדען בעזיצען געברויכס-ווערט פון דער טבע, למשל, לופט, וואַסער, ווילד-וואַקסענדע פרוכטען און ענליכע זאַכען. אָבער איהר געפינט גאַנץ ווייניג אַזעלכע געגענשטאַנדען, וועלכע מען קאָן געברויכען אַזוי ווי זיי זענען, און דערצו זענען דאָס ס'רוב אַזעלכע געגענשטאַנדען, וועלכע ווערען קיינמאָל קיין סחורות נישט. דער געזעלשאַפטליכער רייכטום — דאָס האָבען מיר שוין פעסטגעשטעלט אין אָנהויב — בעשטעהט אָבער פון סחורות. לאָמיר דעריבער בעשרענקען אונזער פראַגע אויף די סחורות, און לאָמיר, ווי שטענדיג, נעמען אַ גאַנץ איינפאַכען ביישפּיל, אַ סחורה, וועלכע מען זעהט אַלע טאָג, אַ שטול. פון וואַנען האָט דער שטול זיין געברויכסווערט?

דער ענטפער איז אַזוי קלאָר, אַז ס'איז גאָרנישט מעגליך צו

אויספֿילען: ער האט איהם אַדאַנק דער אַרבייט, וועלכע האט איהם געשאַפען. איידער די אַרבייט פֿון טישלער האט פֿערפֿערטיגט פֿון האָלץ אַ שטול, האט געווען דאָס האָלץ אויך שוין פֿערמאָגט אַ געברויכס-ווערט אָבער אַנאַנדערן, ווי ס'האט דער טיש. דעם געברויכס-ווערט פֿון שטול האט ערשט געשאַפען דעם טישלער'ס אַרבייט. וואָלט דער טישלער אויף דעם פֿערווענדט אַנאַנדער אַרט אַרבייט, וואָלט אפשר פֿון האָלץ אַרויסגעקומען גאָר אַ טיש, אָדער אַנאַנדערער געברויכס-ווערט. ווען אָנשטאָט דעם מעבעל-סטאָליער וואָלט אַ בוי-סטאָליער בעאַרבייט דאָס האָלץ, וואָלט ער פֿון דעם אויך געמאַכט עפּעס נוציליכעס, אָבער דאָס וואָלט ווידער געווען אַנאַנדערער געברויכס-ווערט. לויט דער אַרט אַרבייט, וואָס ווערט פֿערווענדט אויף אַ מאַטעריאַל, קומט-אויס דער אָדער יענער געברויכס-ווערט. דער געברויכס-ווערט פֿון אַ סחורה הענגט-אָב פֿון דער אַרט אַרבייט, דורך וועלכע זי איז געשאַפען געוואָרען.

און וואָס איז מיט דעם טויש-ווערט? — לאָמיר, למשל, נעמען די פֿאָלגענדע רייה:

טוישווערט פֿון אַ שטול	20	מאַרק
" " "	6	"
" " פּאָר שטיוועל	12	"
" " , וואַזע	3	"

מען זעהט גלייך אויפֿ'ן ערשטען בליק, אַז דאָ איז גאָר קיין רעד נישט וועגען פֿערשידענע קוואַליטעטען, נור וועגען פֿערשידענע קוואַנטיטעטען. דער פֿאַקט, אַז דער טויש-ווערט פֿון אַלע מעגליכע פֿערשידענע סחורות, קען אויסגעדריקט ווערען אין דעם-זעלבען געגענשטאַנד [illegible] געלד, בעווייזט, אַז אין אַלע סחורות עקזיסטירט דיזעלבע אַרט טויש-ווערט. ס'איז דאָ נור איין מין טויש-ווערט; דער טויש-ווערט, וועלכען איין סחורה פֿערמאָגט, האט אויך אַנאַנדערע [illegible] ער ניט, זי האט מעהר אָדער ווייניגער פֿון [illegible] מעבעל-סוחר, למשל, גיט גערן-אָב זיין שטול פֿאַר 6 מאַרק, ווייל ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אין 6 זילבערנע מטבעות בעקומט ער צוריק פּונקט אַזוי פֿיל ווערט, ווי ער גיט-אַוועק אין שטול. זילבער איז גאָר אַנאַנדער סחורה ווי שטול.

אָבער דער ווערט, וועלכער שטעקט איןביידע זאַכען, מוז זיין פון דעמזעלבען מין. דער פשוט'ער פאַקט, אַז די סחורות ווערען אויסגעטוישט איינע אויף די אַנדערע, בעווייזט, אַז דער ווערט איז אין זיי אַלעמען עפּעס גלייכאַרטיגעס.

צום זעלבען רעזולטאַט פירט אויך אַן אַנדער בעטראַכטונג. אַלע פערשידענע סחורות זענען, ווי מען ווייס, לגמרי פערשידענע געגענשטאַנדען. דעק, שטיוועל, טעפּ, מעסער, שטולען א. אַז. וו. זענען אַלץ זאַכען, וועלכע האָבען לכתחילה קיין שום געמיינזאַמעס נישט. מען זעהט אין זיי פערשידענע מינים זאַכען.

אָבער די דאָזיגע פערשידענאַרטיגע זאַכען האָבען, אויב זיי זענען סחורות, זייערע פּרייזען. און דורך די פּרייזען געפינען זיי זיך איינע צום צווייטען אין אַ בעשטימטען צאָל-פערהעלטעניש. יעדע סחורה איז ווערט פּונקט אַזוי פיל, אָדער מעהר, אָדער ווייניגער ווי אַן אַנדערע. צי קאָן מען אָבער פערשידענאַרטיגע זאַכען ברענגען אין אַ צאָל-פערהעלטעניש איינע צו דער אַנדערער? צי קאָן מען, למשל, צוויי עפּיל און דריי באַרען צונויפצעהלען? — געוויס קאָן מען דאָס. יעדעס קינד לערנט דאָס אין דער שול און וועט נישט קלערענדיג געבען דעם ענטפער: 2 עפּיל און 3 באַרען, זענען צוזאַמען 5 פרוכטען.

אָבער ווען מען לעגט אויף אַזאַ אופן צונויף עפּיל און באַרען, נעמט מען זיי נישט אַלס עפּיל און באַרען. ניין, מען האָט בכיון נישט אין אַכט גענומען זייערע בעזונדערע אייגענשאַפטען, דאָס וואָס מאַכט זיי פאַר באַרען און עפּיל, מען האָט זיך נור גערעכענט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געמיינזאַמעס צווישען זיך. מען האָט זיי צונויפגעלעגט אויפ'ן סמך פון דעם געמיינזאַמען, גלייכאַרטיגען, וואָס זיי האָבען אין זיך, — פון דעם, וואָס זיי זענען פרוכטען.

און אַזוי איז דאָס שטענדיג און אומעדום. מען קאָן פערשידענאַרטיגע זאַכען ברענגען אין צאָל-פערהעלטענישען איינע צו די אַנדערע, אָבער נור אויף אַזאַ אופן, אַז מען נעמט נישט אין אַכט זייערע פערשידענאַרטיגקייטען, זייערע בעזונדערקייטען, מען פערגלייכט זיי נור אויפ'ן סמך פון דעם, וואָס זיי האָבען צוזאַ-

שען זיך געמיינזאַמעס. 7 נאַכט־שומרים און 5 פערד, זענען צו־זאַמען 12 לעבעדיגע בעשעפענישן. אָדער, ווען מיר קלייבן אויס אַ ביישפּיל, וועלכער רייסט די אויגן: 8 שטערן און 4 קאָכטעפּ — 12 געגנשטאַנדן. אַזאַ אָפּעראַציע מיט צאָ־לען לאָזט זיך אויך דורכפירן, אָבער דערביי טיילט מען טאַקע אָב אַלץ, וואָס דערמאָנט אָן דעם, אַז דאָס זענען שטערן און טעפּ; מען נעמט ביי זיי אַזוי צו זאָגן אַוועק אַלע זייערע בעשטימטע אייגנשאַפטן, פון וועלכע ס'שטעלן זיך צונויף זייערע בעגריפן. טוט איהר דאָס נישט, וועט איהר נישט ענטפלעקן אין די שטערן און די טעפּ עפּעס גלייכאַרטיגעס און איהר וועט אויך קיין צאָל־פערהעלטעניש צווישן זיי נישט געפינען.

אויף אַזאַ אופן קומען מיר צום אויספיר: צאָל־פערהעלטע־נישן צווישן פערשידענע געגנשטאַנדן קאָן מען אויפשטעלן נור אויפ'ן סמך פון עפּעס געמיינזאַמעס גלייכאַרטיגעס.

מיר ווייסן אָבער, אַז די פערשידענע סחורות זענען דורכאויס פערשידענע זאַכן; ווייטער ווייסן מיר, אַז נישט נור זיי ווע־רן פערגליכן אין אַ צאָל־פערהעלטעניש ביי יעדן אויסטויש, נאָר אַז דורכן פרייז שטעהען זיי שטענדיג אין אַ צאָל־פערהעלטע־ניש איינע צו דער אַנדערער. און דאָס קומט־פאָר דוקא אויפ'ן סמך פון ווערט. ווייל יעדער סחורה קאָן מען מיט דער הילף פון איהר פרייז שטענדיג גלייך זאָגן, צי און אויף וויפיל זי איז מעהר אָדער ווייניגער ווערט ווי יעדער אַנדערע סחורה.

בכן ווייסן מיר פון איין זייט: פערשידנאַרטיגע געגנ־שטאַנדן קאָן מען פערגלייכן אין צאָלן אויפ'ן סמך פון עפּעס גלייכאַרטיגעס.

פון דער צווייטער זייט: אַלע סחורות — לחלוטין פערשי־דנאַרטיגע געגנשטאַנדן — שטעהען צווישן זיך אין אַ שטענ־דיגן צאָל־פערהעלטעניש אויפ'ן סמך פון זייער ווערט.

פון דעם פאָלגט מיט דער גרעסטער זיכערקייט, אַז דער ווערט איז אין אַלע סחורות עפּעס גלייכאַרטיגעס. אין אַלע סחורות איז דאָ נור איין מין ווערט; יעדע איינצעלנע סחורה קאָן פערמאָגן מעהר אָדער ווייניגער פון דעם דאָזיגן

מין, אָבער דער מין איז שטענדיג דערזעלבער.

איז מען שוין אָבער דערגאַנגען אַזוי ווייט, דעמאָלט איז דער ווייטערדיגער פּועל-יוצא פֿון זיך אַליין קלאָר: דער ווערט מוז אין אַלע סחורות זיין עפּעס אַזאַ פֿון דערזעלבער אַרט.

צי געפֿינט זיך אָבער עפּעס אַזוינס, צי האָט ניט יעדע סחורה אירע בעזונדערע אייגענשאַפֿטען? איז ניט יעדע סחורה גאָר עפּעס אַנאַנדער זאַך ווי יעדע אַנדערע סחורה?

יאָ, ס'איז ווירקליך ניט לייכט צו געפֿינען עפּעס געמיינזאַמעס צווישען אַלע פֿערשידענע סחורות. אין דאָס איז נאָך קיין וואונדער ניט, ווייל די סחורות פֿערמאָגען נור איין איינציגע געמיינזאַמע אייגענשאַפֿט, דאָס איז: זיי זיינען אַלע פּראָדוקטען פֿון מענשליכער אַרבייט. אין אַלע סחורות, זיי מעגען זיין פֿערשידען ווי זיי ווילען, שטעקט מענשליכע אַרבייט, און דאָס איז דאָס איינציגע געמיינזאַמע, וואָס זיי פֿערמאָגען.

און אַזוי ווייסען מיר: אויב דער ווערט מוז אין אַלע סחורות זיין עפּעס געמיינזאַמעס, גלייכאַרטיגע, און אויב די מענשליכע אַרבייט איז יאָ אין אַלע סחורות דאָס איינציגע געמיינזאַמע, איז דער ווערט קיין אַנדער זאַך ניט, ווי מענשליכע אַרבייט.

III.

געגען דער ווערט-טעאָריע פֿון מאַרקס'ן מאַכט מען אַלערליי איינווענדונגען. פֿון זיי פֿערדינען אַ נעהענטערע בעטראַכטונג די פֿאָלגענדע דריי:

1) אויסער דער אַרבייט, איז דאָ אין אַלע סחורות נאָך עפּעס געמיינזאַמעס; נעמליך, זייער נוצליכקייט, זייער געברויכס-ווערט;

2) ס'זיינען פֿאַראַן אַרבייטען, וועלכע ווערען ניט פֿערוואַנדעלט אין קיין ווערט, און ווערען ניט גערעכענט פֿאַר קיין ווערט;

3) ס'איז דאָ אַ מין ווערט (למשל, אין באָדען), וועלכער שטאַמט ניט פֿון קיין אַרבייט.

פֿון די דאָזיגע דריי איינווענדונגען איז אויף דער ערשטער

גאָר לייכט צו ענטפערן: געוויס האָבען אַלע סחורות געברויכס־ווערט, אָבער נישט דעמזעלבען. פערקערט, איין סחורה אונטערשיידעט זיך פון דער צווייטער דוקא דורך איהר פערשידענעם געברויכס־ווערט. דער אונטערשיד צווישען אַ טאָפּ און אַ ראָק, בעשטעהט דאָך דוקא אין דעם, וואָס זיי האָבען אַ פערשידענעם געברויכס־ווערט. אָבער מיר האָבען דאָך פעסטגעשטעלט, אַז דער ווערט מוז זיין עפּעס גלייכאַרטיגעס אין אַלע סחורות. פון דעם איז צו זעהן, אַז דער געברויכס־ווערט קאָן דאָ נישט גענומען ווערען אין אַכט.

אָבער דאָ שטעקט אין דער זאַך נאָך עפּעס. פון וואַנען נעמט זיך דער געברויכס־ווערט גופא? דעם ענטפער קענען מיר שוין און ער רופט קיין שום ספקות נישט אַרויס, וויבאַלד מיר מאַכען איהם קלאָר דורך אַ בייּשפּיל: פון וואַנען האָט אַ ראָק זיין געברויכס־ווערט? דאָס איז דיזעלבע זאַך, ווי מען וואָלט געפרעגט: פון וואַנען נעמט זיך, וואָס דער ראָק איז דוקא געוואָרען אַ ראָק און נישט עפּעס אַנדערש? ס'פערשטעהט זיך, אַז פון דער אַרבייט. פריהער איז געווען שטאָף. אויך אַ געברויכס־ווערט, אָבער אַן אַנדערער. דער דאָזיגער געברויכס־ווערט איז דורך די אַרבייט פערוואַנדעלט געוואָרען אין דעם געברויכס־ווערט — ראָק.

בכן איז דער געברויכס־ווערט פון די סחורות אויך קיין אַנדער זאַך נישט, ווי די אַרבייט, וועלכע שטעקט אין זיי; און דער, וואָס זאָגט, אַז דער ווערט שטיצט זיך אויפ'ן געברויכס־ווערט, דער זאָגט אין עצם דיזעלבע זאַך, וואָס מיר זאָגען נעמליך, אַז דער ווערט שטאַמט פון אַרבייט, נור ער מאַכט דערביי פאָלגענדען שווערען פעלער:

פון דעם שטאָף איז געמאַכט געוואָרען אַ ראָק נישט סתם דורך אַרבייט, נאָר דורך אַ גאַנץ בעשטימטער אַרבייט. דער אַרבייט, וועלכע האָט געשאַפען דעם ראָק. דוקא אַ שניידער האָט געמוזט דערביי בעאַרבייטען דעם שטאָף; אַ היטעלמאַכער וואָלט פון דעם שטאָף געמאַכט עפּעס אַנדערש. און דער שניידער גופא האָט אויך געמוזט פערווענדען אויפ'ן שטאָף אַ

גאַנץ בעשטימטע אַרבייט; אויב נישט, וואָלט אפשר פון דעם אַרויסקומען אַ פּאָר הויזען.

בכן ווער ס'רעדט וועגען דעם געברויכס־ווערט פון אַ סחורה, דער רעדט, אמת, וועגען דער אַרבייט, וועלכע שטעקט אין איהר, אָבער וועגען אַן אַרבייט מיט גאַנץ בעשטימטע אייגענשאַפטען, דורך וועלכע זי אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע אַרבייטען. (ער רעדט וועגען דער „קאָנקרעטער" אַרבייט). דער געברויכס־ווערט פון אַ ראָק בעדייט, שניידער־אַרבייט און דערצו נאָך אַ גאַנץ בעשטימטער מין שניידער־אַרבייט.

וועלען בויען דעם ווערט אויף אַזאַ אַרבייט, איז דיזעלבע זאַך, ווי וועלען צונויפלעגען עפּיל און באַרען, נישט אָבשטעלענדיג זייערע בעזונדערע סימנים. צונויפלעגען קאָן מען זיי נישט אַלס עפּיל און באַרען, נישט אַלס קאָנקרעטע פרוכטען, נור אַלס סתם פרוכטען, וועלכע מען בעקומט ווען מען טיילט זיי אָב (אַבסטראַהירט) אַלע בעשטימטע, קאָנקרעטע סימנים, אייגענשאַפטען.

דיזעלבע זאַך איז מיט דעם ווערט. געוויס שטיצט ער זיך אויף דער אַרבייט, אָבער נישט אויף דער קאָנקרעטער אַרבייט, נישט אויף דער אַרבייט פון דעם אָדער יענעם מיט אַלע איהרע בעזונדערע אייגענשאַפטען, נאָר אויף סתם מענשליכער אַרבייט, וועלכע בעקומט זיך, ווען מען האָט פון דער אַרבייט אויסגענומען אַלע איהרע בעזונדערע סימנים; בכן אויף דער „אַבסטראַקטער" מענשליכער אַרבייט.

ווען מיר וואָלטען דאָס איבערזעצט פון דער וויסענשאַפטליכער שפּראַך אין אַ געוועהנליכער שפּראַך, וואָלט דאָס געהייסען: מען טוישט־אויס צוויי פערשידענע סחורות, למשל, אַ ראָק און אַ טיש, אויפ'ן סמך פון דעם (סכום) אַרבייט, וועלכע איז אין זיי ענטהאַלטען; ביי דעם ווערט פון די דאָזיגע סחורות, גערעדט ס'נישט וועגען דער אַרט פון דער אַריינגעלעגטער אַרבייט, נישט וועגען דעם, צי דאָס איז שניידער־ צי טישלער־אַרבייט; די דאָזיגע פערשידענאַרטיגקייט ווערט גאָר אין אַכט נישט גענומען, ביידע אַרטען אַרבייט ווערען גערעכענט אַלס בעשטימטע כמות פון

איין און דעמזעלבען מין אלגעמיינע מענשליכע ארבייט.

מיר קומען צו דער צווייטער איינווענדונג. נישט אלע ארבייטען ווערען גערעכנט פאר א ווערט. ווען עמיצער ווענדט אן אויף אויסצוארבייטען א סחורה בעדייטענד מעהר ארבייט ווי זיינע חברים פון פאך, דעמאלט רעכנט מען נישט דעם עודף אלס ווערט. דער דאזיגער עודף, דאס מעהר-ארבייט, וועלכע ער האט אריינגעלעגט — סיי צוליב נישט-געשיקטקייט, סיי פון ליבהאבעריי — דאס איז זיינע א פריוואטע זאך. פאר די אנדערע מענשען, פאר דער געזעלשאפט איז דאס נישט געווען נויטיג. דערום בעצאלט דערפאר די געזעלשאפט איהם נישט. נור „די געזעלשאפטליך נויטווענדיגע ארבייט" איז ווערט.

ענדליך האבען מיר נאך דעם ווערט פון באדען און אנדערע געגענשטאנדען, וועלכע זענען נישט קיין פראדוקט פון ארבייט. ס'קאן דוכטען, אז דער דאזיגער ווערט שטעהט אין א סתירה צו אונזערען אלגעמיינעם ווערט-געזעץ. ווארום אונזער ווערט-געזעץ זאגט נור, אז יעדער ווערט שטאמט פון ארבייט, בכן אויך דער ווערט, וועלכען מען בעצאלט פאר'ן באדען. וואו און ווען די ארבייט איז געטון געווארען, וועגען דעם זאגט לכתחילה אונזער געזעץ נאך גאר נישט. די מעשה איז, וואס אין דער הייניגער ווירטשאפט זענען דא אלערליי מיטלען און וועגען, כדי דעם שוין געשאפענעם ווערט אריבערצוטראגען פון איין ארט אויפ'ן אנדערן, פון איין פערזאן אויף דער צווייטער. דער באדען האט פאקטיש בכלל קיין ווערט נישט. ווער ס'גלויבט דאס נישט, זאל פרובירען ערקלערען, פאר וואס א שטח באדען פון גענוי דערזעלבער קוואליטעט (גוטסקייט), לאגע א. אז. וו. קאסט אין דער גרעסערער שטאט צוויי מאל אזוי פיל ווי אין דער קלענערער און פאר וואס אפילו אין די גרענעצען פון זעלבען ארט ענדערן זיך אפט די פרייזען זעהר גיך. דער באדען איז טאקע נור פאר זיין אייגענטימער א מיטעל, ארויסצושלעפען ווערט פון פרעמדע קעשענע, און דוקא אזא ווערט, וועלכער איז געשאפען געווארען דורך פרעמדע ארבייט.

.10

פון וואַנען נעמט זיך פּראָפיט? — דער מעהרווערט.

I.

פון וואַנען נעמט זיך דער פּראָפיט? — דער מעהר־ווערט.

די אַרבייטס־ווערט־טעאָריע איז אין דער פאָרם (ווי זי איז פאָרגעשטעלט אין פאָריגען קאַפּיטעל), וועלכע קאַרל מאַרקס האָט איהר צוגעגעבען, שטרענג לאָגיש און געשיצט פון אַלע אַטאַקען. זי ברענגט דעם קלאָרען אויסער ספק שטעהענדען בעווייז, אַז דער ווערט איז קיין אַנדער זאַך נישט, ווי מענשליכע אַרבייט. לאָמיר נאָכאַמאָל גאַנץ קורץ איבער'חזר'ן דעם גאַנג פון די געדאַנקען.

די פערשידענע סחורות זענען פאַר זיך (גענומען אַזוי ווי זיי זענען) פערשידענאַרטיגע געגענשטאַנדען. נישט קוקענדיג אויף דעם, ווערען זיי פערגליכען איינע מיט די אַנדערע לויט אַ צאָל־פערהעלטניש, און דאָס דוקא אויפ'ן סמך פון זייער ווערט. אַ צאָל־גלייכונג צווישען פערשידענע זאַכען. צ"ב., אַ הוט איז ווערט צוויי מעטער, אַ שטול איז ווערט 6 מאַרק — איז נור מעגליך, ווען מיר אַבסטראַהירען, טיילען־אויס (אין געדאַנק) דאָס געמיינזאַמע. בכן איז דער ווערט עפּעס געמיינזאַמעס אין אַלע סחורות. אין אַלע סחורות געפינען מיר נור איין געמיינזאַמעס, דאָס איז די מענשליכע אַרבייט, וועלכע האָט זיי פּראָדוצירט. בכן איז דער ווערט, מענשליכע אַרבייט.

די בעווייזען פון מאַרקס'ן זענען אַזוי איבערציינגענד, אַז מען האָט גאָר קיין מאָל נישט געפּרובט זיי בייצוקומען. צעהנדליגער יאָרען נאָכדעם, ווי ס'איז אַרויס מאַרקס'ס הויפּט־ווערק „דער קאַפּיטאַל" *) האָט די וואולגאַר־עקאָנאָמיע, וועלכע הערשט נאָך עד

---

*) קאַרל מאַרקס, געבוירען 1818 אין טריער, איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן 1883. „דער קאַפּיטאַל, קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" נעהמט אַרום דריי בענדער פון ס"ה 2200 דרוק־זייטען. דער ערשטער באַנד איז אַרויס 1867; ביידע ווייטערע האָט ערשט נאָך זיין טויט אַרויסגעגעבען זיין פריינד

היום אין די אוניווערזיטעטען און אין דער אפיציעלער וויסענשאפט, מיט אלע כחות געפרובט בייקומען מארקס'ן און געבען זיין לעהרע דעם טויט-קלאפ. אבער אטאקירען די דאזיגע ערשטע הויפט- און גרונד-זיילען, האט זי נישט געהאט דעם מוט. ס'רוב האבען די פראפעסארען און געלערנטע דאקטוירים, וועלכע בעציהען זיך פיינדליך צו מארקס'ן, (אין דער פאנטאזיע), צונויפגעשטעלט גאר אנאנדערען געדאנקען-בנין, צו וועלכען מארקס האט קיין שייכות נישט און וועלכען ער האט קיינמאל נישט פערטיידיגט. און אט דעם דאזיגען בנין האבען זיי דאס דערנאך מיט גרויס הנאה איינגעווארפען און זיך איינגערעדט, אז זיי האבען זיך מיט מארקס'ן און זיין לעהרע אבגעפארטיגט *).

וויסענשאפטליך האט מען בכן די ווערט-טעאריע ביז אהער נישט א ריהר געטון פון ארט. די פראגע וועגען דעם מקור און דער נאטור פון ווערט, איז דורך איהר ענדגילטיג געלעזט געווארען. פונדעסטוועגען וועט די דאזיגע טעאריע אונז אויך נישט צופרידענשטעלען, אויב זי איז נישט אימשטאנד צו געבען אן ענטפער אויף די פראגען, וועלכע די וואולגאר-עקאנאמיע האט

פרידריך ענגעלס, דער צווייטער באנד 1885. דער דריטער באנד אין צוויי העלפטען 1894.—1914 האט זיך בעוויזען א „פאלקס-אויסגאבע" פון ערשטען באנד ארויסגעגעבען פון קארל קויטסקי.—א פאפולערע אויסגאבע, פון יוליאן בארכארד, איז ארויס 1920. זי ענטהאלט אויף 325 זייטען דעם גאנצען גאנג פון די גרונד-געדאנקען פון מארק'ס ווערק איבערגעגעבען מיט זיינע אייגענע ווערטער.—צו דעם נאך די ביאגראפיע „קארל מארקס, די געשיכטע פון זיין לעבען" פון פראנץ מעהרינג. לייפציג 1918.

*) אין קיין פרטים וועגען דעם דאזיגען ענין קאנען מיר זיך נישט אריינלאזען. נור איין זאך וועלען מיר דא אנווייזען. א גרויסע ראל האט ביי די דאזיגע „נצחונות" (איבער מארקס לעהרע) געשפילט דאס פערבייטען דאס, וואס איז (פאקטיש) מיט דעם וואס דארף זיין. בעת מארקס פארשט נור אויס, וואס דער ווערט איז אין דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ווירטשאפטס-ארדנונג און ווי אזוי ער ווערט דא געמאסטען, האבען זיך די דאזיגע לייט אפט איינגערעדט, אז מארקס האט געוואלט אויפשטעלען א סיסטעם. ווי אזוי מען דארף זיך אין דער צוקונפטיגער סאציאליסטישער ווירטשאפטס-ארדנונג בעגעהן מיט'ן ווערט—ד"ה מיט דעם אויסטויש-פערהעלטעניש פון די סחורות און דערנאך האבען זיי מיט א סך התמדה און חריפות בעוויזען, אז אזוי וועט דאס נישט געהן. ס'פערשטעהט זיך, אז דערמיט שיסען זיי פארביי מארקס יסודות.

געלאָזען אָהן אַנ'ענטפער. לאָמיר זיך נור דערמאָנען. די וואָלגאַרע טעאָריע פון ווערט, האָט לכתחילה אויסגעזעהן זעהר איבערצייגענד און בעפרידיגענד. צו וואַקלען זיך האָבען מיר זיך ערשט אָנגעהויבען דאַן, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זי האָט נישט געקאָנט ערקלערען די הויך פון די פרייזען (און בכן אויך נישט די אַנדערע ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען; וואָרום מיט דער הויך פון די פרייזען הענגט צוזאַמען דאָס בילדען זיך פון אַרבייטס-לוין, די קריזיסען, די אַרבייטסלאָזיגקייט, דער יקרות, בקיצור, דאָס גאַנצע ווירטשאַפטליכע לעבען). ערקלערען די הויך פון די פרייזען האָט די וואָלגאַר-עקאָנאָמיע דערפאַר נישט געקאָנט, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין ערקלערונג פאַר די ענטשטעהונג און דער הויך פון די צינזען און פון אונטערנעמער'ס ריוח, בכן פון קאַפּיטאַל-פּראָפיט.

און ווי פערענטפערט מאַרקס ווערט-טעאָריע אַט די דאָזיגע פראַגען? זי מעג זיך וויסענשאַפטליך זיין לאָגיש און זיכער ווי זי וויל — בעפרידיגען וועט זי אונז נור דעמאָלט, ווען זי וועט אונז געבען אַנ'ענטפער אויף דער פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך דער פּראָפיט? ערשט דאָס וועט זיין דער אמת'ער פּראָבשטיין. אָבער דוקא דאָ הויבען זיך גלייך פון אָנהויב אויף די גרעסטע ספקות.

אויב דער ווערט איז עפּיס אָביעקטיוועס, וואָס שטעקט אין די סחורות, למשל, דאָס קוואַנטום אַרבייט, וואָס איז געוועזען נויטיג צו זייער פּראָדוקציע, קאָן דאָך דער דאָזיגער סכום נישט וואַקסען אָדער זיך פערקלענערן, ווען די סחורה איז שוין פאַרטיג און די אַרבייט אָבגעטון. אָבער מיר זעהען דאָך, אַז דער פּראָפיט ענטשטעהט ס'רוב דוקא דעמאָלט, ביים פערקויפען די סחורה, אין האַנדעל. נאָכדעם, ווי ס'איז שוין אויסגעפירט געוואָרען אַ בעשטימטער סכום אַרבייט — ווען די סחורה האָט — לויט דער ווערט-טעאָריע — אַ בעשטימטען ווערט, און וועלכען מען קאָן, זעלבסטפערשטענדליך, מעהר קיין זאַך נישט ענדערן, זעהען מיר, אַז זי (די סחורה), ווערט פערקויפט פאַר אַ אַנדערן, העכערן ווערט. און דוקא דער דאָזיגער עודף פון ווערט, וועלכער וואַקסט אויף

איהר, אזוי צו זאָגען, צו פון דאָ גייט ביים פערקויפען, דווקא דער הערט שטעלט מיט זיך פאר דעם פּונקט. וואָס קאָן אונז מאַרקס ווערט־טעאָריע זאָגען וועגען דער ענטשטעהונג פון פּראָפיט?

II.

לעגט מען־פאַר אַ דורכשניטליכען בורזשואַ די פראַגע, פון וואַנען ס'נעמט זיך דער פּראָפיט, וועט ביי איהם אויסקומען, אַז די איז אינגאַנצען אַן איבעריגע. דער פּראָפיט ענטשטעהט דורך דעם, וואָס מען פערקויפט די סחורות טייערער, ווי זיי קאָסטען זיך, וועט ער ענטפערן. — אָבער נישט דאָס מיינען מיר מיט אונזער פראַגע. מיר ווילען וויסען, נישט וואָס פאַר אַ אומשטענדען ערלויבען דעם קאַפּיטאַל צו בעקומען אין זיין רשות אַ בעשטימטע סומע ווערט אַלס ריוח, נאָר דורך וועלכע אַרבייט די דאָזיגע סומע ווערט איז ענטשטאַנען. נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג, וועט אונז דער בורזשואַ נאָך מעהר פערוואונדערט אָנקוקען און וועט זאָגען: ס'פערשטעהט זיך, אַז דורך דער אַרבייט פון קאַפּיטאַליסט גופא; צי מוז ער דען נישט אַלס פאַבריקאַנט אַליין אָנפיהרען מיט זיין אונטערנעמונג? מוז ער דען נישט אויספיהרען אָהן אַ שיעור אַ סך זעהר שווערע אַרבייטען, וועלכע זענען נויטיג כדי צו אונטערצוהאַלטען דעם גאַנצען מעכאַניזם און בכן אויך צו מעגליך מאַכען דאָס אויסאַרבייטען דעם פּראָדוקט? מוז ער דען נישט אַלס סוחר זעהען, אַז די פּראָדוקציע זאָל אויסגעגליכען ווערען מיט'ן געברויך? מוז ער דען נישט טראַכטען וועגען אָבזעצען די פאַרטיגע פּראָדוקציע אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלען בעפרידיגען די בעדערפנישען פון וועלט־מאַרק? צי איז דאָס נישט אַליין אַ שווערע און אַ נוצליכע אַרבייט?

זעהר שעהן, וועלען מיר ענטפערן. מיר מיינען גאָר נישט אָבצולייקענען, אַז די לייטונג פון דער פּראָדוקציע און דאָס פערווירקליכען דעם אויסטויש, זענען נויטווענדיגע אַרבייטען און אַז די פערזאָנען, וועלכע זענען דערביי בעשעפטיגט, זענען נוצליך

פאַר דער געזעלשאַפט. מיר גלויבען נור נישט, אַז זייער אַרבייט געפינט זיך אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער ענטשטעהונג פון פראָפיט. וואָרום, ערשטענס, זענען דאָך דאָ קאַפּיטאַליסטען, וועלכע אַרבייטען נישט און בעקומען פונדעסטוועגען ריוח, למשל, די אַקציאָנערען. ווען עמיצער בעזיצט היינט פאַר 100,000 מאַרק אַקציעס פון אַ קוילען-אָדער אַן אייזען-גרוב, בעקומט ער, אין כאַל, ווען צו די דיווידענדען מאַכט-אויס 10 פראָצענט, יאָהר-איין יאָהר-אויס 10,000 מאַרק פון דעם ערד, וועלכען די גרוב וואַרפט-אָב, און דערביי איז אַפילו נישט נויטיג, ער זאָל ווען נישט איז אַריינקוקען אין דאָס באַרג-ווערק. דער דאָזיגער פראָפיט איז בכן בשום אופן נישט אַ פרוכט פון זיין אַרבייט. — צווייטענס: אַפילו ביי די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע אַרבייטען יאָ, ווענדט זיך נישט דער פראָפיט אָן דעם סכום פון זייער אַרבייט. ווען אַ קליינער קרעמער פירט זיין געשעפט מיט 10000 מאַרק קאַפּיטאַל, מעג ער פון דער הויט אַרויס, ער וועט קיינמאָל נישט אַרויסשלאָגען אַזוי פיל פראָפיט ווי זיין קאָנקורענט, וועלכער האָט צו ליגען אין געשעפט אַ מיליאָן, אַפילו ווען דער קאָנקורענט אַרבייט פיל וועניגער פון איהם. די גרויס פון פראָפיט הענגט נישט אָב פון דער אַרבייט פון קאַפּיטאַליסט, נאָר פון דער גרויס פון קאַפּיטאַל, — און, ענדליך, דריטענס: וויפיל דער קאַפּיטאַליסט שאַפט ווערט דורך דער לייטונג פון דער אַרבייט, לאָזט זיך אונגעפער אָבשאַצען דורך אַ פערגלייך מיט אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואו די לייטונג ווערט בעזאָרגט דורך אָנגעשטעלטע. לאָמיר זיך פאָרשטעלען צוויי גאַנץ גלייכע אונטערנעמונגען, פון וועלכע יעדערע וואַרפט-אָב צו 100,000 מאַרק יעהרליך; איינע ווערט געלייטעט דורך איהר אייגענטימער, די צווייטע געהערט צו אַן אַקציען-געזעלשאַפט, און איהר שפּיץ שטעהט אַ דירעקטאָר, וועלכער בעקומט 20,000 מאַרק יעהרליך געהאַלט. אויב מיר זאָלען אָננעמען, אַז די אַרבייט פון לייטען, בעשאַפט פאַקטיש יעהרליך אַ ווערט פון 20,000 מאַרק (די מאָס איז דאָ אָהן ספק איבערגעשאַצט), דעמאָלט האָט דער בעזיצער פון דער ערשטער אונטערנעמונג מיט זיין געוויס זעהר נוצליכער אַרבייט געשאַפען אַ ווערט פון 20,000 מאַרק. אָבער ער

בעקומט דאָך אַחוץ דעם נאָך 80,000 מאַרק; אַט די דאָזיגע 80,000 מאַרק בילדען ערשט זיין פּראָפיט און זיי האָבען דאָך בעשיינפּערליך קיין שייכות נישט צו זיין אַרבייט.

ביי אונזער בורזשואַ ציהט זיך אויס דער פּנים. אַזוי האָט ער זיך דעם ענין קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. ער האָט ביז אַהער געהאַלטען פאַר זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער קאַפּיטאַליסט אַרבייט דאָך, און טיילמאָל אַפילו גאַנץ שווער, אַז דעריום איז אויך אַ יושר, ער זאָל בעקומען פּראָפיט. — צי דאָס איז טאַקע יושרדיג, וועגען דעם וועלען מיר נישט שטרייטען; די בעגריפען פון יושר זענען דאָך זעהר און זעהר פערשידען. זאָל זיך יעדערער בלייבען ביי זיין מיינונג. נור די פאַקטען וואָלטען מיר געוואָלט פעסטשטעלען ווי ווייט מעגליך גענוי. און דעריבער פרעגען מיר נאָכאַמאָל: דורך וועמענס אַרבייט איז ענטשטאַנען די ווערט־סומע, וועלכע דער קאַפּיטאַליסט לעגט־אַריין אין קעשענע אַלס פּראָפיט? אַז נישט דורך דער אַרבייט פון קאַפּיטאַליסט, האָבען אונז שוין גאַנץ בולט בעוויזען די דריי געבראַכטע אַרגומענטען, דורך וועמענס־זשע פאַרט אַרבייט?

די זאַך איז דאָך גאָר פּשוט, רעכענט דער בורזשואַ. דער פּראָפיט ווערט דאָך געשאַפען ביים פערקויפען, פּראָפיט איז דאָך דער עודף, וועלכער בלייבט דעם פערקויפער פון די סחורות. וואָס איז דאָ נאָך ווייטער צו טראַכטען? דער סוחר פערקויפט די סחורות טייערער, ווי ער האָט זיי איינגעקויפט; פון דעם איז בעדונגען, אַז די צוגאָב־סומע ציהט ער אַרויס ביי זיינע קונדען.

אָבער דער דאָזיגער ענטפער איז אויך גאָר נישט אַזוי איינפאַך, ווי ס'דוכט זיך אויס. ס'פרעגט זיך, ווי דאַרף מען די זאַך פערשטעהן? ווען אַ סוחר פון קליידער האָט אַן אַנצוג, וועלכער איז ווערט 60 מאַרק, און ער פערקויפט איהם פאַר 60 מאַרק, איז קלאָר, אַז קיין ריוח בעקומט ער נישט. ריוח וואָלט ער ערשט דאַן האָבען, ווען ער וואָלט דעם אַנצוג פערקויפט טייערער ווי פאַר 60 מאַרק. איז אַזוי דאַרף מען דאָס טאַקע פערשטעהן: ענטוועדער דער אַנצוג ווערט פערקויפט פאַר 60 מאַרק, דאַן איז ער קיין 60 מאַרק נישט ווערט; אָדער ער איז יאָ ווערט 60 מאַרק, דאַן

מוז ער פערקויפט ווערן טייערער ווי פאר 60 מארק.

בכי ווען ס'ווערען אויסגעטוישט גלייכווערטיגע סחורות (עקוויוואלענטן), ענטשטעהט קיין פראפיט נישט. ס'מוז אנגענומען ווערן, אז די סחורות ווערן פערקויפט איבער זייער ווערט. און טאקע נישט אלס אנ'אויסנאם — ווארום דאן וואלט דאך די ענטשטעהונג פון פראפיט אויך נור אויסנאמסווייז ערקלערען, — נור דוקא שטענדיג און רעגעלמעסיג.

צום בעדויערן שטויסט זיך אויך די דאזיגע ערקלערונג אן אויף מניעות, ווי מיר וועלען גלייך זעהן.

די געוועהנליכע מיינונג, אז דער פראפיט ענטשטעהט פשוט דורך אנ'אויפשלאג (צום ווערט), דורך פערקויפען איבערן ווערט, ווערט דוכט זיך, בעשטעטיגט דורך די ערפאהרונגען פון פראקטישען לעבען. ערשטענס, איז גאר קיין ספק נישט, אז אין האנדעל קומען מעהר ווי אפט פאר אזעלכע שווינדלערייען. דער קונה קאן רוב נישט וויסען, וויפיל די סחורה איז ווערט, און ער בעצאהלט דאס, וואס מען פערלאנגט פון איהם. און איהר וועט קוים געפינען א סוחר, וועלכער זאל נישט האלטען, אז ער האט דאס רעכט אויסצונוצען דעם דערמאנטען אומשטאנד, כדי אויפצוהויבען די פרייזען. ס'איז אויך גאר קיין ספק נישט, אז ס'זענען פאראן אזעלכע סוחרים, וואס לעבען אויסשליסליך פון אזעלכע געשעפטען. מיר האבען דאך גאר נישט לאנג געלעזען אין די צייטונגען, אז אין בערלין זענען דא קאנפעקציע-געשעפטען, וועלכע לעבען נור פון דער עקספלואטאציע פון פראסטיטוטקעס, ביי וועלכע זיי נעמען 1000 מארק פאר א בגד, וועלכעס איז ווערט 80.

אפילו דער רעעלסטער סוחר האט שטענדיג צוויי פרייזען פאר זיינע סחורות: אנ'איינקויף-פרייז און פערקויף-פרייז, און דוקא פון דעם אונטערשיד צווישען ביידע ענטשטעהט דאך זיין פראפיט. ס'איז דאך אבער קלאר, אז גלייך מיט'ן ווערט קאן זיין נור איינער פון ביידע פרייזען; איז דאס דער פערקויף-פרייז, איז דער פערקויפער בע'עולה'ט. אבער דער פערקויפער איז דאך ס'רוב אליין א געריבענער סוחר אדער פאבריקאנט, וועלכער איז גאנץ געניי בעקאנט מיט'ן ווערט פון דער סחורה און ער לאזט זיך קיין עולה

גישט טון. בכן בלייבט, אַז נור דער קונד מוז בעצאָהלען מיט דיין הויט.

אַזוי טראַכט דער געוועהנליכער „געזונטער מענשליכער פערשטאַנד" — אויף וויפיל ער גיט זיך בכלל די מיה אַריינצוטראַכטען וועגען אַזעלכע זאַכען — און מיט דעם בערוהיגט ער זיך, ווייל ער מיינט, אַז אויף אַזאַ אופן ווערט פולקאָם ערקלערט דער מקור פון פּראָפיט.

ווער ס'בערוהיגט זיך אָבער נישט דערביי, נאָר טראַכט אַריין ווייטער, דער שטויסט זיך באַלד אָן אויף אַלערליי מניעות, וועלכע האָבען זיך איהם גאָר נישט גע'חלומ'ט.

לאָמיר דערווייל אָננעמען, אַז אַלע סחורות ווערען שטענדיג און רעגעלמעסיג פערקויפט איבער זייער ווערט. זאָל דאָס, למשל, זיין אַ צושלאַג פון 25 פּראָצענט. לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלען, ווי אַזוי דער האַנדעל וועט דערביי פאָרקומען.

אַ מעבעל-סוחר וויל פערקויפען אַ טיש פאַר 20 מאַרק. ווערט איז דער טיש, פערשטעהט זיך, נור 16 מאַרק, די איבעריגע 4 מ. וענען פּראָפיט. דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרען, דער מעבעל-סוחר איז מיט 4 מאַרק רייכער געוואָרען. וואָס טוט ער איצט מיט דער גאָלדענער מטבע פון 20 מאַרק? — קאָן ער דען עפעס אַנדערש טון, ווי זיך דערפאַר עפעס קויפען? ער מעג זיי אוועקלעגען אין באַנק, אַליך איינס: פריהער אָדער שפּעטער, וועט דאָך קומען דער מאָמענט, ווען ער וועט ווידער פאַר'ן געלד עפעס מוזען קויפען. וואָרום דערצו איז דאָך דאָס געלד דאָ, אַז מען זאָל דערפאַר עפעס קויפען.

איז אָבער דער דאָזיגער מאָמענט געקומען, דעמאָלט האָט זיך די גאַנצע זאַך איבערגעדרעהט. איצט איז דער מעבעל-סוחר שוין אַ קויפער און ער שטעהט אַנטקעגען אַ פערקויפער, וועלכער וויל פון זיין זייט בעקומען ריוח. ברויכט דער מעבעל-סוחר, למשל, אַ ראָק, וועט איהם דער קליידער-הענדלער, זעלבסטפערשטענדליך, געבען פאַר די 20 מאַרק אַזאַ ראָק, וועלכער איז ווערט נור 16 מאַרק. ער קאָן גאָר אַנדערש נישט, וואָרום אַז נישט, פון וואַנען וואָלט ער בעקומען זיין ריוח?

און מיט וואָס וועט זיך די גאַנצע זאַך ענדיגען? לכתחילה האָט דער מעבעל-סוחר פערמאָגט אַ טיש, וועלכער איז ווערט געווען 16 מאַרק! דאָס, וואָס ער האָט פאַר דער צייט געהאַט אין די הענד אַ גאָלדענע מטבע, פון 20 מאַרק, דאָס נוצט איהם גאַנץ ווייניג. דעם פּראָפּיט, וועלכען ער האָט בעקומען ביים פערקויפען דעם טיש, האָט ער געמוזט אָבגעבען צוריק, קויפענדיג דעם ראָק. ווי געוואונען, אַזוי צחרונען!

בכן איז די זאַך מיט דער ענטשטעהונג פון פּראָפיט דורך אַן אויפשלאַג אויפ'ן פּרייז גאָר נישט אַזוי איינפאַך.

ס'פערשטעהט זיך, אַז פון אונזערע ביז-אַהעריגע ספקות ווערט דער „געזונדער מענשליכער פערשטאַנד" נישט נאָר נתפּעל. מיט אַ מינע פון אַ קליגערען ענטפערט ער: „אַז דער סוחר מוז אויך איבערצאָהלען, ווען ער קויפט-איין, ווייסען מיר שוין לאַנג, מיין פריינד, אָבער וואָס שאַדט דאָס איהם? דאָס, וואָס ער קויפט-איין פאַר זיי פּריוואַטען געברויך בעטרעפט דאָך אַ סך ווייניגער ווי דאָס, וואָס ער פערקויפט; בכן פערלירט ער דאָך דאָרטען אַ סך ווייניגער ווי ער פערדינט ביים פערקויפען. לאָמיר למשל, נעמען אַ סוחר, וועלכער גיט-אויס אויף זיינע הויז-הוצאות גאַנצע 50000 מאַרק. ער וואָלט — ביי 25 פּראָצענט פּראָפיט — פאַר זיינע 50000 מאַרק בעקומען סחורות פאַר 40000 מאַרק, ד"ה ער וואָלט 10000 מאַרק יעהרליך פערלוירען. אָבער אַזאַ סוחר, וואָס גיט-אויס יעהרליך 50000 מאַרק אויף זיינע פּריוואַטע בעדערפנישען, האָט אַ יעהרליכען אומזאַץ פון לכל-הפּחות אַ מיליאָן; זיין פּראָפּיט בעטרעפט, הייסט דאָס, 200,000 מאַרק; אַזוי, אַז די 10000 מאַרק היזק קאָן ער גאַנץ לייכט און גערן איבערטראָגען און דערביי דאָך ווערען וואָס אַמאָל רייכער, דער היזק ביי זיינע פּריוואַטע קניות וועט בכן ווייט נישט אויסגלייכען זיך מיט זיין פּראָפיט. און ווען ער קויפט-איין סחורות פאַר זיין געשעפט, געהט איהם דאָס איבערצאָהלען כּלל נישט אָן, וואָרום דאָס איבערגעצאָהלטע קאָן ער דאָך מיט ריוח אָבנעמען צוריק ביי זיינע קונדען. ער גיט דאָך צו זיינע 25 פּראָצענט פּראָפיט צו דעם בעצאָהלטען איינקויף-פּרייז; וואָס מעהר ער בעצאָהלט פאַר די סחורות, אַלץ טיי-

דער מוזן בעצאָהלען זײַנע קונדען".

בכן, קומט־אויס, אַז סוף כל סוף דאַרף פאַר אַלץ בעצאָהלען דער לעצטער קונה, דער קאָנסומענט, דאָס פּובליקום.

אַזוי שטעלט מען זיך געוועהנליך פאָר די גאַנצע זאַך. לאָמיר זיך צום ענין צוקוקען אַ ביסעל נעהנטער.

III.

לויט דער אַרבייטס־ווערט־טעאָריע, איז די סחורה אַזויפיל ווערט, ווי עס קאָסט זי צו מאַכען, ד. ה. לויט אַדאַם סמיט און די פריי־הערדיגע פאָרשער — אַזויפיל אַרבייט, פאַר וויפיל מ'האָט בעצאָהלט ביים בעשאַפען די סחורה. צו די דאָזיגע פּראָדוציר־קאָסטען גיט דער פאַבריקאַנט צו זיין פּראָפיט. בכן פערקויפט שוין ער די סחורה איבער איהר ווערט. ביי איהם קויפט נאָך ווייט נישט דאָס פּובליקום, נאָר געוועהנליך געהט די סחורה דורך אַ גאַנצע רייה צווישען־הענד, ביז וואַנען זי דערגעהט צום קאָנסומענט. יעדער איינציגער, דורך וועמענס הענד ס'געהען דורך די סחורות, שלאָגט אַרויף צו דעם, וואָס ער האָט בעצאָהלט, זיין רייוח, און פערקויפט זי מיט דעם דאָזיגען צושלאַג ווייטער, אַזוי אַז אַלץ אינאיינעם וואָלט דער קאָנסומענט געדאַרפט איבערצאָהלען אַ גוואַלדיגע סומע.

ס'וועט נישט שאַדען צו מאַכען אַ קליינעם חשבון וועגען דעם, וויפיל דאָס פּובליקום וואָלט געדאַרפט איבערצאָהלען אויף דער סחורה, ווען אין דער ווירקליכקייט וואָלט אַלץ טאַקע אַזוי פאָרגעקומען, ווי מיר האָבען אָקערשט פאָרגעשטעלט.

פאַר דער פּראָדוקציע פון באַוועלנע העמדער מוז, למשל, דער פלאַנצער אין אַמעריקאַ פּראָדוצירען באַוועל. לאָמיר רעכענען אַז איהם קאָסט אַ באַל באַוועל־גאַרן 100 מאַרק. אויף דעם שלאָגט ער אַרויף זיין פּראָפיט, למשל, 10 פּראָצענט. ער פערקויפט בכן דעם באַוועל־גאַרן דעם שפּינער פאַר 110 מאַרק. די אַרבייט, וועלכע ווערט אויסגעפיהרט אין דער שפּינעריי גיט־צו דעם גאַרן, זעלבסטפערשטענדליך, אַ נייעם ווערט. אָבער די דאָזיגע אַרבייט דאַרפען מיר בעזונדער נישט רעכענען, ווייל דער שפּינער שלאָגט

דאָך אַרויף דעם פּראָפיט אויף אַלע זיינע פּראָדוציר־קאָסטען. ער שטעלט אַריין אין זיין קאַלקולאַציע די 110 מאַרק, וועלכע ער האָט בעצאָהלט פאַר׳ן באַוועל־גאַרן און גיט דאַן צו 10 פּראָצענט צו אַלע זיינע זעלבסט־קאָסטען. אויף אַזאַ אופן בערעכענט ער זיך פאַר׳ן גאַרן 121 מאַרק, בעת ער איז ווערט נור 100 מאַרק. — ביים שפּינער קויפט דער וועבער. ווען דער וועבער קאַלקולירט אויס זיין פּרייז, מוז ער שוין פאַר׳ן גלייכען ווערט אַריינשטעלען אין חשבון 133,10 מאַרק. דער פאַרטיגער באַוועל־שטאָף געהט אַרי־בער צום העמדער־פאַבריקאַנט. אין זיין פערקויף־פּרייז וואַקסט שוין אויס די סומע, וועלכע ווערט בעצאָהלט פאַר׳ן ווערט פון 100 מאַרק אויף 146,60 מאַרק. דעם דאָזיגען פּרייז צאָהלט דער הורטאָוווניק, און ווען מיר זאָלען אָננעמען, אַז פון איהם געהט שוין די סחורה אַריבער צום פּובליקום, וואָלט שוין, לויט דעם דאָזיגען מעסיגען חשבון, דער קאָנסומענט געדאַרפט בעצאָהלען 161,05 מאַרק פאַר עפּעס, וואָס איז ווערט נור 100 מאַרק.

דערביי איז אָבער דער חשבון נאָך, אָהן ספק, צו בעשיידען. וואָרום, ערשטענס, האָבען מיר דאָך נישט גערעכענט אַלע צווישען־הענדלער, און, צווייטענס, איז דער פּאַקטישער פּראָפיט פיל העכער ווי 10 פּראָצענט. אין דער ווירקליכקייט קוועטשט זיך אַריין צווישען דעם פּלאַנצער און דעם שפּינער, דעם שפּינער און דעם וועבער, דעם הורטאָוווניק און דעם פּובליקום לכל־הפּחות צו איין צווישען־הענדלער, ס׳רוב אַפילו עטליכע. זאָלען מיר נעמען אין אַכט אַפילו נור די אָקאָרשט אויסגערעכענטע, וועט שוין דער פּרייז שטייגען אויף 235,80 מאַרק! און וואָס איז שייך צום פּראָפיט, איז נישט נור 10 פּראָצענט, נאָר אַפילו 25 פּראָצענט אויך נאָך אַ מעסיגע נאָרמע. ווען מיר וועלען דאָס נאָך אַריינשטע־לען אין חשבון אַריין, וועלען מיר בעקומען אַ סומע פון 4—5 הונדערט מאַרק, וועלכע דאָס פּובליקום וועט דאַרפען בעצאָהלען פאַר דעם, וואָס איז ווערט ס׳ה הונדערט מאַרק!

דאָס וואָלט הייסען אַזויפיל איבערגעצאָהלט, אַז ס׳איז פּשוט שווער צו גלייבען, אַז די זאַך קומט מאָל בּאמת אַזוי פאָר. פון וואַנען זאָל דאָס פּובליקום נעמען די ריזיגע סכומ׳ען ווערט, וועלכע עס

וואָלט געמיינט אויף אַזאַ אופן טעגליך אוועקגעבען די קאַפּיטאַליסטען אָהן שום געגענווערט? ווער זענען דאָס בכלל די קונים, וועלכע קאָנען אָהן אויפהער פונאַנדערגעבען אַזעלכע געוואַלטיגע מאַסען וואַרען? צום קויפענדען עולם ווערט יעדער פעררעכענט. די סוחרים און פאַבריקאַנטען קאָן מען, פערשטעהט זיך, נישט רעכנען. וואָרום זיי שטעקען אַריין אין קעשענע פיל מעהר, ווי זיי פערלירען ביי זייערע קניות. אמת, צווישען די קונים זענען נאָך פאַראַן זעהר פיל רייכע לייט, נעמליך, די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען, ווי מען זאָגט, זייער געלד „אַריינגעלעגט" און בעקומען דערפאַר רענטען, צינזען, דיווידענדען און נאָך אַזעלכע זאַכען. ווען אַזאַ פּערזאָן, ביי וועלכען מ'זעהט-אָן די עשירות פון וויטען, קומט-אַריין אין אַ קראָם, וועט זיך דער קרעמער מיט גרויס הנאה אַרומוואַרפען אויף איהם און וועט ביי איהם אָפּשר אַרויסציהען מיט 400 ביז 500 פּראָצענט מעהר. און כל-זמן איהר בעטראַכט אַנאיינצעלנעם גביר און אַנ'איינצעלנעם סוחר, קאָן זיך אויסדרוקען, אַז איהר האָט דאָ שוין געפונען אַ ערקלערונג פאַרן פּראָפיט. אָבער דער פאַלשער שיין פערשווינדט, וויבאַלד איהר געהט-אַריבער פון יחיד צו דעם גאַנצען קלאַס.

די הכנסות פון די דאָזיגע רייכע לייט, מיט וועלכע זיי בעצאָהלען דעם קרעמער, בעשטעהען פון צינזען, רענטען, דיווידענדען און נאָך אַזעלכע זאַכען. פון וואַנען נעמען זיך די דאָזיגע זאַכען? — לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער רייכער קאַפּיטאַליסט ב. האָט אַריינגעלעגט זיין פערמעגען אין אַ באַנק, וועלכע בעצאָהלט איהם דערפאַר יעהרליך אַזויפיל און אַזויפיל טויזענדער מאַרק צינזען. ווי קאָן דאָס די באַנק בעוויזען? גאָר פשוט: זי האָט דאָס פערמעגען פון ה' ב. אַריינגעלעגט אין וועלכע נישט איז אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, דאָרטען ווערט געשאַפען פּראָפיט. נור אויף אַזאַ אופן ענטשטעהען די אַרבייטסלאָזע הכנסות פון די געלד-בעזיצער. זיי האָבען דאָס אַליין בעקומען פון פּראָפיט פון די סוחרים אָדער פאַבריקאַנטען, און ווי די לעצטע זאָלען זיי נישט אָפּנאַרען, גיבען זיי דאָך שטענדיג נור אָב צוריק אַ טייל פון דעם, וואָס זיי האָבען ביי די פאַבריקאַנטען און סוחרים פריהער צוגענומען. די הכנסות

פון די געלד-לייט קאָנט איהר ערקלערען דורכ'ן פּראָפיט, אָבער נישט פערקערט — דעם פּראָפיט דורך זייערע הכנסות.

אָבער איהר האָט דאָך נאָך אַ גרויסע צאָהל אַנדערע קונים, נעמליך, די אַרבייטער. זיי נאַרט מען אויך גאַנץ אָפט אָב ביי זייערע קניות. אָבער, צום בעדויערן, קאָן אויך דאָס נישט ערקלערן די ענטשטעהונג פון פּראָפיט, וואָרום אַפילו די גאַנצע מאַסע הכנסות פון אַ אַרבייטער-קלאַס וואָלט דערצו נישט געקלעקט. ס'געהט דאָך דאָ, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, וועגען איבערגעצאָהלטע 400—500 פּראָצענט. ס'דאַרף ערקלערט ווערען, פון וואַנען ס'נעמט זיך אַ סומע, וועלכע איז פיר-פינף מאָל אַזוי גרויס, ווי דער ווערט פון די סחורות. אָבער ווער ווייס דאָס נישט, אַז די גאַנצע הכנסה פון די אַרבייטער איז אַפילו נישט אַזוי גרויס ווי דער גאַנצער ווערט פון די סחורות, אַז זי איז גאָר בעדייטענד קלענער? ווי איז מעגליך, אַז זיי זאָלען בעצאָהלען אַ פיר-פינף מאָל גרעסערע סומע?

לכתחילה האָט די ענטשטעהונג פון פּראָפיט אין האַנדעל דוכט זיך אויסגעזעהן אַזוי זעלבסטפערשטענדליך און איינפאַך; איצט זעהען מיר, אַז די מעשה איז גאָר נישט אַזוי פשוט.

•

אונזערע ביזאַהעריגע בעטראַכטונגען האָבען — להיפוך צו דער אָנגענומענער מיינונג — דערוויזען, אַז דער פּראָפיט קאָן אין האַנדעל נישט ענטשטעהן, און אַז דער שיין האָט דאָ גענאַרט. ס'פערשטעהט זיך, אַז מיר לייקענען דאָ נישט אָב, אַז די סחורות ווערען פערקויפט איבער זייער ווערט. אָבער דאָס ערקלערט נאָך נישט, די ענטשטעהונג פון פּראָפיט. פּראָפיט בעקומט מען אויך דאָרטען, וואו די סחורות ווערען פערקויפט לויט זייער ריכטיגען ווערט.

פון דעם דאַרף אייגענטליך לאָגיש אַרויסברינגען, אַז דער סוחר גופא דאַרף איינקויפען די סחורות אונטער זייער ווערט. איז דאָס אָבער מעגליך? סוף כל סוף קויפט דאָך דער סוחר ביים פאַבריקאַנט. קאָן דען דער פאַבריקאַנט אָבגעבען די סחורות אונטער'ן ווערט? דאָס וואָלט געווען מעגליך, ווען ער וואָלט אַליין בעקומען די סחורה נאָך ביליגער, דאָס הייסט, ווייט אונטער איהר

ווערט. דער פאַבריקאַנט קאָן דאָך אָבער בשום-אופן נישט בע-צאָהלען וועניגער פאַר דער סחורה, ווי עס בעטרעפען איהרע פּראָדוציר-קאָסטען, און די פּראָדוציר-קאָסטען דאַרפען דאָך — ווי מען האַלט געוועהנליך — גלייך זיין מיט'ן ווערט.

אויב דאָס איז ריכטיג, איז קיין שום מעגליכקייט נישטאָ דעם פּראָפיט צו ערקלערען. צי דאָס איז אָבער טאַקע אַזוי, וועלען מיר נאָך זעהן.

לאָמיר פערגלייכען די הויך פון די פּראָדוציר-קאָסטען פון אַ סחורה מיט איהר ווערט, כדי צו זעהן, צי ביידע זענען טאַקע גלייך.

די פּראָדוציר-קאָסטען געפינען מיר אין דער קאַלקולאַציע פון יעדער פאַבריקאַנט. ווען עמיצער פיהרט, למשל, אַ פאַבריק פון העמדער, וועט ער, וועלענדיג בערעכנען, וואָס ס'קאָסט אַ טוץ העמדער, קודם-כל אָנהויבען פון די קאָסטען פון דער לייוונט, וועלכער ווערט דערביי פערברויכט. ווייטער — די קאָסטען פון די הילף-שטאָפען, ווי למשל, די פאַרב, דער גאַנצער שטאָף מיט אַלע הילף-שטאָפען, וועלכע זענען נויטיג צו דער פּראָדוקציע פון די צוועלף העמדער. דאָס זענען אַלץ פּראָדוציר-קאָסטען פון די העמ-דער. ווייטער קומט-צו די אָבנוצונג פון די מאַשינען און ווערק-צייג. דער פאַבריקאַנט ווייס פון ערפאַהרונג, פאַר וויפיל טוץ העמדער די מאַשין קאָן קלעקען, ער שלאָגט בכן אַרויף אויף יעדען טוץ דעם ענטשפּרעכענדען טייל ווערט פון דער מאַשין. פּונקט אַזוי בערעכענט ער דאָס, וואָס ס'קאָסט דאָס אָבנוצען די בנינים, אין וועלכע ס'ווערט געפיהרט די פּראָדוקציע. הילף-שטאָף פאַר די מאַשינען, ווי, למשל, שמיר-אייל, קוילען א.אַז.וו. ווי אויך הילף-שטאָפען פאַר די בנינים, למשל, בעהייצונג, לאָזען זיך אויך גענוי בערעכנען פאַר יעדען טוץ העמדער. צום סוף קומט-צו דער אַרבייטס-לוין, ביי וועלכען מ'קאָן אויך גאַנץ גענוי פעסט-שטעלען, וויפיל ס'קומט-אויס אויף אַ טוץ העמדער. — די פּראָדוציר-קאָסטען בעשטעהען אויף אַזאַ אופן פון פאָלגענדע בעשטאַנד-טיילען: 1) אַ טייל פון ווערט פון די בנינים, 2) אַ טייל פון ווערט פון די מאַשינען און ווערקצייג, 3) דער גאַנצער ווערט פון די פערברויכטע רויה-מאַטעראַלען און הילף-שטאָפען, 4) דער אַר-

בייטס-לוין. דאָס זענען די פּראָדוציר-קאָסטען. לאָמיר איצט מיט דעם פערגלייכען דעם ווערט פון דעמזעלבען טוץ העמדער.

דער ווערט פון אַ סחורה איז די אַרבייט, וועלכע איז געזעלשאַפטליך נויטיג צו איהר פּראָדוקציע. וועלכע אַרבייט איז אָבער געזעלשאַפטליך נויטיג צו דער פּראָדוקציע פון אַ טוץ העמדער.

ס'איז קלאָר, אַז קודם-כל איז נויטיג אַרבייט אין דער העמדער-פאַבריק גופא. מיט די צוגעגרייטע מאַשינען און ווערקצייג מוז דער אַרבייטער פון דער צוגעגרייטער לייווענט צוזאַמען מיט די הילף-שטאָפען אויסאַרבייטען העמדער. כדי ער זאָל דאָס קאָנען בעווייזען, מוזען די מאַשינען, ווערקצייג, בנינים ווי אויך די לייווענט און די הילף-שטאָפען שוין פריהער געשאַפען ווערען. און פון די דאָזיגע אַלע פערשיידענע אַרבייטען שטעלט זיך צונויף דער ווערט פון די העמדער. ס'פערשטעהט זיך, אַז די אַלע פּראָדוציר-מיטלען האָבען זייער חלק אין דעם ווערט פון די העמדער, פונקט אַזוי ווי זיי האָבען אַ חלק אין די פּראָדוציר-קאָסטען. אַ מאַשין דינט, למשל, אויסצואַרבייטען אַ סך טוץ העמדער; דעריבער געהט אַריבער אויף יעדער טוץ אַן ענטשפּרעכענדער טייל פון איהר ווערט. דאָזעלבע איז אויך מיט די בנינים. דאַגעגען ווערט אַ בעשטימטער סכום לייווענט אינגאַנצען פערנוצט אויף אַ טוץ העמדער, און אַזוי געהט זיין גאַנצער ווערט אַריין אין דעם דאָזיגען טוץ העמדער, און דאָזעלבע קאָן מען אויך זאָגען וועגען די הילף-שטאָפען.

ביזאַהער פאַלט דער ווערט פולשטענדיג צוזאַמען מיט די פּראָדוציר-קאָסטען. דעמזעלבען טייל ווערט פון די בנינים, וועלכען מיר האָבען געפונען אין די פּראָדוציר-קאָסטען, בעגעגענען מיר נאָך אַ מאָל אין ווערט פון די לייווענטענע העמדער, ווי אויך דעמזעלבען טייל ווערט פון די מאַשינען און ווערקצייג. פונקט אַזוי געהערט אויך דער גאַנצער סכום ווערט פון די פערברויכטע רויה-מאַטעריאַלען און הילף-שטאָפען, אַזוי גוט צו די פּראָדוציר-קאָסטען, ווי צום ווערט פון די העמדער.

ס'בלייבט נאָך איבער די לעצטע פּאָזיציע — דער אַרבייטס-

לוין. דאָס איז, ווי מיר ווייסען, די סומע געלד, וועלכע דער אַר־בייטער בעקומט פאַר אויסאַרבייטען די העמדער. ס'פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע סומע געהט נישט אַריין אין דעם ווערט פון די העמדער, וואָרום זי ווערט דאָך פערברויכט דורך דעם אַרבייטער. אויף איהר אָרט טרעט־אַרויס אין ווערט פון די העמ־דער די נייע אַרבייט, וועלכע איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער העמדער־פאַבריק, און ס'פרעגט זיך, צי די דאָזיגע נייע אַר־בייטן שטעלט מיט זיך פאַר דעם זעלבען סכום ווערט ווי דער אַרבייטס־לוין.

כדי דאָס אויסצופאָרשען, לאָמיר זיך קודם־כל פרעגען, וואָס איז אַזוינס אייגענטליך דער אַרבייטס־לוין?

דער אַרבייטס־לוין איז די סומע געלד, וועלכע ווערט בע־צאָהלט פאַר דער אָבגעטונענער אַרבייט. ער איז, ווי אַלע האַלטען, דער פרייז פון דער אַרבייט. ווי מיר ווייסען, איז אָבער דער פרייז פון אַ סחורה איהר אויסגעדריקטער ווערט אין געלד. דעם ווערט פון אַ סחורה קאָן מען אויסדריקען אין וועלכער נישט איז אַנ־דערער סחורה. למשל, אַ טיש קאָן ווערט זיין דריי שטולען, אָדער פיר היט אָדער איין שראַנק, אָדער צוויי פאָר שטיוועל א. אַז. וו. יעדעס מאָל ווערט דאָ דער ווערט פון דער סחורה אויסגעדריקט אין אַן אַנדער סחורה. פונקט אַזוי קאָן מען איהם אויך אין געלד אויסדריקען, למשל, אַ טיש איז ווערט 20 מאַרק. אין דעם פאַל האָבען מיר דעם פרייז פון טיש.

אַזוי אָבער ווי דאָס וואָרט „פרייז" בעדייט קיין אַנדער זאַך נישט, ווי „אין געלד אויסגעדריקטער ווערט", מוז דער אַרבייטס־לוין, אויב ער זאָל זיין דער „פרייז פון דער אַרבייט", זיין דער „ווערט פון דער אַרבייט", וועלכער איז אויסגעדריקט געוואָרען אין געלד.

פריהער האָבען מיר דאָך אָבער געזעהן, אַז דער ווערט גופא איז קיין אַנדער זאַך נישט ווי אַרבייט. אמת נישט יעדע אַרבייט איז ווערט. אָבער יעדער ווערט איז אַרבייט. — וויבאַלד אַזוי, קאָן דאָך אָבער די אַרבייט קיין ווערט נישט האָבען, און דער אויסדרוק „ווערט" (אדער „פרייז) פון דער אַרבייט" האָט

קיין זיין נישט! דאָס איז פונקט אַזוי, ווי איהר וואָלט געזאָגט: „ווערט פון ווערט", אָדער „די אַרבייט פון דער אַרבייט". פון דעם דרינגענ־דען אַרויס מיט אַלאָגישער נויטווענדיגקייט, אַז דער אַרבייטס־לוין קאָן נישט זיין דער פרייז פון דער אַרבייט, און אַז דער שיין פון דער ווירקליכקייט האָט אונז דאָ ווידער אַריינגעפיהרט אין אַ טעות. און איצט האַנדעלט זיך וועגען דעם, אויפצודעקען, וואָס פאַר אַ ווירקליכער צוזאַמענהאַנג איז דאָ בעהאַלטען הינטער דעם פאַלשען שיין.

כדי דאָס פעסטצושטעלען, וועלען מיר, פערשטעהט זיך, ווידער מוזען אַרויסגעהן פון אָט דעם דאָזיגען פאַלשען שיין, ווייל קיין אַנדער מאַטעריאַל צום בעאָבאַכטען האָבען מיר נישט.

לאָמיר דערווייל אָננעמען, אַז דער אַרבייטס־לוין איז באמת דער „ווערט פון דער אַרבייט", און לאָמיר זיך פרעגען, דורך וואָס דער דאָזיגער כלומרשטער ווערט איז בעשטימט געוואָרען? עס איז קלאָר, אַז ער ווערט בעשטימט, ווי דער ווערט פון יעדער אַנדערער סחורה, דורך דער אַרבייט, וועלכע איז צו איהר פראָדוקציע געזעלשאַפטליך נויטווענדיג. מיט דעם מיינט מען צו זאָגען: דער ווערט פון דער אַרבייט" (אויב אַזאַ זאַך איז בכלל דאָ) איז דער יעניגער סכום אַרבייט, וועלכער איז געזעלשאַפטליך נויטווענדיג, כדי אויסצואַרבייטען די דאָזיגע סחורה.

לאָמיר זיך ווייטער האַלטען ביי אונזער ביישפּיל מיט דער פראָדוקציע פון העמדער און לאָמיר זיך ווייטער פרעגען: וואָס פאַר אַ אַרבייט איז נויטיג, כדי ס'זאָל מעגליך זיין צו מאַכען העמדער? — דער ענטפער איז נישט קיין שווערער. כדי צו מאַכען העמדער, מוז דער אַרבייטער קודם כל אויסלערנען זיך זיין פאַך; אַחוץ דעם מוז ער זיין קערפּער און דיינע קענטנישען שטענדיג אונטערהאַלטען אין אַ געהעריגען צושטאַנד. צו ביידע זאַכען איז נויטיג, אַז ער זאָל פערדינען די מיטלען, מיט וועלכע ער קאָן אונטערהאַלטען זיין קיום. די פּראָדוקציע פון די דאָזיגע עקזיסטענץ־מיטלען איז בכן נויטיג, כדי די אַרבייט פון מאַכען העמדער זאָל זיין מעגליך. און פון דעם וואָלט זיין געדרונגען, אַז דער „ווערט פון דער אַרבייט" איז גלייך מיט דעם

יעניגען סכום אַרבייט, וועלכע איז געזעלשאַפטליך נויטיג צו דער פּראָדוקציע פון די דאָזיגע עקזיסטענץ-מיטלען.

ביז'ן דאָזיגען פונקט זענען שוין געהאַט דערגאַנגען מארקס גרויסע פאָרלויפער. מיט זיי צוזאַמען האָבען אַנדערע געהאַלטען, אַז דער „ווערט פון דער אַרבייט" איז גלייך צו דעם ווערט פון דעם יעניגען סכום עקזיסטענץ-מיטלען, וועלכע דער אַרבייטער מוז פערברויכען. אַ גענויערע בעטראַכטונג ווייזט אָבער, אַז די דאָזיגע מיינונג איז נאָך נישט גענוג טיף.

דאָס ווערט דען דורך דאָס פערברויכען די דאָזיגע עקזיס-טענץ-מיטלען געשאַפען? ס'ווערט דורך זיי געשאַפען נישט די אַר-בייט, נאָר די אַרבייטס-פעהיגקייט, אָדער די אַרבייטס-קראַפט. ווען דער אַרבייטער פון דער העמדען-פאַבריק פערברויכט טעגליך די נויטיגע עקזיסטענץ-מיטלען, איז ער אימשטאַנד צו מאַכען העמ-דער; צי ער טוט דאָס פּראַקטיש, איז אַן אַנדער פראַגע. בכן, ענטשטעהט דורכ'ן פערברויך פון עקזיסטענץ-מיטלען, נישט די אַרבייט גופא, נאָר די אַרבייטס-קראַפט. דאָס הייסט, אַז די עק-זיסטענץ-מיטלען שטעלען מיט זיך נישט פאַר דעם „ווערט פון דער אַרבייט", נאָר דעם ווערט פון דער אַרבייטס-קראַפט. אַזוי האָבען מיר איצט דעם אויסדרוק, וועלכער האָט לכתחילה קיין זין נישט געהאַט, פונאַנדערגעפּלאָנטערט און אויפגעדעקט זיין אמת'ע בעדייטונג.

דער אַרבייטס-לוין איז דער פּרייז פון דער אַרבייטס-קראַפט. ער ווערט, פונקט אַזוי ווי דער פּרייז פון אַלע אַנדערע סחורות, בעשטימט לויט דעם ווערט פון דער אַרבייטס-קראַפט, ד. ה. לויט דעם סכום אַרבייט, וועלכע איז געזעלשאַפטליך נויטווענדיג צו בעשאַפען די יעניגע עקזיסטענץ-מיטלען, וואָס דורך זייער פער-ברויך ענטשטעהט די אַרבייטס-קראַפט. ערשט אויף דער גרונד-לאַגע פון דעם דאָזיגען ווערט, קאָן אויפ'ן לוין (ד"ה, דער פּראַקטיש בע-צאָהלטער פּרייז פאַר דער אַרבייטס-קראַפט) ווירקען, ווי מיר האָ-בען דאָס שוין פריהער אַרומגערעדט, דער מעכאַניזם פון אָנבאָט און נאָכפראַגע.

דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליסט קויפט בײם אַרבייטער, איז אויף

אַזאַ אופן — ווידער געגען דער אָנגענומענער מיינונג — נישט די אַרבייט, נאָר די אַרבייטס־קראַפט. אַז זי פערווענדט ער דאָס צו דער פּראָדוקציע צוזאַמען מיט די מאַשינען, רויה־שטאָפען און אַזוי ווייטער. בעטעטיגענדיג זיך, שאַפט די אַרבייטס־קראַפט ווערט. אין ערגעץ שטעהט אָבער נישט געשריבען, אַז די סומע ווערט, וועלכע זי שאַפט, מוז פונקט אַזוי גרויס זיין, ווי די סומע ווערט וועלכע מ'דאַרף פאַר איהר בעצאָהלט. דער ווערט פון דער אַרבייטס־קראַפט איז דער יעניגע סכום אַרבייט, וועלכע מוז אויסגעפיהרט ווערען, כדי צו פּראָדוצירען נויטיגע עקזיסטענץ־מיטלען פון אַרבייטער; דער ווערט, וועלכען מען שאַפט ביים פּראָדוצירען די העמדער, איז דער סכום אַרבייט, וועלכע ס'פיהרט־אויס דער העמדער־מאַכער. אַלס כלל איז די לעצטע סומע שטענדיג גרעסער ווי די ערשטע. כדי טעגליך צו שאַפען און אונטערהאַלטען זיין אַרבייטס־קראַפט, ברויכט דער אַרבייטער להלוטין נישט אַזאַ גרויסען ווערט, ווי ער שאַפט טעגליך דורך זיין אַרבייט ביי געוועהנליכע בעדינגונגען. ווען מיר ווייסען דאָס שוין, ענטפּלעקט זיך פאַר אונז ביים פערגלייכען די פּראָדוציר־קאָסטען פון אַ סחורה מיט איהר ווערט דער וויכטיגער אונטערשיד צווישען זיי ביידען. צו די פּראָדוציר־קאָסטען האָט געהערט דער אַרבייטס־לוין; אין ווערט פון דער סחורה פערנעמט אָבער דעם אָרט פון אַרבייטס־לוין די נייע אַרבייט, וועלכע איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער העמדער־פאַבריק. און געזעהען האָבען מיר דאָך, אַז זי איז גרעסער ווי דער אַרבייטס־לוין. פון דעם איז געדרונגען, אַז דער ווערט פון יעדער סחורה איז גרעסער ווי איהרע פּראָדוציר־קאָסטען. אין דעם אונטערשיד צווישען דער אַרבייט, וועלכע ווערט אָבגעטון ביים פּראָדוצירען אַ סחורה, און דער אַרבייט, וועלכע ווערט פאַר דער סחורה בעצאָהלט, ליגט די לעזונג פון דער רעטעניש, אויף וועלכער ס'האָבען זיך אפילו אַדאַם סמיט און ריקאַרדאָ נאָך נישט געהאַט אָנגעשטויסען.

מיט דער דאָזיגער ענטדעקונג איז געוואָרען אויפגעקלערט דער מקור פון פּראָפיט: דער פאַבריקאַנט קאָן דעם סוחר אָבגעבען די סחורה פאַר אַ פּרייז, וועלכער איז קלענער ווי דער ווערט פון

דער סחורה, אָבער גרעסער ווי איהר פּראָדוציר-קאָסטען; דער סוחר קאָן זי ווייטער פערקויפען לויט איהר ריכטיגען ווערט. און אַזוי וועלען ביידע בעקומען פּראָפיט אַפילו אין דעם פאַל, ווען דער קונד וועט בעצאָהלען פאַר די סחורות לויט זייער ווירקליכען ווערט. נישט אין האַנדעל ענטשטעהט דער פּראָפיט דורך דעם, וואָס די קונים צאָהלען-איבער, נאָר אין דער פּראָדוקציע פון די סחורות דורך דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבייטער.

אָבער נישט דער גאַנצער עודף, וועלכער ענטשטעהט אויף אַזאַ אופן בלייבט ביי די סוחרים אָדער די פאַבריקאַנטען; זיי מוזען אַ טייל פון דעם אַלס רענטען, צינזען, דיווידענדען א. אַז. וו. אָבטרעטען אַנדערע קאַפּיטאַליסטען. אונטער פּראָפיט פערשטעהען מיר אָבער נור דעם טייל פון עודף, וועלכער בלייבט-איבער ביים סוחר און פאַבריקאַנט. כדי צו האָבען אַ בעזונדער וואָרט פאַר'ן גאַנצען עודף, האָט איהם מאַרקס געגעבען דעם נאָמען „מעהרווערט".

.11

אַלערליי מניעות.

די דאָזיגע מעהר-ווערט-טעאָריע ערקלערט די ענטשטעהונג פון פּראָפיט, אָבער לחלוטין נישט דאָס בילדען זיך פון די פּרייזען. ביז אַהער איז נור אויפגעדעקט געוואָרען דער אַלגעמיינער מקור, פון וועלכען ס'שטאַמט דער פּראָפיט. אָבער ס'איז נאָך אינגאַנצען נישט בעוויזען געוואָרען, פאַרוואָס דער פּראָפיט האָט אין איינצעלנעם פאַל דוקא אַזאַ גרויס און נישט קיין אַנדערע. און וועגען דעם געהט עס דוקא. וואָרום, לאָמיר זיך דערמאָנען: יעדער פּרייז ווערט צונויפגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז דער פאַבריקאַנט שלאָגט-אַרויף אויף זיינע זעלבסט-קאָסטען דעם פּראָפיט, וואָס איז אָנגענומען אין זיין בראַנזשע. און דער באַנקראָט פון דער וואולגאַר-עקאָנאָמיע איז געוואָרען קלאָר, ווען זי איז נישט געווען אימשטאַנד אויפצודעקען, פאַר וואָס איז אין

אין פאל „אָנגענומען" דוקא דער, און אין אַ צווייטען פאַל דוקא יענע פּראָפיט־נאָרמע. ווארום דער פּרייז איז אַ גאַנץ אַנדערער ביי 25 אָדער 35, אָדער אפשר 45 פּראָצענט רויח.

צו קאָן אָבער די מעהר־ווערט־טעאָריע פון מאַרקס'ן לעזען די דאָזיגע רעטעניש? — אויפ'ן ערשטען קוק וואָלט געקאָנט דוכטען, אַז די רעטעניש איז שוין געלעזט. אַ פאַבריקאַנט בעשעפטיגט, זאָגען מיר, 100 אַרבייטער. ער מוז אַוועקשטעלען אין זיין רשות אַ בעשטימטען סכום פּראָדוציר־מיטלען פון אַ בעשטימטען ווערט, זאָגען מיר 1000 מאַרק. דאַזגלייכען בעצאָהלט ער זיי אַ בעשטימטען לוין, למשל, 500 אַרבייטער. דער קאַפּיטאַל, וועלכען ער לעגט־אַריין איז געשעפט, בעטרעפט בכן 1500 מאַרק. לאָמיר איצט אָננעמען, אַז ביים פערוואַנדלען די דאָזיגע פּראָדוציר־מיטלען אין פּראָדוקט, שאַפען די אַרבייטער פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל ווערט, ווי ס'מאַכט־אויס זייער לוין. דאַן זענען די 500 מאַרק אַרבייטס־לוין אין פאַרטיגען פּראָדוקט פערשוואונדען געוואָרען. זייער אַרבייט האָבען אָבער פערנומען 1000 מאַרק נייער ווערט, און צוזאַמען מיט'ן ווערט פון די פּראָדוציר־מיטלען, האָט צום סוף דער ווערט פון פּראָדוקט דערגרייכט 2000 מאַרק. דער פאַבריקאַנט האָט דערביי בעקומען 500 מאַרק מעהרווערט. ער רעכענט אַזוי: 1500 מאַרק האָב איך ס'ה געהאַט זעלבסטקאָסטען, 500 מאַרק האָב איך בעקומען מעהר־ווערט, דאָס בעטרעפט צוזאַמען 2000 מאַרק — דאָ איז אַלץ קלאָר. מיט אַנדערע ווערטער: ווען די סחורות זאָלען פערקויפט ווערען לויט זייער ווערט, איז, ווייסענדיג פון וואַנען ס'קומט דער מעהר־ווערט, לייכט צו ערקלערען ווי אַזוי ס'בילדעט זיך די פּרייזען.

אָבער אַזוי רעכענט דאָך דער פאַבריקאַנט נישט. וועגען דעם מעהר־ווערט, וועגען זיין גרויס האָט דאָך דער פאַבריקאַנט קיין שום בעגריף נישט. ער קען נור די אָנגענומענע אין זיין בראַנזשע פּראָפיט־נאָרמע. צווישען דער פּראָפיט־נאָרמע און דעם מעהר־ווערט, וועלכען מען קאָן דערגרייכען אין דערזעלבער בראַנזשע, איז אָבער געוויס דאָ אַן אומגעהויערער אונטערשיד. דאָס קאָן מען לייכט בעווייזען דורך אַ קליינע בעטראַכטונג.

מען דאַרף נישט פֿערגעסען, אַז דער מעהר־ווערט — ד. ה. די יעניגע סומע, אויף וועלכע דער ווערט פֿון פֿאַרטיגען פּראָדוקט שטייגט איבער דעם פֿריהער געוועזענעם קאַפּיטאַל־ווערט — ענטשטעהט נור פֿון דער לעבעדיגער ניי אויסגעפֿיהרטער מענשליכער אַרבייט. ווען מען אַרבייט צוועקמעסיג, טראָגען איבער די מאַשינען, די רויה־שטאָפֿען, אַלע זאַכען, וועלכע זענען נויטיג צו דער פּראָדוקציע, זייער ווערט אויפ'ן פּראָדוקט; אָבער פֿערגרעסערן דעם ווערט קאָנען זיי נישט. וויפֿיל דער ווערט האָט בעטראָגען פֿריהער אין די פּראָדוציר־מיטלען, אַזוי פֿיל בעטרעפֿט ער אויך שפּעטער אין פֿאַרטיגען פּראָדוקט, קיין פֿעניג נישט מעהר (ביי געוויסע אומשטענדען, ביי נאַכלעסיגער אַרבייט, ביי אַ שלעכטער בעל־הבית'ישקייט, ביי אַ פֿערשווענדונג פֿון מאַטעריאַל א. אַז. וו. אַפּילו ווייניגער); נור די מענשליכע אַרבייט שאַפֿט דורך איהר טעטיגקייט אַ נייעם ווערט, וועלכער איז פֿריהער נאָך נישט געוועזען, און וועלכער קאָן דערום זיין גרעסער פֿון דעם אַרבייטס־לוין. דער דאָזיגער כּלל איז דער עצם פֿונדאַמענט פֿון מאַרקס'ס ווערט־ און מעהר־ווערט־טעאָריע.

ס'זענען דאָך אָבער דאָ בראַנזשען, אין וועלכע ס'ווערט בכלל נישט פּראָדוצירט; די בעשעפֿטיגען דאָך נישט קיין פּראָדוצירענדע אַרבייטער און פֿונדעסטוועגען שאַפֿען זיי פּראָפֿיט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אָן האַנדעל און בענק. ווי קומען זיי צו זייער פּראָפֿיט, אויב יעדע אונטערנעמונג בעקומט נור אַזוי פֿיל מעהר־ווערט, וויפֿיל זי שלאָגט־אַרויס פֿון איהרע אַרבייטער?

ווייטער: ווען די זאַך וואָלט מאַקע קומען אַזוי איינפֿאַך, ווי אויבען איז אָנגעמערקט געוואָרען, דאַן וואָלט יעדער קאַפּיטאַלס פּראָפֿיט געמוזט שטעהן אין אַ געוויסען פֿערהעלטניש צו דער צאָהל פֿון זיינע אַרבייטער. וואָס מעהר אַרבייטער ער בעשעפֿטיגט, אַלץ גרעסער דאַרף זיין זיין פּראָפֿיט, און די פֿאַבריקאַנטען וואָלטען געדאַרפֿט זיין פֿעראינטערעסירט אין דעם, צו בעשעפֿטיגען וואָס מעהר אַרבייטער. מיר ווייסען אָבער דאָך שוין פֿון אונזערע פֿריהערדיגע בעטראַכטונגען, אַז די גרויס

פון פּראָפּיט ווענדט זיך נישט אָן דער צאָהל אַרבייטער, נאָר אָן דער גרויס פון קאַפּיטאַל. און מיר ווייסען ווייטער, אַז די קאַפּיטאַליסטען בעמיהען זיך, צו בעשעפטיגען וואָס אַמאָל וועניגער אַרבייטער, און אַז דוקא דורך דעם פערגרעסערן זיי זייער פּראָפּיט.

ענדליך ווייסען מיר דאָך, אַז ס'איז דאָ אַ דורכשניטס־פּראָפּיט־נאָרמע. די דאָזיגע נאָרמע קאָנט איהר שוין געוויס נישט צונויפפּאָרען מיט דער הנחה, אַז דער פּראָפּיט ווענדט זיך אָן דער צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטער.

אין די פערשידענע אינדוסטרי־צווייגען קומט־פאָר דאָס טיילען דעם קאַפּיטאַל אין פּראָדוציר־מיטלען און אין אַרבייטס־לוין *), לויט פערשידענע מאַסשטאַבען. וואָס מעהר אַ אינדוסטרי איז טעכניש ענטוויקעלט, וואָס גרעסער אין איהר איז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, מיט אַלץ אַ גרעסערן סכום רויה־שטאָפען, מאַשינען, א. אַז. וו., וועט זיך יעדע איינצעלנע אַרבייטס־קראַפט קאָנען אָנגעבען. דער גראַד פון דער טעכנישער ענטוויקלונג איז אָבער אין די פערשידענע בראַנזשען זעהר פערשידען. מאַנכע זענען אָבגעשטאַנען, די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט איז אין זיי נאָך נישט הויך ענטוויקעלט, אַזוי, אַז ס'זענען נויטיג פערהעלטניסמעסיג פיל אַרבייטס־קרעפטען, כדי אויסצואַרבייטען קליינע סומען פּראָדוציר־מאַטעריאַלען. דאָ מוז דער קאַפּיטאַליסט פון 100 מאַרק קאַפּיטאַל אַ גרויסען טייל אויסגעבען אויף אַרבייטס־לוין און אַ קליינעם טייל אויף פּראָדוציר־מיטלען. אין אַנדערע איז ווידער פערקעהרט. דער „אָרגאַנישער צונויפשטעל" פון קאַפּיטאַל — אַזוי רופט־אָן מאַרקס די איינטיילונג אין קאָנסטאַנטען (נישט פערענדערליכען) און וואַריאַבלען (פערענדערליכען) קאַפּיטאַל — איז בכן זעהר פערשידען.

*) ווי ס'איז בעוויזען געוואָרען אויבען, בלייבט בעת דער פּראָדוקציע דער ווערט פון קאַפּיטאַל, וועלכען מען לעגט אַריין אין די פּראָדוציר־מיטלען, נישט פערענדערט; מאַרקס רופט דערפאַר־אָן דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל (קאָנסטאַנטער (אונפערענדערליכער) קאַפּיטאַל. דאַגעגען דער טייל פון קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אויסגעגעבען אויף אַרבייטס־לוין, פערגרעסערט זיך אין דער פּראָדוקציע, דערום רופט איהם מאַרקס אַן וואַריאַבלער (פערענדערליכער) קאַפּיטאַל.

לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלען דריי פערשידענע קאַפּיטאַלען (פון דריי פערשידענע אינדוסטרי־צווייגען), וואָס זייער אָרגאַנישער צונויפשטעל זעהט אַזוי אויס:

קאפּיטאל I בעשטעהט פון 20 ק. (קאָנסטאַנט) 80x וו. (וואַריאַבל.)
„ II „ „ 50 ק. 50x
„ III „ „ 80 ק. 20x

וויפיל יעדערער פון די דאָזיגע קאַפּיטאַלען וועט אָבוואַרפען מעהר־ווערט הענגט זעלבסטפערשטענדליך אָב אויך פון דעם, ווי ווייט זיי עקספּלואַטירען די אַרבייטער. וואָס גרעסער ס'איז דער ווערט, וועלכען יעדער איינצעלנער אַרבייטער שאַפט טעגליך, אַלץ גרעסער וועט זיין די סומע מעהר־ווערט ווי דער אַרבייטס־לוין, און דאָס קאָן אין די פערשידענע בראַנזשען אויך זעהר פערשידען זיין. כדי קאָנען פערגלייכען, לאָמיר אָננעמען, אַז דער גראַד פון דער עקספּלואַטאַציע איז אין אַלע דריי בראַנזשען דערזעלבער און אַז ער בעטרעפט 100 פּראָצענט. דאָס בעדייט, אַז אַלע אַרבייטס־קרעפטען שאַפען פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל ווערט, ווי זיי בעקומען אין זייער אַרבייטס־לוין, אַזוי אַז פאַר די קאַפּיטאַליסטען בלייבט־איבער פונקט אַזוי פיל מעהר־ווערט, וויפיל זיי האָבען בעצאָהלט אַרבייטס־לוין.

אין דאָזיגען פאַל שאַפען

די אַרבייטער פון קאַפּיטאל I 80 מאַרק (מעהרווערט)
„ „ „ II 50 „
„ „ „ III 20 „

די דאָזיגע טאַבעלע בעווייזט גאַנץ קלאָר, אַז דער סכום מעהר־ווערט, וועלכער ווערט געשאַפען אויף יעדע 100 מאַרק קאַפּיטאַל, מוז אין פערשידענע בראַנזשען לויט זייער אָרגאַנישען צונויפשטעל, זיין גאַנץ פערשידען. ווען די סחורות וואָלטען פערקויפט ווערען לויט זייער ווערט, ד"ה ווען יעדער איינצעלנער פאַבריקאַנט וואָלט אַרויסגעשלאָגען אויף זיינע פּראָדוציר־קאָסטען פונקט דעם ווירקליך געשאַפענעם מעהר־ווערט, וואָלט די פּראָפיט־נאָרמע אין פערשידענע בראַנזשען געמוזט זיין אויפ'ן העכסטען גראַד פערשידען. אין דעם אויבען געבראַכטען ביישפּיל, וואָלט

דער פראפיט אין דער אבגעשטאנענסטער בראנזשע בעטרעפט 80 פראצענט, אין דער מיטעלער 50 פראצענט, אין דער אנטוויקעל־טסטער נור 20 פראצענט, וואס וואלט גלייכצייטיג געווען א מין פרעמיע פאר אבגעשטאנענקייט. פאקטיש איז אבער דער פראפיט (אויף יעדע 100 מארק קאפיטאל) אין אלע בראנזשען מער ווייניגער גלייך.

ווי קאנען די דאזיגע אלע מניעות בעזייטיגט ווערען אויפ'ן סמך פון מארקס'ס ווערט- און מעהר־ווערט־טעאריע?

12.

דאס בילדען זיך פון די פרייזען אין דער פראקטיק.

ס'איז נויטיג, אז מיר זאלען זיך נאך אמאל איינגאנצען קלאר מאכען די ערשיינונגען פון דער דורכשניטליכער פראפיט־נארמע און דעם אופן, ווי אזוי זי ווערט געבילדעט. קודם־כל ווארפט זיך אין די אויגען, אז די הויך פון ריוח ווערט אויסגעגליכען דורך דער קאנקורענץ. ווען עמיצער וואלט געוואלט אויפהויבען זיינע פרייזען בעדייטענד העכער, ווי עס ערלויבען זיינע זעלבסט־קאסטען און די אנגענומענע פראפיט־נארמע, וואלטען זיינע קאנקורענטען געזעהן, אז ער זאל גאר נישט קאנען פערקויפען. אמת, דא הערבט זיך גלייך אויף די פראגע, פארוואס איז דווקא דער פראפיט א „פאסיגער"?

אבער דערווייל לאמיר דאס לאזען אן א זייט. וויבאלד די קאנקורענץ האט אזא ווירקונג אין די גרענעצען פון יעדער בראנזשע, בעזונדער, פארוואס זאל זי נישט קאנען שפילען דיזעלבע ראליע צווישען די פערשידענע בראנזשען? צוגעבונדען צו א בעשטימטער בראנזשע זיינען דאך נור מעהר־ווייניגער די מענשען, די סוחרים, פאבריקאנטען, לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמער — ווי דאס האט בעוויזען די איבערשיכטונג, בעת דער מלחמה — אבער נישט די געלדער, די קאפיטאליסטען. וויבאלד אין א בראנזשע ווערען געשאפען בעזונדערס הויכע פראפיטען, גיסען זיך אין איהר אריין קאפיטאלען פון אנדערע בראנזשען, וועלכע זיינען נישט אזוי גינסטיג אוועקגעשטעלט, און די כסדר ניי־ענטשטעהענדע קאפיטאלען,

װעלכע זוכ׳ן פאַר זיך גוטע געשעפטען, קלײב׳נן־אױס דװקא אַזעלכע
ר ע נ ט אַ ב ל ע*) בראַנזשען, זײער פּראָדוקציע װאָלט זיך געמוזט פער־
גרעסערן און כדי אָבצוזעצען דעם פערגרעסערטען כמות סחורות, װאָלט
מען די פרײזען, און מיט זײ אױך די פּראָפיט־נאָרמע געמוזט פער־
קלענערט װערען. און דער היפוך פון דעם װאָלט געמוזט פאָרקומען
אין װעלכע נישט איז בראַנזשע װאָלט געהאַט בעזונדערס נידריגע
פּראָפיטען. אױף אַזאַ אופן װירקט די קאָנקורענץ, אַז די פּראָפיט־
נאָרמען זאָלען אין אַלע בראַנזשען אױסגעגליכען װערען. ס׳פער־
שטעהט זיך, אַז צוליב דעם דאַרף נאָך דער פּראָפיט אין אַלע בראַנ־
זשען נישט זײן מאַטעמאַטיש גלײך; ס׳איז גענוג, אַז ער איז מעהר־
װעניגער דערזעלבער. װי גרױס ס׳זאָלען נישט זײן די אונטערשידען,
װעלכע ענטשטעהען אין אײנצעלנע פאַלען, אַדאַנק בעזונדערע פע־
היגקײטען צום געשעפט א. אַז. װ. — אַמניעה, ס׳זאָל עקזיסטירען
די דורכשניטליכע פּראָפיט־נאָרמע, איז דאָס נישט. געװיס װאַרפט
זיך יאָ די גלײכקײט פון די פּראָפיטראַטען נישט אַזױ אין די אױ־
גען, װי אין די גרענעצען פון יעדער אײנצעלנער בראַנזשע בעזונ־
דער, װײל אין די פערשידענע בראַנזשען קאָנען דאָך די אַלגע־
מײנע קאָסטען, די אָנװענדונג און אָבנוצונג פון די מאַשינען און אַזױ
װײטער, זײן גאַנץ פערשידענע; כדי אױסצוגלײכען די דאָזיגע אונ־
טערשידען, קאָן פאָרקומען, אַז דער ברוטאָ־פּראָפיט זאָל אין אײן
בראַנזשע זײן בעדײטענד העכער, אין דער צװײטער בעדײטענד ני־
דעריגער, װי אין אַנדערע, און דאָס פערדעקט טאַקע דעם אמת. אָבער
װען מען רעכענט־אָב די פערשידענע קאָסטען, בלײבט דאָך טאַקע אין
די פערשידענע בראַנזשען אַ מעהר־װעניגער גלײכער נעטאָ־פּראָפיט.

גיט מען זיך אָב אַ חשבון װעגען דעם דאָזיגען פאַקט, איז שױן
נישט שװער צו פערשטעהן, פאַרװאָס די פרײזען פון אײנצעלנע
סחורות קאָנען זעהר װײט אָבװײכען פון זײער װערט, און דאָך, אַלע
צוזאַמען גענומען, קאָנען זײ פערקױפט װערען לױט דער פּראַקטישער
סומע פון אַלע זײערע װערטען. די גאַנצע מאַסע פאַרדאַנענע קאַפּי־
טאַל איז אַ בעשטימטען װערט (װעלכער שטעלט זיך צונױף פון
דעם װערט פון די פּראָדוקציע־מיטלען און די אַרבײטס־לױנען.), לאָז
מיר זאָגען 500. אַזױפיל װערט הײסט דאָס, איז פאַרהאַן אײנהײט

*) װעלכע בראַנגען אַרײן אַ געהעריגען רװח.

מען טרעט־צו צו דער פראָדוקציע. אַט האָט זיך די פראָדוקציע אָנגעהויבען. יעדער איינצעלנער קאַפּיטאַל פראָדוצירט מעהרווערט, אָבער אין אַ פערשידענער מאָס, למשל, אויף אַזאַ אופן:

קאַפּיטאַל	100 — I	שאַפט	20%	מעהרווערט,	זיין פראָדוקט איז ווערט	120
"	100 — II	"	30%	"	"	130
"	100 — III	"	4 %	"	"	140
"	100 — IV	"	15%	"	"	115
"	100 — V	"	5%	"	"	105
	500				די געזאַמטע ווערט פון אַלע פראָדוק.:	610

וואָלט יעדער איינצעלנער פראָדוקט געוואָרען פערקויפט לויט זיין ריכטיגען ווערט, וואָלטען, פערשטעהט זיך, די פראָפיטען פון די פערשידענע קאַפּיטאַלען געהאַט אַ פערשידענע גרויס. אָבער דערצו לאָזט נישט צו די קאָנקורענץ. דורך אַ לאַנגזאַמען אויסגלייך ברענגט זי דערצו, אַז דער גאַנצער פאַרהאַנענער פּראָפיט פון 110 ווערט גלייכמעסיג פונאַנדערגעטיילט צווישען די פערשידענע איינצעלנע קאַפּיטאַלען, אַזוי אַז אויף יעדען קומט־אָן 22. אויף אַזאַ אופן בילדעט זיך די אָנגענומענע פראָפיט־נאָרמע פון 22 פראָצענט, וועלכער איז בעקאַנט יעדען קאַפּיטאַליסט, און יעדערער פערקויפט זיינע סחורות, וועלכע ס'האָט איהם געקאָסט פראָדוצירען 100 מאַרק — צו 122. וויפיל זיינע סחורות זענען ווירקליך ווערט — דאָס ווייס ער נישט, דאָס געהט איהם גאָר נישט אָן, ווען ער ווייס נור וויפיל ער דאַרף אַרויפשלאָגען אויף יעדע הונדערט מאַרק פראָדוציר־קאָסטען, כדי צו בערעכענען דעם „פאַסיגען" פרייז *). אויף אַזאַ אופן הענגט סוף כל סוף אָב דער פראָפיט פון יעדען איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט פון דער גרויס פון זיין קאַפּיטאַל, און דאָס רופט טאַקע אַרויס די פאַלשע פאָרשטעלונג, אַז דער פראָפיט וואַקסט כלומרשט אַליין אַרויס פון קאַפּיטאַל, פונקט ווי אַ פרוכט וואַקסט־אַרויס פון אַ בוים.

„ביים פערקויפען די סחורות ציהען דעריבער אַרויס די קאַפּיטאַליסטען פון די פערשידענע בראַנזשען פונקט דיזעלבע קאַפּיטאַל־ווערטען, וועלכע זענען געוואָרען פערברויכט אין דער פראָ־

*) זעה מאַרקס. קאַפּיטאַל, באַנד III, 1 טייל, קאַפּיטעל 9 פּאָפּולערע אויסגאַבע פון יוליאַן מאַרקס באָרכאַרד.

דוקציע. גאָר אַנאַנדערע זאַך איז מיט'ן מעהרוועהרט אָדער פּראָפיט. פון פּראָפיט קומט־אָן דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט נישט די סומע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען אין דער פּראָדוקציע פון זיינע סחורות, נאָר אַזויפיל, וויפיל ס'מאַכט־אויס אויף זיין טייל קאַפּיטאַל לויט דעם אָנגענומענעם דורכשניט־פּראָפיט פון דער גאַנצער מאַסע מעהרוועהרט פון גאַנצען קלאַס קאַפּיטאַליסטען. פאַר יעדע 100 בעקומט דער אויסגעלעגטער קאַפּיטאַל, אַלץ איינס ווי ער זאָל נישט זיין צונויפגעשטעלט, אין יעדען יאָר דעם פּראָפיט, וועלכער פאַלט־אויס אין דעם דאָזיגען יאָר אויף 100 פון גאַנצען קאַפּיטאַל. די פערשידענע קאַפּיטאַליסטען זענען בנוגע דעם פּראָפיט פונקט ווי אַקציאָנערען פון אַן אַקציען־געזעלשאַפט, וואו דער חלק פון פּראָפיט ווערט גלייכמעסיג צעטיילט לויט 100. די פּראָפיטען פון די פערשידענע קאַפּיטאַליסטען אונטערשיידען זיך דאָ נור לויט דער גרויס פון יעדענ'ס קאַפּיטאַל, וועלכען ער דאָט אַריינגעלעגט אין דער גאַנצער אונטערנעמונג, לויט דער צאָהל פון זיינע אַקציעס און אויף אַזאַ אופן איז אין דער גאַנצער געזעלשאַפט גופא — רעכענענדיג אַלע פּראָדוציר־צווייגען צוזאַמען — די סומע פון אַלע סחורות גלייך צו דער סומע פון איהרע ווערטען *).

13.

אַרבייט און פּראָפיט אין האַנדעל.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרען וועגען **פּראָדוצירענדע** קאַפּיטאַלען. דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל בעשעפטיגט אָבער נישט קיין פּראָדוקטיווע אַרבייטער און שאַפט נישט קיין מעהרוועהרט, ער פיהרט נור דורך דעם אומזאַץ פון די ווערטען, נישט פערגרעסערענדיג זיי אויף קיין האָר. פון וואַנען קען ער בעקומען פּראָפיט, ווען ער וועט נישט מאַכען אַ נייעם און שוין דוקא אַ ווילקירליכען צושלאָג אויף די פּרייזען?

אָבער דער אונטערשיד, וועגען וועלכען ס'גערעדט דאָ, דער אונטערשיד צווישען פּראָדוצירענדען קאַפּיטאַל און האַנדעלס־קאַפּיטאַל,

*) מאַרקס, קאַפּיטאַל, פּאָפּולערע אויסגאַבע (דייטש).

איז זעהר א פיינער אונטערשיד. מיר וועלען דעריבער פרובען קלאר מאכען דעם ענין נאך אויף אנאנדער אופן.

ווען א פאבריקאנט הויבט אן צו פיהרען זיין געשעפט מיט א קאפיטאל פון 100 (צ.ב. 100 טויזענד מארק), פערגרעסערט ער דעם דאזיגען ווערט אין דער פראדוקציע גופא. ווען די סחורות זענען פארטיג, דאן ער אין דער האנד א ווערט, לאמיר זאגען, 120 מ. פערקויפענדיג די פארטיגע סחורות, וויל ער דעם שוין געשאפענעם ווערט פון 120, פערוואנדלען אין געלד.

אנדערש איז מיט'ן סוחר. ער פאבריצירט נישט און פראדוצירט נישט. ער קויפט נור איין, און קאן דעם ווערט פון די איינגעקויפטע סחורות בשום־אופן נישט פערגרעסערן. בכן, קאן זיך דוכטען, אז זיין פראפיט ענטשטעהט נור דורך דעם, וואס ער פערקויפט זיינע סחורות איבער'ן ווערט.

אפשר וועט אונז לייכטער זיין די זאך צו פערשטעהן, ווען מיר וועלען זיך פרובען מיט דער גאנצער דייטליכקייט קלאר מאכען די ראליע פון האנדעל אויף א ביישפיל פון די איינפאכערע אמאליגע פערהעלטנישען.

„יענע אוראלטע קליינע אינדישע קהילות וועלכע עקזיסטירען טיילווייז נאך היינט, שטיצען זייער קיום אויף קהל'שען אייגענטום אויף'ן באדען, אויף דער 'אונמיטעלבארער פערבינדונג פון דעם אקערבוי מיט'ן האנדווערק און אויף א בעשטימטער צעטיילונג פון דער ארבייט... די הויפט־מאסע פון די פראדוקטען ווערט פראדוצירט פאר דעם אונמיטעלבארען אייגענעם בעדארף פון דער קהילה, נישט צום פערקויפען... נור דער עודף פון פראדוקטען ווערט פערקויפט" טיילווייז אויך דורך דער מלוכה, וועלכע בעקומט זיי פון דער קהילה אלס נאטוראל־שטייער). — דא איז קלאר אהן פירושים, אז פאר א „פראדוקטיווע" ווערט נור געהאלטען אזא ארבייט, וועלכע פראדוצירט עפעס; נור זי ערנערט די קהילה. „אין דער איינפאכסטער פארם בעארבייט די קהילה דעם באדען אויף קהל'שע יסודות און טיילט־פונאנדער זיינע פראדוקטען צווישען אידרע מיטגליעדער, בעת יעדע פאמיליע פערנעמט זיך מיט'ן שפינען, וועבען א.א.וו., זוי מיט א הויזליכער נעבען־בעשעפטיגונג". דאס איז די פרא-

דוקטיווע אַרבייט, מיט וועלכער ס'איז בעשעפטיגט די גרויסע מאַסע קהילה־מיטגלידער. אַחוץ זיי געפינען מיר אפשר נאָך ביי אַ טויץ בעאַמטע, דעם ריכטער, דעם פּאָליציאַנט, דעם גרענעץ־שומר, דעם גלח, דעם לעהרער א. אַז. וו. אַז די אַרבייט פון די לעצטענס אויסגערעכענטע פּערזאָנען איז נישט קיין פּראָדוקטיווע, קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין. צו דערזעלבער קאַטעגאָריע געהערט אויך דער בוכהאַלטער. אמת, מען רעכענט־צו צום דאָזיגען טויץ מענשען אויך דעם שמיד, דעם בוי־סטאָלאַר, דעם טעפּער, וועמענ'ס אַרבייט איז אָהן אַ ספק פּראָדוקטיוו. פרעגט איהר אָבער, פאַרוואָס מען רופט פּראָדוקטיוו די אַרבייט פון שמיד, וועלכער שטעלט־צו די ווערקצייג און מכשירים, אָבער נישט די אַרבייט פון גלח, וועט מען אייך תיכף ענטפערן: ווייל דער שמיד שאַפט פּראָדוקטען און דער גלח נישט.

דאָ ווערט קלאָר, ווי שאַרף מען מוז אונטערשיידען צווישען די בעגריפען „פּראָדוקטיוו" און „נוצליך". דעם גלח'ס, דעם לעהרער'ס, דעם גרענעץ־שומר'ס אַרבייט קאָן זיך זיין זעהר נוצליך, דאָס קאָן אפילו זיין אַזאַ אַרבייט, אָהן וועלכער מ'קאָן זיך פּשוט נישט בעגעהן, אָבער פּראָדוקטיוו וועט זי נישט זיין, ווייל זי פּראָדוצירט גאָר נישט. ס'איז דאָך פולשטענדיג קלאָר, אַז די דאָזיגע בעאַמטע ווערען געשפּייזט און פערזאָרגט מיט אַלץ, וואָס איז נויטיג, דורך די פּראָדוקטען, וועלכע ס'שאַפען די איבעריגע מיטגלידער פון דער קהילה. דורך דער אַרבייט פון גלח, לעהרער, גרענעץ־שומר — ווי נוצליך זי זאָל נישט זיין — וועט איהר דעם סכום פּראָדוקטען, וועלכער איז גרייט פאַר'ן געברויך, נישט פערגרעסערן. זייער הכנסה מוז אַראָבגערעכענט ווערען פון די דאָזיגע פּראָדוקטען.

פונקט דאָזעלבע קאָן מען אויך, זעלבסטפערשטענדליך, זאָגען וועגען דעם בוכהאַלטער. זיין אַרבייט איז אויך זעהר אַ נויטיגע, ווייל זי גיט די מעגליכקייט צוצופּאַסען די פּראָדוקציע צו די בעדערפענישען. אָבער „די פּראָדוקציע און די בוכהאַלטעריע פון דער פּראָדוקציע בלייבען דאָך פאָרט צוויי פערשידענע זאַכען, פונקט אַזוי ווי די משאות פון שיף און זייער פראַכט. אין דעם בוכהאַלטער ווערט אָבגענומען ביי דער פּראָדוקציע אַ טייל פון דער אַרבייטס־קראַפט, וועלכע די קהילה האָט אין איהר רשות, און די קאָס

טען פון זיין פונקציע ווערען נישט געדעקט דורך זיין אַרבייט, נאָר דורך אַ טייל פון דער קהלשער פּראָדוקציע" (מאַרקס).

און דאָס בלייבט אַזוי אַפילו דאַן, ווען דער בוכהאַלטער אַרבייט, אַנשטאָט פאַר אַ קאָמוניסטישער קהילה, פאַר אַ מאָדערנעם קאַפּיטאַליסט. זיין אַרבייט איז נוצליך, אָהן איהר קאָן מען זיך נישט בעגעהן, אָבער זי שאַפט נישט קיין פּראָדוקטען.

צי שאַפט זי ווערט? — אין יענע איינפאַכע פערהעלטנישען איז נאָך קיין ווערט בכלל נישטאָ (אויסער געברויכס-ווערט). די אַרבייט צו פערגלייכען, צו מעסטען זי מיט דער אַרבייט פון אַן אַנדער פּראָדוקט, כדי צו בעשטימען, וויפיל אין פּראָדוקט איז ווערט אין פערהעלטניש צום אַנדערן — קומט ערשט אויס דאַן, ווען מען וויל איינס אויסטוישען אויף דאָס אַנדערע, פערקויפען. אָבער אויב דער ווערט איז קיין אַנדער זאַך נישט, ווי די אַרבייט, וואָס שטעקט אין פּראָדוקט, דאַן קאָן די אַרבייט, וועלכע שאַפט קיין פּראָדוקטען נישט, אויך נישט שאַפען קיין ווערט. דערמיט איז די פראַגע פערענטפערט פאַר אַלע ווירטשאַפטס-אופנים, פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע פאָרמען ביז'ן הייטיגען טאָג. אַ סחורה איז ווערט אַזויפיל און אַזויפיל. זאָגען מיר, למשל, אַ הוט איז ווערט 10 מאַרק, דאָס בעדייט, כדי צו מאַכען אַזאַ הוט, איז נויטיג פונקט אַזוי פיל אַרבייט, ווי צו שאַפען אַ מטבע פון 10 מאַרק, אָדער יעדע אַנדערע סחורה, וועלכע איז ווערט 10 מאַרק. דער בוכהאַלטער שאַפט נישט קיין 10-מאַרקענע מטבעות, נישט עפּעס אַנדערש; ער פּראָדוצירט בכלל גאָרנישט, בכן, אויך קיין ווערט נישט. די סומע ווערט, וועלכע ער בעקומט פאַר זיין אַרבייט אַלס לוין, איז נישט געשאַפען געוואָרען דורך זיין אַרבייט, נאָר זי מוז גענומען ווערען פון די ווערטען, וועלכע ס'האָט געשאַפען די אַרבייט פון אַנדערע מענשען. מיר חזר'ן-איבער נאָך אַמאָל, אַז דאָס בעוויזט לחלוטין נישט, אַז זיין אַרבייט איז נישט נוצליך. דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגען וועגען דער אַרבייט פון רופא, פון בירגערמייסטער און פון אַ סך אַנדערע נוצליכע אַרבייטער.

ביז אַהער איז אַלץ קלאָר. אָבער בוכהאַלטעריע איז נישט די איינציגע אַרבייט פון אַ סוחר. זי איז אַפילו נישט די הויפּט-אַרבייט;

נישט די אַרבייט, וועלכע איז וועזענטליך פאַר׳ן סוחר. דאָס קאָן מען שוין זעהן פון דעם, אַז די איז געווען נויטיג אַפילו דאָרטען, וואו ס׳זענען נאָך בכלל קיין סוחרים נישט געווען. וואָס פאַר אַ פערצווייגטע, פערפלאָנטערטע בוכהאַלטעריע פאָדערט היינט, למשל, יעדע שטאָטישע פערוואַלטונג, הגם דאָרטען קאָן פון סוחרים קיין רעד נישט זיין. די עצם-נאַטור פון סוחר, דאָס וואָס מאַכט איהם פאַר אַ סוחר — דאָס זאָגט שוין זיין בלויזער נאָמען — איז דאָס קויפען און פערקויפען.

אַז דורך קויפען און פערקויפען קאָן מען קיין איין אַטאָם נייעם ווערט נישט שאַפען, איז אַ זאַך, וועלכע נויטיגט זיך נישט אין קיין באַזונדערע באַווייזען. מען האָט פראָדוצירט אַ בעשטימטען סכום סחורות, אין דעם שטעקט אַ בעשטימטער סכום פראָדוקטיווע אַרבייט—די דאָזיגע אַרבייט, און נישט עפּעס אַנדערש ווי דער ווערט פון די סחורות. דורך דעם, וואָס דער סוחר נעמט-איבער די סחורה פון פאַבריקאַנט און פערקויפט זי ווייטער אַנדערע סוחרים אָדער קאָנסומענטען, ענדערט זיך דער ווערט אויף קיין האָר נישט. „דער אומזאַץ קאָסט צייט און אַרבייטס-קראַפט, אָבער נישט כדי צו שאַפען ווערט, נאָר כדי איבערצופיהרען דעם ווערט פון איין פאָרם אין דער צווייטער. דאָס, וואָס דערביי פרובט יעדער צד אַריינכאַפען דעם עודף פון ווערט, פון דעם ענדערט זיך קיין זאַך נישט. די אַרבייט, וועלכע ווערט דאָ נאָך פערגרעסערט אַדאַנק די עגאָאיסטישע פּניות פון ביידע צדדים, קאָן פונקט אַזויפיל ווערט שאַפען, ווי די אַרבייט, וועלכע ווערט אָפּגעטון ביי אַ געריכטליכען פּראָצעס, קאָן פערגרעסערן דעם ווערט פון שטרייט-געגענשטאַנד" *).

II.

אַ סוחר רופען מיר אָן אַ פּערזאָן, וועלכער פערנעמט זיך מיט קויפען און פערקויפען נישט צייטווייליג, ביי אַ געלעגענהייט, נאָר שטענדיג, אַזוי אַז דאָס איז איהר פּראָפעסיע, איהר הויפּט-בערוף. איינצעלנע סוחרים בעגעגענט מען שוין זעהר פריה. וועגען דער עלטסטער צייט

מאַרקס קאַפּיטאַל, באַנד II, קאַפּיטעל 6. פאָפּולערע אויסגאַבע.

פון דער גערמאַנישער געשיכטע דערצעהלט, למשל, געאָרג שטיינהויזען **): „דאָס פערשפרייטען פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטען (כלים פון מעטאַל און ליים, צירונג, וואָפען, וועבס) פאָדערט שוין לכל-הפחות אַ פּרימיטיווען האַנדעל. ווען מען רעכענט נאָך צו דעם גרויסען אימפּאָרט פון פרעמדע פּראָדוקטען, מוז מען (אָנערקענען), אַז דער האַנדעל, אַלס איינפאַכער אויסטויש, האָט אין גערמאַנישען לעבען געמוזט שפּילען גאָר נישט קיין קליינע ראָליע... אַ טייל גערמאַנען האָבען זיך דאָך געווים גאַנץ פריה אָנגעהויבען פערנעכטען (אויסשליסליך) מיט האַנדעלס-געשעפטען... בעזונדערס מיט שאַפען פאַר די רעמער בערנשטיין, רויכוואַרג, פרוכטען (בוראַקעס), גענזענע פעדערן, פיה, טייך-פערל, שקלאַפען פון ווייטע געגענדען און מיט'ן אָנזעצען רוימישע סחורות צווישען די אינווענינסטע שבטים... די גערמאַנישע הענדלער האָבען געווים פערקערט אויך מיט די סלאַווען; האַנדעלס-בעציהונגען זענען געווען אויך צווישען דרום-גערמאַנער און סקאַנדינאַווער. ווייטער האָבען מיר גאַנץ אַלטע ידיעות וועגען דעם ים-האַנדעל פון די גערמאַנען אויפ'ן ברעג צפון-ים, וועלכער (האַנדעל) האָט זיך ענטוויקעלט פון ים-רויב..."

אָבער ווען מען זאָל נישט רעכענען אַזעלכע פּרימיטיווע אָנפאַנגען, האָט דער האַנדעל — ביי די דייטשען, ווי ביי אַלע פעלקער — בעקומען אַ גרעסערע בעדייטונג ערשט אויף אַ ווייט שפּעטערער שטופע פון זייער ענטוויקלונג. די וואַקסענדע בעדערפנישען האָבען געצוואונגען צו טיילען די אַרבייט. פון דער אוראַלטער, מעהר אָדער ווייניגער קאָמוניסטישער קהילה, וועלכע האָט הויפּטזעכליך, אָדער אויסשליסליך געאַרבייט פאַר'ן אייגענעם געברויך, איז ענטשטאַנען די מיטעלאַלטערליכע קהילה פון אַקער-בירגער און האַנדווערקער; ווען איינער אַרבייט נור אויס שיך און שטיוועל, דער צווייטער נור הויז-מכשירים, דער דריטער נור שפּייז-מיטלען א. אַז. וו., וואָס מעהר געשאַפען, ווי דעמאָלט, ווען יעדערער מאַכט אַלץ אַליין. אין אָנהויב זענען די דאָזיגע האַנדווערקער לייבאייגענע, וועלכע האָבען

*) דר. געאָרג שטיינהויזען, גערמאַנישע קולטור אין דער אור-צייט. לייפּציג, טייבנער. דייטש 1905.

געאַרבייט אויפ'ן פּריצישען הויף פֿאַר דער פֿאַמיליע פֿון פּריץ (לעומ- למשל, בײַ לאַסאַל'ן „הער באַסטיאַ-שולצע פֿון דעליטש" — די לע-בעדיגע בעשרייבונג וועגען דעם, וואָס די לייב-אייגענע בעלי-מלאכות האָבען אַלץ געמוזט צושטעלען דעם פּריץ). אָבער אַזוי ווי אַראַנק דער אַרבייטס-טיילונג איז די פּראָדוקטיוויטעט פֿון דער אַרבייט גע-וואָרען אַלץ גרעסער, דאָס הייסט, עס פֿלעגען פֿאַרטיג ווערען וואָס אַמאָל מעהר פּראָדוקטען, האָט זייער מאַסע, סוף כל סוף, איבער-געשטיגען די בעדערפֿנישען סײַ פֿון די פּריצים, סײַ פֿון די לייב-אייגענע, און מען האָט געמוזט אָנהויבען טראַכטען וועגען פֿערקויפֿען די פּראָדוקטען. פֿון דעם זענען אַרויסגעוואַקסען נייע ווירטשאַפֿטס-פֿאָרמען און נייע סאָציאַלע קלאַסען, און דאָס האָט געהאַט אַן ענט-שיידענדע בעדייטונג פֿאַר דעם ווייטערדיגען גאַנג פֿון דער געשיכטע. כדי צו פֿערקויפֿען זייערע פּראָדוקטען, פֿלעגען די האַנדווערקער — פֿון אָנהויב לויט אַן אָנפֿטראַג פֿון זייערע פּריצים, שפּעטער אויף זייער אייגענע רעכנונג — פֿאָרען אויף די מערק און ירידים, וועלכע פֿלעגען ווערען אָרגאַניזירט דורך די פֿאַרבייפֿאָרענדע אויסלענדישע סוחרים; מיט דער צייט פֿלעגען זיך די האַנדווערקער בעזעצען אַרום די מאַרק-פּלעצער, פֿון וועלכע ס'ענטשטעהען די שטעט. אין די שטעט ענטוויקעלט זיך דאָס בירגערטום, וועלכעס פּראָדוצירט צום סוף אויסשליסליך פֿאַר'ן פֿערקויף. דורך לאַנגע שאַרפֿע קאַמפֿען בעפֿרייט זיך דאָס בירגערטום פֿון דער הערשאַפֿט פֿון ערד-אַדעל, און פֿון איהם וואַקסט-אויס אַ נייע סאָציאַלע מאַכט.

ס'איז קלאָר, אַז אין אַזעלכע ווירטשאַפֿטליכע פֿערהעלטנישען איז דער סוחר, דער פּראָפֿעסיאָנעלער הענדלער, שוין אַ פּערזאָן, אָהן וועלכער מ'קאָן זיך נישט בעגעהן. די פּראָדוקטען, וועלכע דער האַנד-ווערקער שאַפֿט, מוזען דאָך פֿערקויפֿט ווערען. ווען עמיצער איז אָבער טאָג-אײַן, טאָג-אויס פֿערנומען מיט נייען שטיוועל, קאָן ער פֿון זײַן אַרבייט נור דאַן לעבען, ווען די שטיוועל ווערען פֿערקויפֿט. אמת, לכתחילה בעזאָרגט דאָס דער האַנדווערקער אַליין, און דוקא דער-בײַ וואַרפֿט זיך בעזונדערס בולט אין די אויגען דער אונטערשיד צווישען „נוצליכער" און „פּראָדוקטיווער" טעטיגקייט: פּראָדוקטיוו איז בע-שיינפּערליך נ.ר. די אַרבייט פֿון שוסטער, וועלכע שאַפֿט שיך, און שמי-

טעל: די צייט און אַרבייט, וועלכע ער פערווענדט אויף פערקויפען, געהט ביי איהם פאַר דער פּראָדוקטיווער טעטיגקייט פערלוירען. קיי־גער בעצאָהלט איהם נישט קיין פעניג מעהר פאַר זיינע שיך און שטע־טעל בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אפשר פערלוירען אַ גאַנצען טאָג, כדי צו פערקויפען דעם פּראָדוקט פון פינף אַנדערע טעג. און אַז מען האָט דאָס טאַקע בעטראַכט פאַר אַ פערלוסט, איז צו זעהן פון דעם, אַז מען פלעגט ווי ווייט מעגליך אָבלעגען די מעסען און ירידים אויף קירכליכע יום־טובים.

אָבער אויסער דעם פערלוסט אין צייט, מוז נאָך עפּעס אַנדערש גענומען ווערען אין אַכט. כל־זמן דער האַנדווערקער אַרבייט פאַר זיינע שכנים, איז ער גענוי בעקאַנט מיט זייערע בעדערפנישען, ווייס ער פאַרויס וועלכע און וויפיל פון זיינע פּראָדוקטען וועלען פער־לאַנגט ווערען אין אַ בעשטימטען משך צייט. ווען די בעציהונגען ווע־רען אָבער פערברייטערט, מען הויבט־אָן צו אַרבייטען פאַר פרעמדע שטעט, אָדער אַפילו פאַר ווייטע לענדער, פערלירט דער האַנדווערקער דעם איבערבליק איבער'ן מאַרק. און ווען ער וואָלט יאָ געפּרובט בעקומען אַזאַ איבערבליק און שטענדיג האָבען געהעריגע ידיעות וועגען דער קוואַליטעט און סכום פון די פערלאַנגטע אַרטיקלען אין אַלע שכנות'דיגע לענדער, וואָלט דאָס ביי איהם אָבגענומען אַזוי פיל צייט, אַז פאַר זיין שוסטעריי וואָלט ביי איהם כמעט קיין צייט נישט גע־בליבען. דאָ זעהט מען טאַקע אַמ'בולט'סטען, אַז דאָס פערקויפען איז נישט קיין „פּראָדוקטיווע" טעטיגקייט: ווען מען איז כסדר פער־נומען מיט פערקויפען, בלייבט קיין צייט נישט אויף פּראָדוצירען.

אָבער נישט ווייניגער דייטליך ווייזט זיך דאָ אַרויס, ווי נוצ־ליך ס'איז דעם סוחר'ס טעטיגקייט. אָהן איהם וואָלט זיך גאַנץ גיך אָבשטעלען די פּראָדוקציע גופא. דער סוחר פערשפּאָרט דעם האַנדווערקער די צייט און אַרבייט אויף פערקויפען און דורך דעם שאַפט ער איהם די מעגליכקייט אינגאַנצען אָבצוגעבען זיך דער פּראָדוקציע. דעם סוחר'ס בעשטעלונגען ווייזען־אָן דער פּראָדוקציע דעם וועג, אויף וועלכען זי קאָן בעפרידיגען די בעדערפנישען פון פרעמדען מאַרק; דער סוחר שטעלט אויך צו די שיך אין די שטע־טעל דעם קאָנסומענט. אויב דער האַנדווערקער בעקומט פון סוחר

ווייניגער ווי פון קאָנסומענט, לוינט דאָס איהם. וואָרום ער קאָן ווידמען זיין גאַנצע צייט, מיה און פעהיגקייט דער פּראָדוקציע. אמת, אַ טייל פון דער סוחר'ישער אַרבייט מוז ער נאָך אַליין אָבטון, נעמליך דאָס פערקויפען דעם סוחר גופא. אָבער דאָס איז דאָך נור אַ קלייניגקייט אין פערגלייך מיט דער גרויסער לאַסט, וועלכע דער סוחר נעמט פון איהם אַראָב. אויף אַזאַ אופן געווינען דערביי אַלע צדדים: דער סוחר, בעקומענדיג פּראָפיט, דער האַנדווערקער — קאָנענדיג מעהר פּראָדוצירען און פערדינען, און ענדליך — דער כלל, האָבענדיג אין זיין רשות אַ גרעסערן סכום פּראָדוקטען.

מיר האָבען זיך דאָ בעקענט מיט דער געוואַלדיגער סאָציאַלער נוצליכקייט פון דער סוחר'ישער טעטיגקייט אין דער פערגאַנגענהייט. איצט לאָמיר נאָך וואַרפען אַ בליק אויף דער געגענוואַרט. דאָ זעהען מיר דיזעלבע זאַך: אויך היינט שאַפט די סוחר'ישע אַרבייט נישט קיין ווערט, אויך היינט איז זי נישט „פּראָדוקטיוו"; אָבער אויפ'ן העכסטען גראַד נוצליך אָדער, בעסער געזאָגט, נויטיג פאַר'ן כלל.

יעדער פּראָדוצירענדער קאַפּיטאַל — הן אין דער אינדוסטריע, הן אין בארג-בוי, אָדער לאַנדווירטשאַפט — מוז די פאַרטיגע סחורה פערוואַנדלען אין געלד און פאַר'ן געלד ווידער קויפען נייע רויה-שטאָפען און אַנדערע פּראָדוציר-מיטלען און אַרבייטס-קרעפטען. מיט אַנדערע ווערטער, דער קאַפּיטאַל מוז כסדר קויפען און פערקויפען. בכן טוט אויך היינט אָב דער סוחר אַ טייל פון פאַבריקאַנט'ס אַרבייט, וועלכע דער פאַבריקאַנט וואָלט אָהן איהם אַליין געמוזט אויספירען. לאָמיר אָננעמען, אַז דער פאַבריקאַנט פערנעמט זיך אַליין מיט'ן פערקויפען, דאַן איז ווידער (פּונקט אַזוי ווי ביים האַנדווערקער) גאַנץ קלאָר, אַז די צייט און אַרבייט, וועלכע ער פערווענדט אויפ'ן פערקויפען, מוז ער אַראָבנעמען פון זיין פּראָדוקטיווער טעטיגקייט. דורך דעם ווערט אָבער פערקלענערט דער סכום געשאַפענער ווערט (און פּראָפיט). און גענוי דאָסזעלבע וועט זיין, ווען ער וועט דאָס קויפען און פערקויפען איבערגעבען אַן אָנגעשטעלטען. ס'איז פולשטענדיג קלאָר, אַז דער לוין פון אָנגעשטעלטען מוז גענומען ווערען פון פאַבריקאַנט'ס פּראָפיט, וואָרום זיין אַרבייט פערגרעסערט אויף קיין האָר נישט דעם סכום און ווערט פון די פאַראַנענע סחורות. „ער לעבט

פון זיין אַרבייט", וועלכע בעשטעהט אין קויפען און פערקויפען, ווי אַן אַנדערער, למשל, פון שפּינען... ער אַרבייט אַזוי גוט ווי אַן אַנדערער, אָבער דער אינהאַלט פון זיין אַרבייט שאַפט נישט קיין ווערט און נישט קיין פּראָדוקט. ער גופא איז אַ טייל פון די פּראָדוקציאָנס-קאָסטען" (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", ב'. II)..

ווען איצט פערנעמט דעם אָרט פון פאַבריק-אָנגעשטעלטען אַ זעלבסטשטענדיגער סוחר, וועלכער אַרבייט נישט אויפ'ן רעכענונג פון פאַבריקאַנט, נור נעמט-איבער די סחורות אויף אייגענעם רעכענונג און פערקויפט זיי ווייטער, ענדערט דאָס לחלוטין נישט דעם כאַראַקטער פון דער טעטיגקייט. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם, איז דאָס אַ בערנעמען די האַנדעל-פונקציעס דורך אַ פּראָפעסיאָנעלען סוחר זעהר נוצליך סיי פאַר דער פּראָדוקציע, סיי פאַר'ן כלל.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַלע פאַבריקאַנטען (אַליין אָדער דורך אָנגעשטעלטע) שטעלען-צו זייערע סחורות ביז צום לעצטען שטיק דעם קאָנסומענט, דעמאָלט וואָלט יעדער איינצעלנער פון זיי געמוזט ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגען צוועק האָבען צוגעגרייט אַ בעשטימטען קאַפּיטאַל מיט אַ רעזערוו-פאָנד. און דאָס וואָלט דוקא נישט אויסגעמאַכט גאָר נישט קיין קליינע סומע, וואָרום אויסער דעם ווערט, וועלכער שטעקט אין די סחורות, וואָלט נאָך צוגעקומען דאָס געלד פאַר לאַגער-געביידען, טראַנספּאָרט, האַנדעלס-לוין, אַרבייטער א. אַז. וו. אָט האָט דאָס אַלץ אַ בערגענומען אַ זעלבסטשטענדיגער סוחר מיט אַ בעזונדערן קאַפּיטאַל. אַזוי ווי ער פערנעמט זיך אויסשליסליך מיט קויפען און פערקויפען, וועט איהם זיך שנעלער איינגעבען דער אומזאַץ. אחוץ דעם קאָן ער מיט זיין קאַפּיטאַל פערבייטען עטליכע אפילו אַ סך פאַבריקאַנטען. דער לייווענט-פאַבריקאַנט קאָן, למשל, פערקויפען נור די לייווענט, וועלכע ער האָט פאַרטיג אויפ'ן לאַגער; דאַגעגען דער לייווענט-הענדלער, וועלכער האָט היינט פערקויפט 30,000 איילען לייווענט פון איין פאַבריקאַנט, קאָן מאָרגען שוין קויפען ביי אַן אַנדער פאַבריקאַנט לייווענט, איבערמאָרגען ביי אַ דריטען א. אַז. וו. ביז וואַנען דער ערשטער פאַבריקאַנט האָט שוין ווידער פאַרטיג פרישע לייווענט. אַלץ אין איינעם גענומען, וועט דער גאַנצער סכום קאַפּיטאַל, וועלכען די געזעלשאַפט דאַרף אַריינלעגען אין דע-

אומפראָדוקטיווער טעטיגקייט פון קויפען און פערקויפען, זיין בעדייטענד קלענער, ווי ער וואָלט געווען אָהן זעלבסטשטענדיגע סוחרים. בכן האָט דער פראָפעסיאָנעלער האַנדעל אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט נישט נור דיזעלבע בעדייטונג ווי אין דער צייט פון האַנדווערק. אַחוץ דעם, וואָס ער בעפרייט אַרבייטס-קרעפטען פאַר דער פראָדוקטיווער אַרבייט, פערקלענערענדיג דורך דעם דעם סכום נישט-פראָדוקטיווע, אָבער נויטווענדיגע אַרבייט; אַחוץ דעם ברענגט ער נאָך דעם נוצען, וואָס ער בעפרייט פאַר דער פראָדוקציע אַנדערע קאַפּיטאַלען, פערקלענערענדיג אויף אַזאַ אופן דעם סכום קאַפּיטאַל, וועלכער איז פערנומען אין נישט פראָדוקטיווע פונקציעס.

ס'איז נישט נויטיג נאָך בעזונדער צו פערשפרייטען זיך וועגען דעם, אַז די סאָציאַלע נוצליכקייט פון דער סוחר'ישער אַרבייט, קאָן מען נור אויף אַזוי פיל אָנערקענען, אויף וויפיל די דאָזיגע אַרבייט איז טאַקע באמת נויטווענדיג פאַר'ן כלל. צום בעדויערן קאָן מען דאָס היינט זאָגען נור וועגען אַ טייל פון דער סוחר'ישער אַרבייט. קיין פערשטענדיגען מענשען וועט נישט איינפאַלען, אָבצולייקענען, אַז היינט צו טאָג ווערט זעהר פיל קאַפּיטאַל אַנגעווענדט אין האַנדעל נישט ווייל דאָס איז סאָציאַל נויטווענדיג, נאָר צוליב עגאָאיסטישע פּריוואַטע צוועקען. אויף וויפיל די סוחר'ישע אַרבייט שטייגט-איבער די מאָס, וועלכע איז נויטיג פאַר'ן כלל, איז זי נישט נור נוצליך, נאָר דירעקט שעדליך, ווייל זי פערהאַלט דעמאָלט אין נישט פראָדוקטיווע טעטיגקייטען מעהר קאַפּיטאַל און אַרבייט, ווי דאָס איז נויטיג, און טוט דעם היפוך פון דעם, אין וואָס ס'דאַרף בעשטעהן איהר אמתע אויפגאַבע.

אויף דער אַנדער זייט מוז מען אָבער אויך דערמאָנען, אַז דער סוחר שאַפט מיט זיין אַרבייט אין אַ געוויסער מאָס אויך ווערט. אויבען האָבען מיר בעצייכענט אַלס פראָדוקטיוו און ווערט-שאַפענד אַלע די אַרבייטען, וועלכע זענען נויטיג צו שאַפען פראָדוקטען. די פראָדוקציע איז אָבער אייגענטליך ערשט דאַן פערענדיגט, ווען דער פראָדוקט איז פיקס און פאַרטיג פאַר'ן געברויך. ס'איז בכן וועניג דעם פראָדוקט פאַרטיג צו מאַכען אין דער פאַבריק, מען מוז

איהם נאָך צוגענגליך מאַכען פאַר׳ן קאָנסומענט. דערביי איז די אַרבייט פון טראַנספּאָרטירען געוויס אויך פּראָדוקטיוו (און מאַרקס בעצייכענט מאַקע דעם טראַנספּאָרט אויסדריקליך אַלס „אינדוסטריע"). צו דעם איז אָבער ווידער אויך נויטיג אַ געוויסע סוחר׳ישע טעטיגקייט, הגם, נישט דאָס פערקויפען, נור דאָס דיספּאָנירען (לייטען) אויף אַזוי פיל שאַפט די אַרבייט פון סוחר דירעקט ווערט. בכלל אָבער קאָן מען זאָגען, אַז די ווייט גרעסטע מאַסע אַרבייט, וועלכע ווערט אויסגעפירט אין האַנדעל, גיט די סחורות קיין שום ווערט ניט צו, הגם זי איז אויפ׳ן העכסטען גראַד נוצליך און סאָציאַל נויטווענדיג.

III

אויב די סוחר׳ישע אַרבייט שאַפט נישט קיין פּראָדוקטען און בכן אויך נישט קיין פּראָפיט, נישט קוקענדיג אויף איהר נויטווענדיגקייט פאַר דער געזעלשאַפט, פרעגט זיך ווי אַזוי קומט דער האַנדעלס-קאַפּיטאַל צום פּראָפיט?

ביים נאָרמאַלען גאַנג אַרבייט-אויס דער פאַבריקאַנט די סחורות און פערקויפט זיי דערנאָך דעם סוחר, וועלכער דאַרף זעהן זיי צו-שטעלען דעם קאָנסומענט. דער פערקויפס-פּרייז פון פאַבריקאַנט איז בכן דער איינקויפס-פּרייז פון סוחר.

ווי דער לעזער געדענקט, האָבען מיר דאָך אָנגענומען, אַז דער פאַבריקאַנט שלאָגט-אַרויף אויף זיינע זעלבסט-קאָסטען דעם דורכשניט-פּראָפיט און אַז דורך דעם דערגרייכט זי — די גאַנצע מאַסע סחורות — איהר פולען ווערט. דאָס הייסט, מיר האָבען אָנגענומען, אַז ביים בילדען זיך פון דער דורכשניטליכער פּראָפיט-נאָרמע, ווערט דער האַנדעלס-קאַפּיטאַל נישט גענומען אין אַכט! דאָס איז אָבער אַן אוממעגליכע הנחה. דער מאָדערנער פאַבריקאַנט מוז, פּונקט אַזוי ווי דער מיטעלאַלטערליכער האַנדווערקער, אָבטרעטען דעם סוחר פאַר זיין פערמיטלונג אַ טייל פון זיין (דעם פאַבריקאַנט׳ס) פּראָפיט. דערביי מוז דער פערקויף-פּרייז פון פאַבריקאַנט, דער איינקויף-פּרייז פון סוחר, שטעהן אונטער דעם ווערט פון די סחורות, אַזוי אַז דער סוחר זאָל זיי קאָנען פערקויפען מיט זייער ווערט און דערביי נאָך בעקומען פּראָפיט. דאָס קומט-פאָר אויף אַזאַ אופן, אַז

ביים בילדען זיך פון דער דורכשניטליכער פּראָפיט-נאָרמע, ווירקט אויך-מיט דער האַנדעלס-קאַפּיטאַל. מאַרקס *) מאַכט דאָס קלאָר אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

„ווען מיר נעמען-אָן, אַז צו דער פּראָדוקציע איז אינגאַנצען נויטיג אַ קאַפּיטאַל פון 900, וועלכער וואַרפט-אָב אַ מעהר-ווערט פון 180, דאַן בעטרעפט דער ווערט פון פּראָדוקט 1080 און די דורכשניטליכע פּראָפיט-נאָרמע 20 פּראָצענט. אָבער די פאַבריקאַנטען מוזען דאָך נאָך דעם פּראָדוקט פערקויפען, און צו דעם וואָלט, אויסער די 900, געווען נויטיג נאָך קאַפּיטאַל, למשל, 100. פערקויפען די פאַבריקאַנטען אַליין, דאַן מוזען זיי אויך די ווייטערע 100 אויסלעגען, און דעמאָלט קאָנען זיי מאַכען דעם חשבון ווי זיי ווילען; ענטוועדער זיי קאָנען זאָגען, אַז די 900 טראָגען-אַריין 20 פּראָצענט און די 100 גאָרנישט, אָדער זיי קאָנען זאָגען, אַז די 1000 טראָגען-אַריין 180, ד"ה, 18 פּראָצ. נור זיי וואָלטען צום פערקויפען געבױיכט אַ סך אַ גרעסערען קאַפּיטאַל, ווי 100, און זייער פּראָפיט וואָלט בכן געווען קלענער פון 18 פּראָצענט.

בענוצען זיי זיך אָבער מיט דער פערמיטלונג פון האַנדעל, דאַן לעגט-אויס די לעצטע 100 דער סוחר און פאַר דעם, וואָס ער טראָגט-אַריין דעם 10-טען טייל פון קאַפּיטאַל, פערלאַנגט ער אויך דעם צענטען טייל פון פּראָפיט, ד"ה 18 פון 180. דאַן בלייבען-איבער פאַר'ן פאַבריקאַנט 162, גענוי 18 פּראָצענט פון זייערע 900.

.14

אינטערעסען-האַרמאָניע אָדער קלאַסען-געגענזאַץ.

נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך בעקענט מיט'ן גאַנצען בנין פון מאַרקס ווערט- און מעהרווערט-טעאָריע, איז נויטיג אָבצוגעבען זיך אַ חשבון וועגען דעם, אַז אידער בעדייטונג געהט-אַרויס וויט איבער די גרענעצען פון ריין ווירטשאַפטליכען געביט.

לאָמיר זיך דערמאָנען: צו דער לעהרע, אַז דער ווערט איז אַר-

*) קאַפּיטאַל, באַנד III, 1 טייל. קאַפּיטעל 17. פּאָפּולערע אויסגאַבע

בייט, זענען מיר געקומען נאָך אַ גענויער בעטראַכטונג פון
טען און אַ שאַרפער קריטיק פון די סוביעקטיוויסטישע (וואולגאַרע
ווערט-טעאָריעס. די אַרבייטס-ווערט-טעאָריע האָט אין דער פאָרם, וועל-
כע זי האָט געהאַט ביי אירע פריהערדיגע פערטרעטער, פון פעטי
ביז ריקאַרדאָ, נישט געקאָנט בעפרידיגען, זי האָט נישט איין פראַגע
געלאָזען אָהן אַ ענטפער. איהר פערענדיגטע, קלאַסישע פּעלזונג
פעסטע קלאָרע פאָרם פאָרם האָט זי ערשט בעקומען ביי מאַרקס'ן.
אָבער פון דער אַרבייטס-ווערט-טעאָריע אין דער פאָרם, וועלכע
מאַרקס האָט איהר געגעבען, געהט אַרויס לאָגיש און אונפערמייד-
ליך די מעהר-ווערט-טעאָריע.

די מעהר-ווערט-טעאָריע ערקלערט אַליין, וואָס די פריהערדיגע
טעאָריעס האָבען נישט געקאָנט ערקלערען, נעמליך:

1. דעם דורכשניט-פּראָפיט. דורך דער עקספּלואַטאַציע פון
אַרבייטער, ווערט געשאַפען אַ בעשטימטע סומע פּראָפיט, וועל-
כע ווערט דערנאָך פונאַנדערגעטיילט דורך דער קאָנקורענץ גלייכמע-
סיג צווישען אַלע קאַפּיטאַלען. אויף אַזאַ אופן ווייסען מיר, פון
וועלכער סומע דער גלייכמעסיגער פּראָפיט פון די קאַפּיטאַלען
בילדעט דעם דורכשניט;

2. אַדאַנק דעם דורכשניט-פּראָפיט ווערט ערקלערט די הויך
פון די צינזען און פון דעם אונטערנעמער'ס ריוח; יעדער איינצעל-
נער אונטערנעמער מוז אָבגעבען אַ טייל פון פּראָפיט, וועלכער
קומט-אָן אויף זיין חלק, דעם געלד-בעזיצער. דער רעשט בלייבט
ביי איהם אַלס אונטערנעמער-ריוח;

3. ס'איז איצט אויך ערקלערט געוואָרען דער „אַבסאָלוטער"
פּרייז (ד. ה. דער פּרייז, אויף וועלכען אָנבאָט און נאָכפראַגע האָ-
בען קיין איינפלוס נישט, דער מיטעלער פּרייז, וועלכער בילדעט
זיך, ווען אָנבאָט און נאָכפראַגע גלייכען זיך געגענזייטיג אויס):
דאָס זענען די זעלבסט-קאָסטען פון פאַבריקאַנט, ווען מען רעכ-
נעט צו זיי צו דעם דורכשניט-פּראָפיט (וואָס מאַרקס רופט אָן
„פּראָדוציר-פּרייז").

אַגב-אורחא דאַרף מען בעמערקען, אַז מאַרקס'ס טעאָריע פון
ווערט און מעהר-ווערט ערקלערט נאָך אַ סך אַנדערע זאַכען.

וועגן וועלכע די וואולגאַרע עקאָנאָמיע קאָן נור שיטן ווערטער, למשל, די קריזיסן, דעם יקרות, די הויך פון אַרבייטס־לוין און אַז. וו. אָבער פאַר דעם אַלעם איז נישט דער אָרט אין אַ בוך וועגן גרונד־פּרינציפּן.

וואָס איז שייך צו די פּרייזן, טראָגט אַריין די מעהר־ווערט־טעאָריע אין דעם ביז אַהעריגן (און איצט נאָך פערשפּרייטן) בליק אויפ'ן דאָזיגן ענין פשוט אַן איבערקערעניש, ער ווערט פשוט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן קאָפּ.

דער וואולגאַר־עקאָנאָם שטעלט זיך־פאָר די זאַך אויפ'ן פאָלגענדן אופן: לכתחילה איז גאָר נישטאָ: דאַן קויפט דער פאַבריקאַנט די רויה־שטאָפן, אַרבייטס־מיטלען א. אַז. וו. קורץ, אַלע פּ. מ. (פּראָדוציר־מיטלען). דאָס איז די ערשטע בעשטימטע סומע. דערנאָך בעצאָהלט ער דעם אַרבייטס־לוין. און צו דעם רעכענט ער צום סוף צו דעם קאַפּיטאַל־פּראָפיט. אויף אַזאַ אופן וואַקסט ביסלעכווייז אַרויס פון די דריי פערשידענע בעשטאַנד־טיילן, די פּראָדוציר־מיטלען, דעם אַרבייטס־לוין און דעם קאַפּיטאַל־פּראָפיט, דער פּרייז. בכן, וואָס העכער ס'איז יעדערער פון די דריי טיילן, אַלץ העכער איז דער פערקויפס־פּרייז פון דער פאַרטיגער סחורה. פון דעם נעמט זיך טאַקע די לעהרע, אַז יערע העכערונג פון אַרבייטס־לוין מוז אונפערמיידליך פערטייערן די סחורות.

פון דעם דאָזיגן בליק אויף די ווירטשאַפטליכע פּראָצעסן, בעת דעם בילדען זיך פון די פּרייזן, שטאַמט אויפ'ן סאָציאַלן געביט די לעהרע וועגן דער האַרמאָניע פון די אינטערעסן צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. וויבאַלד דאָס אויבענדערמאָנטע איז ריכטיג, איז, הייסט דאָס, קיין סתירה צווישען די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל און דער אַרבייט נישטאָ. דאַן זענען זיי ביידע גלייך פעראינטערעסירט אָדער אין מעגליכסט טייערע פּרייזן, כדי סיי די לוינען, סיי די פּראָפיטען זאָלען קאָנען זיין הויכע, אָדער אין מעגליך נידעריגע פּרייזן, כדי מען זאָל קאָנען די סחורות ביליג פערקויפען און אויף אַזאַ אופן מעהר אָבזעצען. אָט זענען אַ פּאָר ביישפּילען פון דער פּראַקטיק: פון 1879 ביז דעם ערשטען צענדליג יאָרען פון אונזער יאָרהונדערט, האָבען די אַג־

ראַריער אַלס אַ בעגרינדונג פאַר זייער פאָדערונג צו העכערן דעם צאָל (אויף געטריידע) אַרויסגעשטעלט דאָס, וואָס נור ביי הויכע פרייזען אויף זייערע פראָדוקטען, וואָלטען זיי געקאָנט צאָהלען די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער הויכע לוינען. פערקערט, בעת נאָכ'ן פערענדיגען די וועלט-מלחמה, 1919 און 1920, האָבען די מיט אַ שווינדעלדיגער שנעלקייט וואַקסענדע פרייזען פערשטאָפּט די אָבּ-זאַץ-קאַנאַלען, האָבען די קאַפּיטאַליסטען פון אַלע געשעפטס-צווייגען נישט אויפגעהערט צו טענה'ען, אַז די אַרבייטער אַליין זענען אַמ-מערסטען פעראינטערעסירט אין נידעריגערע לוינען, ווייל נור דורך דעם קאָן מען צוריקקערען זיך צו מעסיגע פרייזען און ווידער בעקומען די מעגליכקייט צו פערקויפען און פטור ווערען פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט.

דורך די אַלע דאָזיגע חשבונות מאַכט די מעהר-ווערט-טעאָריע פון מאַרקס'ן אַ דיקען שטריך. וואָרום זי ווייזט אונז, אַז די פרייזען בילדען זיך גאָר אויף אַנ'אַנדער אופן.

זי זאָגט אונז:

נאָכ'ן פערענדיגען די אַרבייט, איז אין די פאַרטיגע סחורות פאַראַן אַ בעשטימטע סומע ווערט. די דאָזיגע סומע איז אַ פעסטע בעשטימטע גרויס און דורך קיין שום ווילקירליכע אַריטמעטישע קונץ-שטיקלעך פון די קאַפּיטאַליסטען, קאָן זי נישט געענדערט, פערגרעסערט אָדער פערקלענערט ווערען. זי איז בכן נישט אויפגעוואַקסען דורך דעם, וואָס אַלע איהרע דריי בעשטאַנד-טיילען זענען ביסלעכווייז אויפגעוואַקסען, נור פערקערט: די דאָזיגע סומע איז ענטשטאַנען נישט אָבהענגיג פון אַרבייטס-לוין און פראָפּיט, נאָר פון ווערט פון די פראָדוציר-מיטלען און פון דער ניי אויסגעפירטער אַרבייט. זי עקזיסטירט אַזוי צו זאָגען שוין פאַר דעם אַרבייטס-לוין און דעם פראָפּיט און ווערט ערשט שפּעטער צוטיילט אויף איהרע דריי בעשטאַנד-טיילען. דער ווערט פון די פראָדוציר-מיטלען איז אַ בעשטימטע גרויס און ער מוז זיך (אין פאַרטיגען פראָדוקט) ווידער בעווייזען (כדי מען זאָל קאָנען איינקויפען נייע פראָדוציר-מיטלען צו דער נייער פראָדוקציע). דאָס, וואָס

בלייבט־איבער אַחוץ דעם, מוזען צווישען זיך צוטיילען דער קאַפּיטאַל און די אַרבייט.

דאָס איז בכן דער וועזענטליכער אונטערשיד צווישען דער מאַרקסיסטישער און דער וואולגאַר־עקאָנאָמישער טעאָריע: די פּרייזען פון די סחורות און דעם פּראָפיט קאָן מען נישט אויפהייבען אָדער אַראָבדריקען ווי מען וויל, העכערענדיג אָדער פערקלענערענדיג דעם לוין; די פּרייזען פון די סחורות און זייער גאַנצער מאַסע גענומען, זענען אַ בעשטימטע פאַרטיגע סומע, וועלכע דער קאַפּיטאַל און די אַרבייט צוטיילען צווישען זיך נאָכדעם, ווי מען האָט אַראָבגערעכענט דעם ווערט פון די פּראָדוציר־מיטלען.

פון דעם בעקומט זיך אין סאָציאַלע הינזיכט אַ גאַנץ אַנדערע בילד. ס'לאָזט זיך־אויס, אַז דורכדעם, וואָס מען העכערט דעם אַרבייטס־לוין, ווערט בשום אופן נישט געהעכערט דער פּרייז, נור ס'ווערט פערקלענערט דער פּראָפיט און פערקערט. דעם אָרט פון דער ביזהעריגער פרידליכער אינטערעסען־האַרמאָניע פערנעמט איצט דער שאַרפער געגענזאַץ צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, איבער וועלכען מען קאָן בשום אופן נישט אַריבערוואַרפען קיין בריק. וואָס גרעסער דער פּראָפיט איז, אַלץ קלענער איז דער לוין; וואָס גרעסער דער לוין, אַלץ קלענער דער פּראָפיט. ס'איז פאַראַן אַ בעשטימטע סומע, און זי מוז קלעקען פאַר ביידען. בעקומט איינער מעהר, בלייבט אויף אַזוי פיל ווייניגער פאַר'ן צווייטען. כדי אויפצוהייבען דעם פּראָפיט, האָט איהר קיין אַנדער מיטעל נישט, ווי אַראָבצודריקען דעם לוין. און די אַרבייטער קאָנען זייער לוין, זייערן חלק אין דער גאַנצער מאַסע פון די פּראָדוקטען, אויף קיין אַנדער אופן נישט פערגרעסערן, ווי פערקלענערענדיג דעם פּראָפיט, ד"ה, דעם חלק פון די קאַפּיטאַליסטען. די אינטערעסען פון ביידע קלאַסען האָבען נישט דיזעלבע ריכטונג, זיי האָבען פונקט אַנטקעגענגעזעצטע ריכטונגען. צווישען זיי איז קיין האַרמאָניע נישט מעגליך, אַפילו נישט קיין שלום, נאָר אַ קלאַסען־געגענזאַץ און דערום אַ קלאַסען־קאַמף.

האָבען מיר אָבער דעם דאָזיגען פאַקט דערקענט, מוזען מיר קומען צום סאָציאַליזם. דאָס איז אַ פועל־יוצא, וועלכען איהר קאָנט

גאר נישט אויסמיידען. ווער ס'האט אנערקענט מארקס'ס ווערט־טעאָריע, מוז אויך אנערקענען זיין מעהר־ווערט־טעאָריע; ווער ס'האט אנערקענט די מעהר־ווערט־טעאָריע, איז געצוואונגען צו אנערקענען דעם קלאסען־געגענזאץ. ווער ס'איז נור איינמאל דערגאנגען אזוי ווייט, דעם פירט שוין די לאָגיק און דאס דענקען אומ־ברחמנות'דיג ווייטער, צום קלאסען־קאמף, צום היסטאָרישען מא־טעריאליזם און צום סאָציאליזם.

16.

די איבערקערעניש און פראָדוציר־אופן דורכן קאפיטאל.

דאס ציל און דער צוועק פון קאפיטאל איז דער מעהר־ווערט. דער קאפיטאליזם טראכט נור וועגען איין זאך: וואס מעהר צו שאפען מעהר־ווערט. אדאנק דעם דאָזיגען שטרעבען, האט דער קאפיטאל ביסלעכווייז איבערגעאנדערשט דעם גאנצען אופן פון דער פראָדוקציע און גלייכצייטיג אויך די לעבענס־פערהעלטנישען פון מענשען. און אין דעם ליגט טאקע די היסטאָרישע בעדייטונג פון קאפיטאל.

דעם מעהר־ווערט שאפט מען, אנווענדענדיג ארבייטס־קראפט. דער קאפיטאל קויפט די ארבייטס־קראפט און בעצאָהלט דער־פאר דעם לוין. ארבייטענדיג, בעשאפט דער ארבייטער נייעם ווערט, וועלכער געהערט נישט איהם, נור דעם קאפיטאליסט. אמת, א געוויסע צייט מוז ער ארבייטען, כדי צו דאס ניי צו שאפען דעם ווערט פון ארבייטס־לוין. אבער ווען ער האט דאס שוין געענ־דיגט, ארבייט ער ווייטער, נאך עטליכע שעה אין טאג. דער נייער ווערט, וועלכען ער שאפט איצט, און וועלכער איז שוין א צוגאב צום ארבייטס־לוין, איז דער מעהר־ווערט.

לאָמיר, למשל, אננעמען, אז דער גאנצער ארבייטס־טאג דויערט 12 שעה. פון דעם זענען 10 שעה נויטיג כדי אויסצוארבייטען דעם ווערט פון ארבייטס־לוין און אין די איבעריגע 2 שעה ווערט

געשאַפֿן דער מעהר-ווערט. מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען קאָן דער קאַפּיטאַל פֿערגרעסערן דעם מעהר-ווערט?

קודם כל פֿערלענגערט ער די אַרבייטס-צייט. ווי מען ווייס, ראַט מען דאָס אין משך פֿון די יאָרהונדערטער קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע נישט איינמאָל געפּרובט טון און פּרובט דאָס נאָך הייַנט אויך. אָבער דאָס איז נור מעגליך אין גאַנץ ענגע גרענעצן. אַ מעת-לעת האָט דאָך פֿאָרט נור 24 שעה, און עטליכע שעה דאַרף דאָך דער אַרבייטער ווי נישט איז האָבן אויף שלאָפֿן און עסן. אגב מוז דאָך בײַ יעדער נייער פֿערלענגערונג פֿון דער אַרבייטס-צייט אונפֿערמיידליך פֿערקלענערט ווערן די אינטענסיוויטעט (אָנגעשטרענגקייט) פֿון דער אַרבייט. ווער ס'אַרבייט 15 שעה אין טאָג, קאָן נישט האָבן אַזעלכע פֿרישע כּחות ווי דער, וואָס אַרבייט נור 8—9 שעה. דער סכום ניי געשאַפֿענער ווערט הענגט אָבער אָב פֿון דער אינטענסיוויטעט פֿון דער אַרבייט נישט אין אַ קלענערער מאָס ווי פֿון איהר צייט. ענדליך האָבן דאָך די אַרבייטער עפּעס אויך אַנ'אייגענעם ווילען און געגען אַ צו ווייט געהענדער פֿערלענגערונג פֿון דער אַרבייטס-צייט שטעלען זיי אַ ווידערשטאַנד.

אַ צווייטער מיטעל צו פֿערגרעסערן דעם מעהר-ווערט איז אַראָבצודריקן דעם לוין. דער דאָזיגער מיטעל שפּילט אין דער געשיכטע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אויך אַ גרויסע ראָליע. אָבער אויך ער האָט זיינע גרענעצן און איז נישט קיין דורכאויס זיכערער מיטעל. מען מוז האָבן די מעגליכקייט כּסדר צו פֿערגרעסערן דעם מעהר-ווערט אַפֿילו דאַן, ווען פֿאַר דער אַרבייטס-קראַפֿט בעצאָהלט מען איהר פֿולען ווערט. ווי אמת ס'זאָל בכן נישט זיין דער פֿאַקט, אַז דער קאַפּיטאַל שטרעבט שטענדיג אָבצושפּאָרען אָן דער אַרבייטס-קראַפֿט, מיט דעם אַליין קאָן ער אָבער פֿאָרט נישט אויסקומען.

דאָ שטעלט זיך פֿאַר'ן קאַפּיטאַל אַ דריטע מעגליכקייט צו פֿערגרעסערן דעם מעהר-ווערט. אין אונזער ביישפּיל האָט די „נויטווענדיגע" (צו שאַפֿן פֿון דאָס ניי דעם פֿולען ווערט פֿון דער אַרבייטס-קראַפֿט) אַרבייטס-צייט אויסגעמאַכט 10 שעה, די מעהר-אַרבייט 2 שעה. ווען אָבער דער פֿולער ווערט פֿון דער

ארבייטס-קראפט וואלט געווען א קלענערע, אזוי אז מען וועט איהם קאנען אבארבייטען אין ווייניגער ווי 10 שעה, וואלט מען פארשטעהט זיך, געקאנט פערלענגערן אויך די צייט פון דער מעהר-ארבייט. אויף אזא אופן ענטשטעהט פאר'ן קאפיטאל די אויפ-גאבע צו פערבילליגען די ארבייטס-קראפט (דא מיינט מען: פערקלע-נערן איהר פאקטישען ווערט, נישט בעצאהלען פאר איהר ווייניגער ווי זי איז ווערט).

אונטער דעם ווערט פון דער ארבייטס-קראפט פערשטעהט מען (פונקט אזוי ווי אונטער דעם ווערט פון יעדער אנדער סחורה) דעם יעניגען סכום ארבייט, וועלכער איז געזעלשאפטליך נויטהווענדיג, כדי די ארבייטס-קראפט צו שאפען. די ארבייטס-קראפט שאפט מען, פערברויכענדיג לעבענס-מיטלען. בכן ווען ס'גיט זיך איין צו פערבילליגען די פראדוקציע פון דעם ארבייטערס לעבענס-מיטלען, אזוי אז אלץ, וואס ער בעדארף, קען ער בעקומען פאר ווייניגער געלד, פאלט דער פאקטישער ווערט פון דער ארבייטס-קראפט און פון דער 12-שעה'דיגער ארבייטס-צייט (אין אונזער ביישפיל) קען א גרעסערער טייל ווי ביז אהער בענוצט ווערען אויף שאפען מעהר-ווערט.

דא פערשטעהט מען אונטער לעבענס-מיטלען אלע פראדוקטען פון מענשליכער ארבייט, נישט רעכענענדיג א גאנץ קליינע צאהל אמת'ע לוקסוס-ארטיקלען. אזוי ווי דער ווערט פון יעדער סחורה הענגט-אב פון דעם סכום ארבייט, וועלכע איז נויטיג צו איהר פראדוקציע, מוז איהר ווערט פאלען, וויבאלד ס'האט זיך איינגע-געבן צו שאפען זי מיט ווייניגער ארבייט ווי ביז אהער. מיט אנדערע ווערטער: וויבאלד מען האט בעוויזען מיט דעמזעלבען סכום ארבייט צו שאפען א גרעסערען קוואנטום סחורות, מוז די ווערט פון יעדער איינצעלנער סחורה קלענער ווערען. מיט דעמזעלבען סכום ארבייט שאפען א גרעסערען סכום סחורות בעדייט: פערגרע-סערן די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. אויף ווי-פיל מ'ווערט פערגרעסערט די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, וועלכע שאפט לעבענס-מיטלען, פאלט דער ווערט פון דער אר-בייטס-קראפט און דער מעהר-ווערט שטייגט.

אַזוי ווי דער אַרבייטער נויטיגט זיך אָבער כמעט אין אַלע בחדות, קאָן מען, פערגרעסערענדיג די אַלגעמיינע פּראָדוקטיוויטעט, פערגרעסערן דעם מעהר-ווערט.

דער קאַפּיטאַל האָט זיך אפילו דעם דאָזיגען צוזאַמענהאַנג טעאָרעטיש קיינמאָל קלאָר ניט פאַרגעשטעלט, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט ער אינסטינקטיוו זעהר שנעל פערשטאַנען, אַז זיין אויפגאַבע איז צו הויבען די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט.

פערגרעסערן די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט — בעדייט, ווי מיר האָבען געזעהן: מיט דעמזעלבען סכום אַרבייט שאַפען אַ גרעסערן סכום פּראָדוקטען, ווי פריהער. דאָס האָט דער קאַפּיטאַל קודם כל דערגרייכט דורך דעם, וואָס ער האָט פעראייניגט אַ גרעסערע צאָהל אַרבייטער אויף'ן זעלבען אַרבייטס-אָרט, וואָס ווערט בעצייכענט מיט'ן וואָרט קאָאָפּעראַציע (צוזאַמענאַרבייטען). די קאָאָפּעראַציע איז אין דער געשיכטע געוועזן די ערשטע טעטיגקייט פון קאַפּיטאַל.

ווי קאָן אָבער דורך דאָס בלויזע צונויפזאַמלען אַ גרעסערע צאָהל אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אַלע נישט אָבהענגיג איינער פון דעם אַנדערען, פערגרעסערט ווערען דער סכום פּראָדוקטען? קודם כל דורך דעם, וואָס ס'ווערען איינגעשפּאָרט אַרבייטס-מיטלען. ווען, למשל, 20 שוסטער אַרבייטען אין איין ווערקשטאַט, קאָסט דער ווערקשטאַט נישט אַזוי פיל, ווי 20 ווערקשטאַטען פאַר יעדער שוסטער בעזונדער. אַחוץ דעם וועט דאָך נישט יעדערער אין יעדען מאָמענט ברויכען דאָסזעלבע ווערקצייג ווי דער אַנדערער. איינער וועט אַרבייטען מיט'ן האַמער, בעת דער צווייטער האַלט דעם מעסער א. א. וו. אויף אַזאַ אופן וועט מען פאַר יעדע צוויי, אָדער פאַר יעדע דריי אַרבייטער, דאַרפען האָבען נור איין גאַרניטור האַנד-ווערקצייג. — ווייטער בעקומט זיך אַדאַנק דעם צוזאַמענאַרבייטען פון עטליכע אַרבייטער די מעגליכקייט אויסצופירען אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע איין מענש קאָן בכלל נישט מאַכען. דאָס בלויזע צוזאַמענזיין פון עטליכע אַרבייטער שאַפט שוין אין אַ געוויסער מאָס נייער פּראָדוקטיוו-קרעפטען, וועלכע זענען פריהער נישט געווען.

דאָס איז בעזונדערס וויכטיג ביי אַזעלכע אַרבייטס־צווייגען, וואו ס'האַנדעלט זיך, אַז אין אַ בעשטימטען מאָמענט זאָל גיך אויסגעפירט ווערען אַ גרויסער סכום אַרבייט, כּדי דער פּראָדוקט זאָל ניט קאַליע ווערען. למשל, ביים שניט אָדער ביי כאַפּען הערינג. ס'זענען דאָ נאָך אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע קאָנען נור ווי געהעריג אויסגעבויט ווערען, ווען מען נעמט זיך פאַר זיי אַזוי צו זאָגען גלייכצייטיג פון ביידע עקען, למשל, ביים בויען הייזער, שאָסייען, קאַנאַלען.

ווייטער בעשטעטיגען אַלע פאַך־לייט, אַז דאָס בלויזע צוזאַמענאַרבייטען אויפ'ן זעלבען אָרט שאַפט פון זיך אַליין אַ מין וועטהשק צווישען די אַרבייטער, וועלכער פערגרעסערט, קענטיג, די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. צווישען אַ גרעסערער צאָהל אַרבייטער וועלען זיך שטענדיג נעבען בעזונדערס טיכטיגע מענשען געפינען קלענערע בריות; אַזעלכע וואָס געהען אַריבער דעם דורכשניט און אַזעלכע, וואָס שטעהען אונטער'ן דורכשניט. ס'איז קלאָר, אַז די לעצטע קאַטעגאָריע וועט זיך מיט אַלע כּחות בעמיהען לכל הפּחות נישט צו ווייט אַראָבצושטעהן פון זייערע טיכטיגע חברים.

ענדליך ענטשטעהט ביים צוזאַמענאַרבייטען פון אַ סך אַרבייטער אונמיטעלבאַר אַ געוויסע אַרבייטס־טיילונג, וועלכע קומט דעם פּראָדוקט זעהר צו נוץ. ווען אַ מולער, למשל, זאָל אַליין וועלען ברענגען די ציגעל, וועלכע ער ברויכט ביי דער אַרבייט, וואָלט ער געשאַפען אַ סך ווייניגער, ווי בעת אַן אַנדערער דערלאַנגט זיי איהם. אָדער גיט נור אַ קלער, אויף וויפיל שנעלער די ציגעל דערגעהן צום געהעריגען אָרט, ווען די מולאַרעס צושטעלען זיך אין אַ קייט און דערלאַנגען זיי איינער דעם צווייטען. אָדער ביים כאַפּען פיש: איינער רודערט, דער צווייטער קערעוועט מיט'ן שטייער, דער דריטער פערוואַרפט די נעץ אָדער דעם האַרפּון (אַ מין שפּיז); צוזאַמען דערגרייכען זיי אַלע דריי אַ רעזולטאַט, וועלכען יעדערער פון זיי בעזונדער וואָלט נישט געקאָנט דערגרייכען. — דאָס פירט אונז אַריבער צו דער ווייטערדיגער אַרבייטס־טיילונג, וועגען וועלכער מיר וועלען שפּעטער רעדען.

אונזער ביז־אַהעריגע בעטראַכטונג האָט קלאָר און דייטליך בע־

ווייזען, אַז דאָס פערגרעסערן די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט דורך דער קאָאָפּעראַציע, האָבען מיר צו פערדאַנקען דער אַרבייט און די אַרבייטער. דאָס טוט אַלץ אויף די אַרבייט; ווייבאַלד זי ווערט נור אָנגעווענדט נישט פעראיינצעלט, נאָר אין אַ גרעסערער גרופּע, ד״ה קאָלעקטיוו אָדער געזעלשאַפטליך. דערביי טרעטען-אַרויס די פּראָדוקטיוו-קרעפטען, וועלכע ליגען אין דער אַרבייט גופא; און ווערען אין אידר נישט אַריינגעטראָגען דורך עפּעס אַ כח, וואָס געפינט זיך פון דרויסען.

דער דאָזיגער קלאָרער צוזאַמענהאַנג ווערט פערדונקעלט דורך די פערהעלטנישען, אין וועלכע די קאָאָפּעראַציע איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען.

דאָס מיטעלאַלטער איז געווען אַ צייט פון האַנדווערק; אמת, דער מייסטער האָט אויך דעמאָלט נישט געאַרבייט אינגאַנצען אַליין, נור ער האָט בעשעפטיגט געזעלען; אָבער דער הויפּט-צוועק פון זייער אַרבייט איז געווען אויסצובילדען זיך אויף אַ מייסטער, און דורך די געזעלען פאַר די צעכען איז זייער צאָהל געווען בעשטימט און בעגרענצט.

צום סוף מיטעלאַלטער האָבען זיך די פעסטע סאָציאַלע פערהעלטנישען אָנגעהויבען אָבצושוואַכען. ס׳זענען שוין געווען נישט נור רייכערע און אָרעמערע, נאָר אַפילו גאַנץ אָרעמע. ווי דערצו איז געקומען, מיט דעם ווילען מיר זיך דאָ נישט פערנעמען, דאָס געהערט צום געביט פון דער געשיכטע *).

די אָרעמע לייט האָבען אַליין נישט געקאָנט טראַכטען וועגען קאָאָפּעראַציע, וואָרום זיי האָבען נישט געהאַט נישט קיין לעבענס-מיטלען, נישט קיין ווערקצייג. פעראייניגען זיך אין אַ ווערקשטאַט, כדי צו אַרבייטען צוזאַמען, האָבען זיי נור דאַן געקאָנט, ווען ס׳האָט זיך עמיצער געפונען, ווער ס׳זאָל קאָנען קויפען ווערקצייג און צאָהלען לוין — אַ קאַפּיטאַליסט.

---

*) אויספיהרליכער וועגען דעם אין „איינפיהרונג אין וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם". יוליאן באָרכאַרד. בערלין פערלאג „ליכטשטראַהלען" 1919 (דייטש).

און עצם וואָלטן אַלע מעלות פון דער קאָאָפעראַציע געקאָנט אַרויסווייזן זיך אויך דאַן, ווען די אַרבייטער וואָלטן זיך אַליין, אָהן קאַפיטאַליסטן, פעראייניגט, כּדי צוזאַמען צו אַרבייטן. אָבער די צייט־פערהעלטנישן זענען געווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט בעווייזן און האָבן געמוזט וואַרטן, דער קאַפיטאַליסט זאָל זיי צונויפקלייבן צו דער קאָאָפעראַציע.

אייגענטליך האָבן די אַרבייטער פאַר זייער פעראייניגען זיך געטאָן פונקט דאָסזעלבע, וואָס זיי האָבן — ווייניגסטענס איידער ס'זענען פאָרגעקומען די גרויסע איבערקערענישן, וועלכע מיר וועלען נאָך ווייטער בעטראַכטן — געטאָן נאָך זייער פעראייניגען זיך. און דאָך איז זייער אַרבייט דורך דאָס בלויזע פעראייניגען זיך געוואָרען אַ סך פראָדוקטיווער. און פעראייניגט האָט זיי דאָך דוקא דער קאַפיטאַל. קיין וואונדער נישט, וואָס ס'האָט זיך בעשאַפען דער פאַלשער שיין, אַז דאָס האָט דער קאַפיטאַל פערגרעסערט די פראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט! אָדער מעהר נאָך: אַזוי ווי דער קאַפיטאַל איז געווען די איינציגע נייע זאַך, וועלכע איז דאָ — לויט אַ גראָבער בערעכענונג — צוגעקומען צו די פריהערדיגע עלעמענטן, האָט געמוזט ענטשטעהן דער שיין, אַז דאָס איז בכלל נישט קיין פראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, נאָר אַ פראָדוקטיוו־קראַפט פון קאַפיטאַל! אַז דאָס איז אַ פראָדוקטיוו־קראַפט, וועלכע דער קאַפיטאַל האָט ערשט אַריינגעלעגט אין דער אַרבייט אַריין!

דער דאָזיגער פאַלשער שיין האָט זיך נאָך מעהר געמוזט פערפעסטיגן, ווייל אינגיכען האָט דער קאַפיטאַל איבערגענומען אַ פּראַקטישע פונקציע אין אַרבייטס־פראָצעס, נעמליך, די לייטונג. ביי אַ געמיינזאַמער אַרבייט זענען נויטיג געוויסע פערוואַלטונגס־אַרבייט, מען מוז בעצייטענס קריגן אַ גענוגענדע צאָהל ווערקצייג, אַרבייטס־לאָקאַלן, רויה־שטאָפן א. אַז. וו. יעדערן מוז אָנגעוויזען ווערען זיין פלאַץ, זיין רויה־שטאָף, מען מוז זעהן, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערען ווי געהעריג און צו דער צייט. דאָס איז, זעלבסט־פערשטענדליך אויסגעקומען צו טון דעם קאַפיטאַליסט, וואָרום ער איז דאָך געווען דער בעזיצער פון די ווערקצייג, די רויה־שטאָפן

אין דעם פּראָדוקט, ער איז אין עצם געווען די איינציגע פּערזאָן, וועלכע האָט געהאַט אַ פּערזענליכען אינטערעס אין דעם, אַז די גאַנצע אַרבייט זאָל אָבגעטון ווערען אויף אַ געהעריגען אופן. די דאָזיגע אַרבייט ביי דער פערוואַלטונג האָט אינגיכען געמאַכט פון קאַפּיטאַליסט נישט נור אַ לייטער איבער זאַכען, נאָר אויך אַ בעל-הבית איבער די פּערזאָנען פון די אַרבייטער. אויף אַזאַ אופן האָט געמוזט קומען צו דעם, אַז ער האָט אויך פאַר דער דרויסענדיגער וועלט רעפּרעזענטירט דעם גאַנצען פּראָצעס, דאָס הייסט אַלע אַרבייטער, די גאַנצע אַרבייט. דאָס האָט ווידער געמוזט פערשטאַרקען דעם שיין, אַז דאָס, וואָס די אַרבייטער גיבען איצט אַרויס מעהר אַרבייט ווי פריהער, איז אויך נור צוליב זיין אַרבייט און זיין קאַפּיטאַל.

ענדליך ווערען די מעלות פון דער קאָאָפּעראַציע אַלץ גרעסער, וואָס גרעסער ס'איז די צאָהל פון די אַרבייטער. וואָס מעהר מען דאַרף בעשעפטיגען אַרבייטער, אַלץ גרעסער מוז זיין דער קאַפּיטאַל. אויף אַזאַ אופן וואַקסט די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט צוזאַמען מיט דער גרויס פון קאַפּיטאַל. — די דאָזיגע אַלע אומשטענדען האָבען געבראַכט דערצו, אַז היינט צו טאָג האַלט די בורזשואַזיע די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט פאַר אַ פּראָדוקטיוו-קראַפט פון קאַפּיטאַל.

III.

די קאָאָפּעראַציע אין איהר איינפאַכער פאָרם, וועלכע מיר האָבען ביז אַהער בעטראַכט, האָט פעראייניגט ענליכע אַרבייטער (האַנדווערקער), וועלכע האָבען געטון דיזעלבע זאַך. אָבער די קאָאָפּעראַציע קאָן אויך פעראייניגען האַנדווערקער פון פערשידענע בראַנזשען, צוליב איין געמיינזאַמער אַרבייט. למשל, ביים מאַכען אַ קאַרעטע נעמען אָנטייל אַ גאַנצע רייה פון האַנדווערקער: שטעלמאַכער, ריזשעלמאַכער, שלאָסער, שניידער א. אַז. וו., וועלכע האָבען ביזאַהער געאַרבייט יעדערער פאַר זיך; איצט אָבער אַרבייטען זיי צוזאַמען אונטער דער קאָמאַנדאָ פון דעמזעלבען קאַפּיטאַל. — אין ביידע פאַלען ענטשטעהט צוליב דער קאָאָפּעראַציע אַ טיילונג פון דער אַרבייט.

די אַרבייטס-טיילונג, פאַר זיך גענומען, איז נישט ענטשטאַנען ערשט דורך דער קאָאָפּעראַציע אָדער דורכ'ן קאַפּיטאַל. דער אַרבייטס-טיילונג האָבען מיר צו פערדאַנקען יעדע פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט. אָבער ביזאַהער איז די מיר אויף אַזויפיל געווען פאָרטגעשריטען, אַז זי האָט אָבגעטיילט די פערשידענע פּראָדוציר-צווייגען, די פערשידענע פּראָפעסיען איינע פון די אַנדערע. בעת דער אַמאָליגער מענש פון דער אוראַלטער צייט פלעגט אַלע דינג, וואָס ער האָט געברויכט—זיין הויז, זיין בעט, זיין ווערקצייג—אַליין צו מאַכען *), זענען אויף דער דאָזיגער שטופע פון אַרבייטס-טיילונג שוין געווען מולאַרעס, טישלער, שלאָסער און אַזוי ווייטער, פון וועלכע יעדערער האָט געהאַט זיין בעשטימטע ספּעציאַליטעט. אַלס האַנדווערקער האָט יעדערער אויסגעאַרבייטען נור אַ גאַנצען, פאַרטיגען (צום געברויך) פּראָדוקט. נאָכדעם אָבער, ווי די קאָאָפּעראַציע האָט פעראייניגט אַ רייה פון האַנדווערקער, סיי פון דערזעלבער, סיי פון פערשידענע בראַנזשען, ביי אַ געמיינזאַמער אַרבייט, האָט מען שוין געהאַט די געלעגענהייט דאָס אויס-אַרבייטען איין פּראָדוקט צו פערטיילען צווישען פערשידענע אַרבייטער.

אויף אַזאַ אופן זענען מיר אינגאַנצען אַרויסגעגאַנגען פון דער צייט פון מיטעלאַלטערליכען האַנדווערק און אַריבערגעגאַנגען צו דער קאַפּיטאַליסטישער צייט, פריהער צו איהר ערשטען פּעריאָדע דער מ אַ נ ו פ אַ ק ט ו ר **), וועלכע האָט געדויערט פון מיטען 16-טען יאָרהונדערט, ביז צום לעצטען דריטעל פון 18-טען.

די דאָזיגע נייע צעטיילונג פון דער אַרבייט *) האָט טאַקע גאַנץ גיך געבראַכט צו אַ בעדייטענדער פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו-קראַפט. לויט אַדאַם סמיט'ס אויסרעכענונג, פלעגען שוין אין זיין צייט ביי דער נאָדעל-פּראָדוקציע 20 אַרבייטער צוזאַמען אַרויס-

*) פערשטעהט זיך, נישט איינציגווייז, נור אַלע צוזאַמען, אלס משפּחה, שבט א. א. וו.

**) פון לאַטייניש: manu מיט דער האַנד, factum געמאַכט; דאָס בעדייט בלויז נור, אַז מען האָט נאָך נישט בענוצט קיין מאַשינען.

געבען אין א טאג 240 מאל אזויפיל פראדוקט ווי פריהער.

אויף אזוי פיל, ווי דער נייער פראדוציר-אופן איז געווען נוצליך פאר דער פערגרעסערונג פון פראדוקט, איז ער געווען שעדליך פאר די ארבייטער. זיין דירעקטער רעזולטאט איז געווען אזא, אז דער ארבייטער האט אנגעווארען זיינע פריהערדיגע פילזייטיגע קענטעניסען. א סך שטארקער האט זיך דאס ארויסגעוויזען ביי די שפעטערדיגע דורות ארבייטער, וועלכע האבען שוין אלס לעהר-יונגלעך געלערנט זיך נור אויסצופיהרען טיילען פון ארבייטס-פראצעס און האבען לחלוטין פערגעסען צו מאכען א גאנץ שטיקעל ארבייט. דערפאר איז דער איינצעלנער ארבייטער געווארען אן אמתער קינסטלער אין דעם שמאלען טייל ארבייט, וועלכע איהם איז אויסגעקומען אויספיהרען זיין גאנץ לעבען.

אויף אזא אופן איז דער ארבייטער געווארען אבהענגיג פון דער בשותפותדיגער ארבייט מיט אנדערע ארבייטער. דער האנד-ווערקער, וועלכער האט געקאנט אויסארבייטען א פארטיגען (פאר'ן געברויך) געגענשטאנד, האט געקאנט ארבייטען (און אויך האבען זיין חיונה), וויבאלד ער האט נור געהאט רויה-מאטעריאל און ווערקצייג. דעם מאנופאקטור-ארבייטער **) פלעגט דאס אויך נישט העלפען, כל-זמן ס'האבען געפעלט די אנדערע ארבייטער, וועלכע האבען געקאנט אויסארבייטען די אנדערע טיילען פון געגענשטאנד, ביי וועלכען ער האט נור מיטגעארבייט. מיט אנדערע ווערטער: דער ארבייטער, וועלכער איז פריהער געשטאנען אויף די אייגענע פיס, איז איצט אריינגעפאסט געווארען אין פראדוציר-ארגאניזם, איז געווארען אן אינצעלנער אבר פון א גאנצען קערפער. ער האט געקאנט פראדוצירען נור אין צוזאמענהאנג מיט'ן גאנצען קערפער, און בכן אויך נור אין צוזאמענהאנג מיט איהם לעבען.

---

*) מארקס רופט דאס אן „טיילונג פון דער ארבייט אין דער ווערקשטאט גופא". כדי צו אונטערשיידען זי פון דער „ארבייטסטיילונג אין דער געזעלשאפט".

וואָס ווייטער ס'גייט די דאָזיגע ענטוויקלונג, אַלץ פעסטער ווערט דער איינצעלנער אַרבייטער אַריינגעפּרעסט אין דעם דאָזיגען אָרגאַניזם. דאָס שטענדיגע פערנעמען זיך מיט דער זעלבער איינגעמאַכטער טייל-אַרבייט, פערקריפּעלט דעם קערפּער און דעם גייסט, אַזוי ווי נישט דער קערפּער, נישט דער גייסט האָבען דערביי קיין געלעגענהייט נישט זיך צו איבען. דאָס מאַכט דעם אַרבייטער וואָס אַמאָל ווייניגער פעהיג צו עקזיסטירען, ווען ער ווערט אָבגעריסען פון פּראָדוציר-פּראָצעס. אָבער נאָך עפּעס אַנדערש קומט-פאָר ביי דער מאַנופאַקטור-אַרבייט. אַזוי ווי די אַרבייטער אַרבייטען דאָ איינע די אַנדערע אַזוי צו זאָגען פון האַנד אין האַנד אַריין, איז דאָ די שנעלקייט, די געשיקטקייט און די אינטענסיוויטעט (אָנגעשטרענגטקייט) פון דער אַרבייט שוין נישט קיין פּריוואַטער ענין פון יחיד, נאָר די אַרבייט פון איינעם מוז גאַנץ גענוי צוגעפּאַסט ווערען צו דער אַרבייט פון אַנדערע. די פּראָדוקציע אין מאַנופאַקטור-ווערקשטאַט איז געוואָרען אַ פּלאַנמעסיגע; דער איינצעלנער פּראָדוצירט אויך נישט פּראָדוקטען, וויפיל ער וויל, נאָר ער פּראָדוצירט אַזויפיל און פון אַזאַ מין, וויפיל ס'פאָדערט זיך פאַר'ן געמיינזאַמען צוועק, וועלכער איז שוין פריהער געוואָרען פעסטגעשטעלט לויט אַ בעשטימטען פּלאַן.

נישט-קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז אין מאַנופאַקטור-פּעריאָד די פּערזענליכע געשיקטקייט פון אַרבייטער פאָרט געווען דער יסוד פון דער פּראָדוקציע.

IV.

אונזערע ביזאַהעריגע בעטראַכטונגען האָבען אונז שוין געוויזען, אַז ביים שאַפען מעהרווערט זענען אין דער פּראָדוקציע פאָרגעקומען בעדייטענדע ענדערונגען. דער פּראָדוציר-אופן פון מיטעלאַלטער איז געווען דאָס האַנדווערק. ביי איהם איז דער צוועק און דאָס ציל פון דער אַרבייט געווען דער געברויכסווערט, ד. ה. צו שאַפען גוטע צוגעפּאַסטע צום בעדערפניש פּראָדוקטען. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער האַנדווערקער האָט זיינע פּראָדוקטען געמוזט פערקויפען, כדי פון זיין מלאכה צו לעבען, און אויך אַזויפיל האָט זיין אַרבייט געהאַט צו טון מיט'ן טוישווערט, דאָס

הייסט, איהר ציל איז געווען צו פערדינען געלד. אָבער — לכל־הפחות בעת דער אויפלעבונג פון דעם האַנדווערק — איז דאָס איינציגע מיטעל הערצו געווען: אויסאַרבייטען גוטע סחורות; וואָרום קיין אַנדערע וואָלט מען ביי איהם נישט געקויפט. דערנאָך צעפאַלען זיך די דאָזיגע פעסטע סאָציאַלע פערהעלטנישען, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם סוף פון מיטעלאַלטער: אויף איין זייט דאָס אָנזאַמלען פון קאַפּיטאַלען, איבערהויפט דורך האַנדעל און וואָכער; אויף דער צווייטער זייט — דאָס אַראָבלאָזען זיך פון דעם גרעסטען טייל אַרבייטער צו דער מדרגה פון אַ פולשטענדיגער בעזיצלאָזיגקייט. די פאָלגע פון דעם איז געווען די שוין בעטראַכטע קאָאָפּעראַציע.

דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט דורכגעפיהרט די קאָאָפּעראַציע, האָט, זעלבסטפערשטענדליך, לכתחילה נישט געהאַט דערביי קיין אַנדער כונה, ווי צו פערדינען געלד. ס'איז מעגליך, אַז פון אָנהויב האָט ער געשטרעבט צו דערגרייכען דאָס, פערקויפענדיג וואָס מעהר סחורות, אַזוי אַז אויך איצט איז נאָך דער הויפּט־צוועק פון דער פּראָדוקציע אַלץ נאָך געווען דער געברויכסווערט. אָבער די איינפאַכע קאָאָפּעראַציע איז דאָך געווען נור אַ קורצער איבערגאַנג צו דער מאַנופאַקטור, ד. ה. זי האָט אַריבערגעפיהרט צו דער אַרבייטס־טיילונג אין ווערקשטאַט גופא. און ווייבאַלד עס האָט זיך אָנגעהויבען דער דאָזיגער מין אַרבייטס־טיילונג, האָט דער געברויכס־ווערט אויפגעהערט צו זיין די טרייב־קראַפט און הויפּט־מאָטיוו פון דער פּראָדוקציע, און זיין אָרט האָט פערנומען דער **טויש־ווערט**. דאָס בעדייט: איצט איז דער בעוואוסטזיניגער צוועק, די כונה פון קאַפּיטאַליסט שוין נישט מעהר געווען צו שאַפען גוטע סחורות, נאָר צו **פערביליגען** די סחורות. וועגען דער אמת'ער ווירטשאַפטליכער בעדייטונג פון דעם דאָזיגען פּראָצעס — מיר האָבען שוין געזעהן, אַז זי בעשטעהט אין דעם, וואָס דער ווערט פון דער אַרבייטס־קראַפט פאַלט, און דורכדעם פערגרעסערט זיך דער מעהרווערט — גיבען זיך די קאַפּיטאַליסטען קיין חשבון נישט אָב. זיי ווייסען נור, אַז מאַכענדיג ביליגער די סחורות, פערגרעסערן זיי זייער אָבזאַץ, די צאָהל פון

זייערע אָבנעמער. ווי די זאַך איז — צי דאָס דערגעהט צום בעוואוסטזיין פון קאַפּיטאַליסט, צי נישט — דער טישווערט, דאָס פּערביליגען די סחורות ווערט פון היינט אָן דער שטופּענדער, אַפּילו דער איינציגער מאָטיוו פון דער פּראָדוקציע.

פּערביליגען די פּראָדוקציע בעדייט אַזוי פיל, ווי: אויפהויבען די פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט אָדער שאַפען אַ גרעסערען סכום סחורות מיט דעמזעלבען ככום אַרבייט. דער קאַפּיטאַל שטרעבט בכן דערצו, כּדי צו פּערגרעסערן דעם סכום רויה-שטאָפען, וועלכע ווערען דורך אַ בעשטימטען סכום אַרבייט פּערוואַנדעלט אין סחורה.

שטעלען מיר זיך איצט די פראַגע: וואָס קומט-פאָר מיט'ן ווערט און מעהרווערט ביי דעם דאָזיגען פּראָצעס? — און דאָס איז דאָך אייגענטליך דער ענטשיידענדער מאָמענט פאַר'ן קאַפּיטאַל — ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּראָדוקציע ווערט אויף אַזאַ אופן פּערביליגט, אַז די יעניגע ווערטען (פון די רויה-שטאָפען און ווערקצייגען), וועלכע ווערען בעאַרבייט דורך דער עלבער אַרבייטס-קראַפט, ווערען וואָס אַמאָל גרעסער. ווען די אַרבייטס-קראַפט איז טעטיג, ווערען פּערברויכט רויה-שטאָפען און ווערקצייג. די רויה-שטאָפען פּערשווינדען גלייך, די ווערקצייג ווערען אָבגענוצט ביסלעכווייז. אָבער דער ווערט פון ביידע זאַכען געהט נישט פּערלאָרען, נאָר געהט-אַריבער אויפ'ן פּראָדוקט. ווי מיר ווייסען שוין, ענדערט זיך אין דער פּראָדוקציע דער ווערט פון די אַרבייטס-מיטלען און די רויה-שטאָפען אין דער פּראָדוקציע לחלוטין נישט. דעריבער רופט זי מאַרקס אַן קאָנסטאַנטער (דאָס הייסט אונפערענדערליכער) קאַפּיטאַל. דאַגעגען דעם קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אויסגעגעבען אויף אַרבייטס-לוין, געפינען מיר נישט מעהר אין פאַרטיגען פּראָדוקט, זיין אָרט פּערנעמט אַ נייער ווערט, וועלכען ס'האָט געשאַפען די אַרבייטס-קראַפט. דער דאָזיגער נייער ווערט איז גרעסער ווי דער אַרבייטס-לוין. בכן, האָט זיך דער ווערט פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז בעת דער פּראָדוקציע אַריינגעלעגט געוואָרען אין אַרבייטס-לוין, געענדערט, און מאַרקס רופט דע-

ריבער אָן דעם דאָזיגן קאַפּיטאַל וואַריאַבלער (דאָס הייסט פּערענדערלעכער) קאַפּיטאַל.

וועלן מיר איצט אָנווענדן די דאָזיגע נעמען אויף די אויבן-געפונענע כללים, וועט די פּראָדוקציע זיין ביליגער, וויבאַלד דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל (רויה-שטאָפן און ווערקצייג), וועלכער קומט-אויס אויף אַ בעשטימטן ככום וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, וועט זיין גרעסער. — אַביישפּיל וועט דאָס אונז נאָך קלאָרער מאַכן. לאָמיר אָננעמען, אַז כדי אויסצואַרבייטן אַ בעשטימטן סכום רויה-שטאָף מיט בעשטימטע ווערקצייג זענען נויטיג 10 אַרבייטער. דערווייל האָט מען געמאַכט אַן ערפינדונג, וועלכע האָט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט אויף 10 מאָל פערגרעסערט. 9 אַרבייטער ווערן אָבגעזאָגט; דער איינציגער אַרבייטער, וואָס בלייבט, בעאַרבייט מיט די נייע ווערקצייג דעמזעלבען סכום רויה-שטאָפן אין דערזעלבער צייט ווי פריהער 10 אַרבייטער. דעמאָלט ווערט דער פּראָדוקט געוואַלטיג פערביליגט. דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל בעטרעפט איצט אינגאַנצן אַ צעהנטעל פון דעם, וואָס ער האָט פריהער אויסגעמאַכט.

די מאַשין אונטערשיידעט זיך פון דעם האַנדווערקערס ווערקצייג דורך דעם, וואָס די עצם אַרבייט, ד״ה דאָס פערענדערן דעם רויה-שטאָף מיט דער הילף פון ווערקצייג, ווערט דאָ אויסגעפירט נישט דורך אַ מענשען, נאָר דורך אַ מעכאַנישען אַפּאַראַט. בכן איז דאָס וועזענטליכע אין דער מאַשין נישט דאָס, וואָס זי ווערט געטריבען דורך דאַמף, ווינט אָדער וואַסער, ווען דער מענש וואָלט אַפילו געדרעהט דעם ראָד מיט דער האַנד, וואָלט דאָך דער אַפּאַראַט אַליין געבליבען אַ מאַשין כל זמן די ווערקצייג, וועלכע בעאַרבייטען דעם רויה-שטאָף ווערען בעוועגט נישט דורך אַ מענשליכער האַנד, נאָר דורך אַן אַפּאַראַט.

ס׳איז נישט שווער צו פערשטעהן, פאַרוואָס מיר האַלטען דוקא דאָס פאַרן וועזענטליכען סימן פון דער מאַשין: ווייל אַדאַנק דעם הערט-אויף דאָס שאַפען דעם פּראָדוקט צו זיין אָבהענגיג פון דער פערזענליכער אַרבייטס-פעהיגקייט פון אַרבייטער. דאָס זעהט מען שוין פון אַזיבען-אויף, אין דעם פאַקט, אַז די מאַשין

אַרבייט גלייכצייטיג מיט עטליכע ווערקצייג. מען ברויכט נור פערגרעסערן דעם אַפּאַראַט און ענטשפּרעכענד פערשטאַרקען די טרייב-קראַפט, און איהר קאָנט צוגעבען צו דער מאַשין כסדר נייע ווערקצייג און דורך דעם שאַפען אַ גרויסען סכום פּראָדוקטען אויף איין מאָל. דאַגעגען האָט דער מאַנופאַקטור-אַרבייטער אין זיין רשות נור צוויי הענד, און ס'קומט גאַנץ זעלטען פאָר, אַז ער זאָל מיט זיי קאָנען גלייכצייטיג אַרבייטען מיט צוויי ווערקצייג, וואָרום געוועהנליך קאָן ער דאָך נישט צוטיילען זיין אויפמערקזאַמקייט צווישען צוויי אַרבייטס-פּראָצעסען.

אויף אַזאַ אופן ווערט אַדאַנק דער מאַשין דער סכום פון פּראָדוקט נישט אָבהענגיג פון אַרבייטער. און דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגען בנוגע דער קוואַליטעט. צי דער פּראָדוקט איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, דאָס הענגט שוין נישט אָב פון אַרבייטער, נאָר פון דער פּינקטליכקייט און פולקומקייט פון דער מאַשין. דאָס איז, פערשטעהט זיך, נור אַזוי צו זאָגען דער נאָרמאַל-שנור, מיט וועלכער די אינדוסטרי איז אין איהרע קינדער-וויקעלעך געווען צוגעבונדען צו איהר מוטער, דער מאַנופאַקטור. וואָרום פריהער פלעגען די מאַשינען, זעלבסטפערשטענדליך, געמאַכט ווערען דורך די מאַנופאַקטור-אַרבייטער, און טאַקע דעריבער פלעגט זייער אייגענע קוואַליטעט (פון די מאַשינען) — און בכן אויך די קוואַליטעט פון פּראָדוקט — אָבהענגען פון די פערזענליכע פעהיגקייטען און קענטענישען פון אַרבייטער. ס'האָט געדויערט צענדליגער יאָרען, ביז וואַנען די מאַשינען גופא האָבען געקאָנט אינגאַנצען אויסגעאַרבייט ווערען מיט דער הילף פון מאַשינען.

ערשט דעמאָלט זענען געשאַפען געוואָרען ביידע פאַקטאָרען, ביי וועלכע דער קאַפּיטאַל קאָן בעפרידיגען זיין בעדערפעניש, צו פערגרעסערן כסדר דעם מעהר-ווערט: אַ קליינער סכום אַרבייטס-קראַפט (וואַריאַבלער קאַפּיטאַל), קאָן פערוואַנדלען אין פּראָדוקט אַ געוואַלדיגען סכום רויה-שטאָפען (קאָנסטאַנטען-קאַפּיטאַל). אַזוי ווי אין דערזעלבער צייט איז די מאַשין, וועלכע איז אויך נור אַ טייל פון קאָנסטאַנטען-קאַפּיטאַל, אַ סך טייערער ווי דאָס אַלטע ווערקצייג, איז דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל נאָך מעהר פערגרע-

סערט געוואָרען אין פּערהעלטעניש צו וואַריאַבלען קאַפּיטאַל.

אָבער צי דער פּראָדוקט ווערט בילינגער דורך דעם, וואָס דאָס אַרבייטס-מיטעל איז געוואָרען טייערער? די מאַשינען — פּונקט אַזוי ווי פריהער די ווערקצייג — טראָגען-איבער זייער גאַנצען ווערט אויפ'ן פּראָדוקט און אַזוי ווי דער דאָזיגער ווערט איז איצט אַ פיל גרעסערער, איז, זעלבסטפערשטענדליך, אַז די גאַנצע סומע, וועלכע געהט איצט ביי דער אַרבייט אַריין אין פּראָדוקט, מוז הייגט זיין אַ סך אַ גרעסערע, ווי אין דער מאַנופאַקטור-צייט. נישט קוקענדיג אויף דעם, איז היינט דער ווערט פון דער איינצעלנער סחורה קלענער, ווייל די מאַשין גיט-אַרויס אָהן אַנ'ערך מעהר איינצעלנע סחורות, ווי די מאַנופאַקטור. כדי אַריבערצוטראָגען אין פּראָדוקט אַ פיל גרעסערען ווערט פון אַרבייטס-מיטלען און רויה-שטאָפען, ברויכט מען היינט אַ סך ווייניגער אַרבייטס-קראַפט, אַזוי אַז ווען מען נעמט די זעלבע פּראָדוקט-מאַסע, איז דער ווערט פון פּראָדוקט אויך אַ סך אַ קלענערע.

מיר וועלען דאָס קלאָרער מאַכען דורך אַ ביישפּיל. לאָמיר אָננעמען, אַז אַ ווערקצייג, וועלכעס איז ווערט 50 מאַרק, קלעקט אויף צו בעאַרבייטען רויה-שטאָף פאַר 500 מאַרק. צו דעם איז נויטיג אַ סכום נייע אַרבייט, מיט אַ ווערט פון 10 מאַרק. דאַן האָבען מיר פּראָדוקט אַנאַלגעמיינעם ווערט פון

50 מ.	דאָס ווערקצייג
500 „	רויה-מאַטעריאַל
10 „	נייע אַרבייט.
560 מ.	

איצט ווערט, למשל, דורך דער מאַשין פערדאָפּעלט די מאַסע פון קאָנסטאַנטען-קאַפּיטאַל, וועלכע קאָן בעאַרבייט ווערען דורך דעמזעלבען סכום אַרבייט. דאַן שטעקען אין פּראָדוקט פאָלגענדע ווערטען:

100	מ.	די מאַשין
1000	„	דאָס רויה-מאַטעריאַל
10	„	דינייע אַרבייט.
1110 מ.		

דאָס איז אַזאַ בעדייטענד העכערער ווערט, אָבער דערפאַר האָבען מיר בעקומען דאָפּעלט אַזוי פיל פּראָדוקט; דער.עלבער סכום פּראָדוקט ווי פריהער איז איצט ווערט נור 555 מ.

אַזוי וועט דאָס זיין, ווען מיר רעכענען, אַז די מאַשין איז פּונקט אויף אַזוי פיל טייערער, אויף וויפיל זי האָט פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט.

דאָס איז אָבער לגמרי נישט נויטיג. אַ מאַשין, וועלכע קאָסט צען מאָל אַזוי פיל ווי דאָס ווערקצייג, קאָן אפשר פערגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט אויף הונדערט מאָל. דעמאָלט שטעלט זיך צונויף דער ווערט אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

500	מ.	די מאַשין
5000	„	די רויה שטאָפען
10	„	די נייע אַרבייט.
50[illegible]		

צוטיילט אויף 100, מאַכט דאָס אויס 505.10 מ. ווערט. פון דעמזעלבען סכום פּראָדוקט, וועלכער איז געווען ווערט 560 מ., ווען מען פלעגט איהם אויסאַרבייטען מיט'ן ווערקצייג.

*

וואַרפען מיר איצט נאָכאַמאָל אַ בליק אויף אונזערע ביז אַהער דיגע בעטראַכטונגען פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל, דערזעהען מיר, ווי אַזוי די בעדערפעניש פון קאַפּיטאַל זיך צו פערוואַרטען — ד״ה די בעדערפעניש צו פערגרעסער'ן דעם מעהר-ווערט — האָט בישלעכווייז איבערגעקערט דעם גאַנצען פּראָדוציר-אופן. פון האַנדווערק פיהרט דער וועג דורך דער קאָאָפּעראַציע און דער מאַנופאַקטור צו דער אינדוסטרי, וועלכע ווערט געטריבען מיט מאַ-

שינען. ביים האַנדווערק איז נאָך דער מענש און זיין פּערזענליכע אַרבייט געווען דאָס וויכטיגסטע, דער פּראָדוצענט איז דעמאָלט אייגענטליך געווען דער איינציגער יסוד פון דער פּראָדוקציע, פאַר וועלכען דאָס ווערקצייג איז נור געווען אַ הילפס-מיטעל; ביי דער מאַנופאַקטור בעקומט שוין דאָס ווערקצייג אַ גרעסערע בעדייטונג, בעזונדערס צוליב דעם, וואָס די אַרבייט איז געוואָרען „געזעלשאַפטליך". דער איינצעלנער אַרבייטער קאָן גאָרנישט אויפטון, ווען ס'פעהלען די אַנדערע, וואָס מוזען מיט איהם צוזאַמען אַרבייטען.

די דאָזיגע געגענזייטיגע אָבהענגיגקייט איז אין דער גרויס-אינדוסטרי דערפירט געוואָרען צו דער העכסטער מדרגה. די מאַשין איז אַנ'אַרבייטס-מיטעל, וועלכעס קאָן לכתחילה בענוצט ווערען נור געזעלשאַפטליך. אין דערזעלבער צייט נעמט זי אַוועק ביים אַרבייטער דעם הויפּט-טייל פון דער אַרבייט, אַזוי אַז דאָ שאַפט זיך אַ פערקערטע פערהעלטעניש, ווי אין דער צייט פון האַנדווערק: דער אייגענטליכער פונדאַמענט פון דער פּראָדוקציע איז שוין די מאַשין, דער מענש איז דאָ נור אַ הילפס-מיטעל, אַ צוגאָב. דער האַנדווערקער האָט געוואוסט גענוי, וואָס ער האָט מיט זיין אַרבייט געשאַפען; ביי דער מאַנופאַקטור-אַרבייט איז דאָס שוין נישט געווען מעגליך, העכסטענס האָט מען געקאָנט אָנווייזען דעם געמיינזאַמען פּראָדוקט פון דער אַרבייט; ביי דער ממשלה פון דער מאַשין איז אָבער שוין אויסגעמעקט געוואָרען די לעצטע שפּור פון דעם, וואָס איינער אָדער דער צווייטער האָט פּערזענליך אַרויסגעגעבען.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די כסדר'דיגע פערביליגונג פון פּראָדוקט איז געלעגען אין אינטערעס פון קולטור-פאָרשריט. וואָרום, נעמענדיג די זאַך פאַר זיך אַליין, בעדייט דאָך דאָס פערביליגען די פּראָדוקטען דיזעלבע זאַך, ווי פערקלענערן די צייט, וועלכע איז נויטיג צו זייער פּראָדוקציע. ס'איז איבעריג צו בעווייזען, אַז די מענשהייט האָט אַן אינטערעס אין דעם, אַז אויף דעם דאָזיגען וועג זאָל מען געהן וואָס אַמאָל ווייטער. אָבער דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף אַ גרענעץ, איבער וועלכער דער קאַפּיטאַל קאָן נישט אַריבערגעהן.

דורך דער מאַשין וויל מען איינשפּאָרען אַרבּייט. דאָס איז אָבער נור דאַן מעגליך, ווען די פּראָדוקציע פון דער מאַשין פאָדערט נישט מעהר אַרבּייט, ווי די מאַשין שפּאָרט איין. ווען, למשל, אַ מאַשין פערגרעסערט אויף צען מאָל די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבּייט, מאַכט זי פון 10 אַרבּייטער 9 שטענדיג פאַר איבעריגע. לאָמיר אָננעמען, אַז יעדער אַרבּייטער שאַפט טעגליך 6 מ. נייעם ווערט און אַז די מאַשין קאָן ערפילען אַנאַרבּייט, צו וועלכער 10 אַרבּייטער וואָלטען ברויכען 1000 טעג, דאַן פערשפּאָרט די מאַשין אַנאַרבּייט פון 9×6×1000=54000 מ. ווערט. ס'פערשטעהט זיך, אַז דערביי טאָר די מאַשין אַליין קיינמאָל נישט קאָסטען מעהר ווי 54000 מ. כל זמן די מאַשין קאָסט וועניגער, ווערט פאַר דער מענשהייט לוינען זי אָנצווענדען. אָבער נישט פאַר'ן קאַפּיטאַל! ווארום דער קאַפּיטאַל בעצאָהלט דאָך נישט די אַרבּייטער די גאַנצע 54000 מ., וועלכע זיי קאָנען שאַפען מיט זייער אַרבּייט, נאָר אַ טייל פון דער דאָזיגער סומע. לאָמיר זאָגען אַ העלפט, דאַן בעטרעפט דער אַרבּייטס-לוין פאַר דיזעלבע פּראָדוקטען 27,000 מ. דעריבער לוינט דעם קאַפּיטאַל נישט צו בענוצען זיך מיט דער מאַשין, וויבאַלד זי קאָסט נור מעהר ווי 27,000 מ. דער קאַפּיטאַל דערגעהט דאָ צו אַ גרענעץ, איבער וועלכען ער קאָן ווייטער נישט געהן און קאָן נישט פערגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבּייט, לטובת דער מענשהייט. (אגב-אורחא דאַרף מען בעמערקען, אַז די גרענעץ איז אַלץ ענגער, וואָס מעהר אַראָפּגעדריקט ס'איז דער לוין). דער קאַפּיטאַל דערגעהענטערט זיך דאָ צו דער ליניע, וועלכע פירט אונז שוין אַרויס פון די ראַמען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוציר-אופן גופא. מיר האָבען געזעהן ווי אַזוי דער קאַפּיטאַל האָט אַדאַנק זיין בעדערפעניש צו פערגרעסערן דעם מעהר-ווערט איבערגעקערט דעם פּראָדוציר-אופן. איצט וועלען מיר זיך פערנעמען מיט דער פראַגע, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט געהאַט אויף דאָס לעבען פון מענשען (אויף די סאָציאַלע פערהעלטענישען).

.16

דער אַרבייטער און די מאַשין.

I.

װער ס'װיל פֿערשטעהן די װירטשאַפֿטליכע צוזאַמענהאַנגען פֿון אונזער קאַפּיטאַליסטישער צייט, דאַרף קיינמאָל נישט פֿערגעסען, אַז אונטער דער ממשלה פֿון קאַפּיטאַל דינט די פּראָדוקציע צוויי פֿערשידענע צוועקען: מען שאַפֿט געברויכס-געגענשטאַנדען, װאָס האָט אייגענטליך געזאָלט זיין דער איינציגער צוועק פֿון דער פּראָדוקציע, און אין דערזעלבער צייט בענוצט מען דאָס אַלס אַ מיטעל צו שאַפֿען װערט און מעהרװערט. דעריבער מוז מען שטענדיג אונטערשיידען אין קאַפּיטאַליסטישען פּראָצעס זיין פּראָדוקט-בילדענדע און זיין װערט-בילדענדע זייט (אָדער זיין געברויכס-װערט און טויש-װערט בילדענדע זייט).

ס'איז קלאָר, אַז די איבערקערעניש פֿון פּראָדוציר-אופֿן, װעלכען מיר האָבען אויסגעפֿאָרשט אין פֿאָריגען קאַפּיטעל, בעדייט פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט אַ געוואַלטיגען קולטור-פֿאָרשריט. דער קאַפּיטאַל מעג זיך האָבען װאָס פֿאַר אַ פּניות ער װיל — אָבער קיינער װעט נישט אָבלייקענען, אַז ער האָט געבראַכט דערצו, דאָס הײנט װערט פּראָדוצירט מיט אַסך װעניגער אַרבייט, אַסך מעהר פּראָדוקט, װי אין די פֿריהערדיגע דורות. נור פֿערשטאַרקענדיג אין אַ גרויסען מאַסשטאַב די פּראָדוקט-בילדענדע זייט פֿון פּראָדוציר-פּראָצעס, האָט דער קאַפּיטאַל געקאָנט ענטװיקלען זיין װערט-בילדענדע זייט.

ס'פֿערשטעהט זיך, אַז דורך דעם װערט נאָך נישט אָבגעשאַפֿט פֿון דער װעלט די סתירה, װעלכע איז דאָ צװישען די קאַפּיטאַליסטען און דער מענשהייט. װאָרום דער קאַפּיטאַל האָט געשטופּט די קולטור, דינענדיג דערביי דעם אַלגעמיינעם אינטערעס פֿון דער מענשהייט, נור דורכדעם, װאָס ער האָט פֿערגרעסערט דעם סכום פּראָדוקטען, ד. ה. געברויכס-װערטען. דער דאָזיגער צוועק, פֿאַר זיך אַליין, געהט אָבער דעם קאַפּיטאַל װעניג-װאָס אָן; פֿערגרעסערן דעם סכום פּראָדוקטען, דאָס איז פֿאַר איהם נור אַ מיטעל

צום צוועק — צו פערגרעסערן דעם מעהרווערט; דער עיקר איז
פאר איהם שטענדיג געווען דער טוישווערט.

דאס איז א סתירה, וועלכע פערגרעסערט זיך אין דער מאס ווי
ס'וואקסט זיך פונאנדער די קאפיטאליסטישע פראדוקציע גופא. ביי
דער איינפאכער קאאפעראציע גיסען זיך ביידע זאכען כמעט נאך אין-
גאנצען צונויף. פערגרעסערענדיג דעם פראדוקט, פערגרעסערט מען
דא גלייכצייטיג דעם מעהר-ווערט. ביי דער מאנופאקטור ווערט נאך,
א חוץ דעם, דירעקט פערקלענערט דער ווערט פון דער ארבייטס-
קראפט: אדאנק דעם טייל-ארבייט, ווערט פערקירצט און פעראיינ-
זייטיגט די אויסבילדונג פון דער ארבייטס-קראפט. איהר ווערט פאלט
בכן נאך שנעלער ווי דער ווערט פון די פראדוקטען. דעם הויכ-
פונקט דערגרייכט די אָזיגע סתירה אין דער עפאכע פון דער
גרויסער אינדוסטריע. די מאשין פערביליגט די פראדוקטען אין א
קאלאסאלען מאסשטאב; אבער אין דערזעלבער מאס פערקלענערט
זי דעם ווערט פון דער ארבייטס-קראפט דירעקט, ווייל זי רייסט דאס
האנד-ווערקצייג אינגאנצען ארויס פון דער האנד פון בעל-מלאכה;
זי מאכט פון דעם ארבייטער, דעם פריהערדיגען יסוד פון דער
פראדוקציע, א בלויז הילפס-מיטעל, אין צוגאב. די קאסטען צוזיך אויס-
בילדען דעם ארבייטער פערשווינדען אינגאנצען. א חוץ דעם ברענגט
די מאשין ס'רוב דערצו, אז מען קאן זיך בעגעהן אהן דער קער-
פערליכער קראפט. דער פועל-יוצא פון דעם איז, אז ס'ווערט גע-
שאפען א נייער מקור פון פערקלענערן דעם ווערט פון דער אר-
בייטס-קראפט: די פרויען- און קינדער-ארבייט.

דער ווערט פון א סחורה איז גלייך מיט דער ארבייט, וועלכע
איז נויטיג, כדי די סחורה פון דאס ניי צו שאפען. איהר ווערט
בעשטימט נישט די ארבייט, וועלכע איז געווען נויטיג, כדי זי גופא
צו שאפען, נאר די „געזעלשאפטליך-נויטווענדיגע" ארבייט, דאס הייסט
די יעניגע ארבייט, וועלכע פאדערט זיך, כדי צו שאפען א נייע סחורה
פון דעם זעלבען מין. ווען עס ווערט, למשל, געמאכט
א נייע ערפינדונג, פאלט דורך דעם אויך דער ווערט פון די פאר-
יאנענע סחורות, וועלכע זענען געווארען פראדוצירט אהן דער הילף
פון דער נייער ערפינדונג. ווארום דער גרעסערער סכום ארבייט, וועל-

קען ס'האט פערעלונגען זייער פראדוקציע, איז שוין געזעלשאפטליך מעהר נישט נויטווענדיג. און ווערט איז דאך נור די געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע ארבייט.

דאס גילט אויך וועגן דער סחורה ארבייטס־קראפט. איהר ווערט איז אויך גלייך מיט דער ארבייט, וועלכע פאדערט זיך געזעלשאפטליך, כדי צו שאפען א נייע ארבייטס־קראפט פון זעלבען מין. דערצו געהערען נישט נור די עקזיסטענץ־מיטלען פון ארבייטער גופא, נאר אויך אלץ וואס איז נויטיג צום קיום פון זיין פאמיליע; ווארום אהן איהר וואלטען דאך נישט געקאנט ענטשטעהן קיין נייע ארבייטס־קרעפטען. ווען מ'האט זיך אנגעהויבען באנוצען מיט דער מאשין, האבען די פרויען און די קינדער בעקומען די מעגליכקייט צו פערדינען אליין זייער חיונה אדער לכל־הפחות א טייל פון דעם. דאס אייגענטליכע שאפען דעם פראדוקט האט מען דא ביים ארבייטער ארויסגענומען פון די הענד, און זיין טעטיגקייט איז אין דער גרעסטער צאהל פאלען (נישט אין אלע) געווארען א ריין מעכאנישע; אפט איז זי, למשל, בעשטאנען נאר אין אריינשטופען און ארויסשטופען א הויבשטאנג און נאך אזעלכע זאכען, וועלכע פאדערן נישט קיין בעזונדערע קענטנישען, נישט קיין קערפערליכע קרעפטען. דערצו האט מען נישט געדארפט האבען קיין דערוואקסענע מאנסלייט, דאס האבען געקאנט אויספירען אויך פרויען און קינדער. צום געדאנק צו אנווענדען צו דער ארבייט פרויען און קינדער איז נאך לייכטער געווען צו קומען דערפאר, וואס אין דער זעלבער צייט האט א סך הויזליכע ארבייטען, מיט וועלכע פריהער פלעגען זיך פערנעמען פרויען, איבערגענומען די מאשין, למשל, שפינען און וועבען.

אויף אזא אופן איז אונטער דער ממשלה פון קאפיטאליזם די פרויען־און קינדער־ארבייט געווען א דירעקטער פועל־יוצא פון דער מאשין. דא זעהט מען מיט דער גרעסטער דייטליכקייט, ווי דאס שטרעבען צו פערגרעסערן דעם מעהרווערט ווירקט־אנטקעגען די גינסטיגע סאציאלע פאלגען פון דער פערבילינגטער פראדוקציע: פשוט, אלס א מיטעל צו פערגרעסערן די פראדוקציע, איז די מאשין א ברכה פאר יעדערן, א געוואלטיגער שטופענדער כח פאר'ן פארשריט פון דער

קולטור; אָבער אַלס מיטעל צו פערגרעסערן דעם מעהרווערט, זעצט די מאַשין גלייך אַרויס די אַרבייט פון פרויען און קינדער.

II.

די צווייטע דירעקטע פראַגע פון דער קאַפּיטאַליסטישער איינפיהרונג פון דער מאַשין, איז געווען די *פערלענגערונג פון אַרבייטס־טאָג*. כל־זמן דער אַרבייטער האָט געאַרבייט מיט'ן ווערקצייג מיט דער האַנד, איז די גרענעץ פון אַרבייטס־טאָג געווען אָבהענגיג פון די פיזישע כחות פון אַרבייטער. די מאַשין, קאָן אָבער — ווייניגסטענס טעאָרעטיש — געהן ככדר בייטאָג און ביינאַכט. אין דער פּראַקטיק איז די זאַך נישט אַזוי שלעכט, וואָרום די מאַשין נויטיגט זיך אויך אין אַ „אָברוה־צייט" צו רייניגען, שמירען, פערריכטען א. א. וו. אָבער ווי מיר ווייסען, איז די דאָזיגע צייט אַ סך קורצער, ווי די, אין וועלכער ס'נויטיגט זיך דער אַרבייטער פאַר זיין אָברוה. דער קאַפּיטאַל איז דעריבער, אין זיין שטרעבען צו פערגרעסערן דעם מעהרווערט, פעראינטערעסירט אין דעם, אַז די מאַשינען זאָלען ווי ווייט מעגליך געהן אָהן שום הפסקה. ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, בעשטעהט דער סוד פון בעביליגען דעם פּראָדוקט דורך דער מאַשין אין דעם, וואָס די מאַשין גיט־אַרויס אָהן אַנערך מעהר פּראָדוקטען, ווי די מענשליכע אַרבייט. וואָס גרעסער ס'איז די צאָהל סחורות, וועלכע די מאַשין קאָן פּראָדוצירען, אַלץ קלענער איז דער טייל ווערט, וועלכען די מאַשין גיט־צו צו יעדער איינצעלנער סחורה. אָבער דאָס לעבען פון מאַשין הענגט־אָב נישט נאָר פון איהר טעטיגקייט. אַפילו ווען די מאַשין שטעהט, ליידט זי פון וועטער. ס'איז בכן נישט אַלץ איינס, צי די מאַשין, למשל, קאָן אַרבייטען 1500 טעג צו 24 שעה, אָדער 3000 טעג צו 12 שעה. אין ערשטען פאַל גיט זי אַרויס און ס'ה מעהר פּראָדוקטען ווי אין צווייטען, אַחוץ דעם קלעקט ביי אַ לענגערען אַרבייטס־טאָג דערזעלבער שטענדיגער קאַפּיטאַל (געביידען, למשל) פאַר אַ ווייט גרעסערער כמות פּראָדוקטען. נאָך וויכטיגער זענען — און אין בעוואוסטזיין פון קאַפּיטאַליסט איז דאָס אייגענטליך דאס וויכטיגסטע — די געזעצען פון דעם אַזוי־גערופענעם „אָנהאָלץ", וועלכע מיר קאָנען דאָ נאָר אָנמערקען.

אַ „אומלויף פון קאַפּיטאַל" ווערט אָנגערופן די צייט פון מאָמענט־אָן, אין וועלכן דער קאַפּיטאַליסט נעמט־אַרויס דאָס געלד פון דער טאַש, כּדי צו קויפן מאַשינען, רויה־שטאָפן, אַרבייטס־קראַפט און זיי צו געברויכן, ביז דעם מאָמענט, אין וועלכן די פאַרטיגע סחורות זענען פאַרקויפט געוואָרן און דאָס געלד איז ווידער אַריין אין טאַש פון קאַפּיטאַליסט. דעמאָלט האָט ער מיט זיין קאַפּיטאַל געמאַכט איין „אומלויף". די שנעלקייט, מיט וועלכער דער אומלויף קומט־פאָר, האָט פאַר'ן קאַפּיטאַליסט אַ גרויסע באַדייטונג. יעדער ווייס, אַז מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל קאָן מען דורך אַ שנעלערן אומזאַץ בעקומען פּונקט אַזויפיל פּראָפיט, ווי מיט אַ גרייסערן, וואָס ווערט אומגעזעצט לאַנגזאַמער. 300 מ. קאַפּיטאַל, וועלכע ווערן אומגעזעצט אין יאָר 10 מאָל, טראָגן־אַריין זייער בעזיצער פּונקט אַזויפיל פּראָפיט, ווי 3000 מאַרק, וועלכע ווערן אין זעלבן משך צייט אומגעזעצט נור איין מאָל. דאָ האָבן די קאַפּיטאַליסטן אַ ברייט פעלד פאַר זייער רירעוודיגקייט און טיכטיגקייט. פערשנעלערנדיג דעם אומלויף, קאָן ער פון קאַפּיטאַל אַרויסציהען פאַר זיך מעהר נוצען. אַפילו ווען די גאַנצע מאַכע געשאַפענער מעהרווערט זאָל דערביי נישט גרעסער ווערן, געהט דאָך אַריין אין טאַש פון קאַפּיטאַליסט אַ גרעסערער טייל פון דאָזיגן מעהרווערט. און פאַר יעדערן איז דאָך קלאָר, אַז יעדע פערלענגערונג פון אַרבייטס־טאָג פערשנעלערט דעם אומזאַץ. אמת, דאָס איז שוין אַזוי געווען בעת'ן מאַנופאַקטור־פעריאָד. אָבער ערשט ווען מיט'ן איינפיהרען די מאַשין, האָבן זיך אָנגעהויבן פאָדערן גרויסע סומען קאַפּיטאַל, איז דער שנעלער אומזאַץ געוואָרן אַ דרינגענדער געבאָט.

ווייטער האָבן מיר אַ צווייטע וויכטיגע און פּרינציפּיעלע סיבה, צוליב וועלכער דורך דער מאַשין איז פערלענגערט געוואָרן דער אַרבייטס־טאָג: נישט די מאַשין, נאָר די לעבעדיגע אַרבייטס־קראַפט קאָן שאַפן מעהרווערט. אָבער דער פּראָדוקט קאָן, ווי מיר ווייסן, פערביליגט ווערן נור דורך דעם, וואָס ס'ווערט אַרויסגעשטופּט די לעבעדיגע אַרבייט. בכן זעהען מיר, אַז דער זעלבער מיטעל, וואָס פערגרעסערט דעם מעהרווערט, פערקלענערנדיג דעם ווערט פון

דער אַרבייטס-קראַפט, פּאַראַליזירט אויף דער אַנדער זייט דעם וואוקס פון מעהרווערט, אַרויסשטופּענדיג אַ גרויסען טייל פון די אַרבייטס-קרעפטען, וואָס בילדען דעם איינציגען מקור פון מעהרווערט. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער קאַפּיטאַל בעמיהט זיך, די דאָזיגע מניעה אַבצושוואַכען, אויסנוצענדיג וואָס לענגער די איבערגעבליבענע אַרבייטס-קרעפטען.

ענדליך דאַרף מען נישט פערגעסען, אַז יעדע מאַשין דראָהט שטענדיג אַ סכנה, ס'זאָלען זי נישט איבעריאָגען נייע ערפינדונגען און זי זאָל נישט פאַר דער צייט פערלירען איהר גאַנצען ווערט. דאָס קאָן מען נור אויסמיידען דורך איין מיטעל: וואָס שנעלער אָבנוצען די מאַשין, דאָס הייסט, ווי ווייט מעגליך טרייבען די מאַשין אָהן שום אונטערברעכונגען, ביז וואַנען זי וועט אינגאַנצען אָבגענוצט ווערען.

די דאָזיגע אַלע פאַקטען האָבען געבראַכט דערצו, אַז דער אַרבייטס-טאָג איז פערלענגערט געוואָרען אויף אַ גאַנץ געפעהרליכען אופן. מיר ווילען זיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין קיין פּרטים, ווייל דאָ געהט דאָך נור וועגען כאַראַקטערישע צוזאַמענהאַנגען. מיר ווילען דאָ נור דערמאָנען איין פאַל אַלס אילוסטראַציע. דעם 14 יאַנואַר 1860, האָט אַ בעאַמטער אויף אַ פערזאַמלונג אין נאָטינגאַם (ענגלאַנד) בעמערקט: „וואָס פאַר אַ מיינונג קאָן מען האָבען וועגען אַ שטאָט, אין וועלכער מען האַלט-אָב אַן עפענטליכע פערזאַמלונג, כדי אויפצושטעלען אַ פּעטיציע וועגען דעם, אַז די אַרבייטס-צייט זאָל פאַר מענער בעגרענצט ווערען אויף 18 שעה אין טאָג".

III.

דאָס פערלענגערן אָהן אַ שיעור דעם אַרבייטס-טאָג, וואָס איז געוועזען אַ דירעקטע פאָלגע פון איינפיהרען די מאַשין, האָט אין דער פּראַקטיק באַלד אַרויסגערופען צוויי ווירקונגען, וועלכע האָבען אַנטקעגענגעווירקט דעם הונגער פון מצד דעם קאַפּיטאַל נאָך מעהרווערט: די כחות פון אַרבייטער זענען אויף אַזוי ווייט געוואָרען אויסגעשעפּט, אַז גאַנץ גיך איז דערגרייכט געוואָרען דער פונקט, ווען די אינטענסיוויטעט (אָנגעשטרענגטקייט) פון דער אַרבייט האָט זיך שטאַרק פערקלענערט און דער נוצען פון איהר לענגערער דויער איז געגאַנ

גען לאיבוד. דער סכום הערט, וועלכער ווערט געשאַפען, העננט
דאָך אָב נישט נור פון די אַרבייטס⸗שעה׳ן; קודם כל געהט וועגען
דעם, וויפיל אַרבייט ס׳ווערט אין די דאָזיגע שעה׳ן אָבגעטון.
און ס׳איז דאָך קלאָר, אַז ביי אַ טעגליכער אַרבייט פון 15, 16, 17
שעה קאָן די אינטענסיוויטעט, ד. ה. דער סכום אַרבייט אין אַ שעה
זיין נור אַ גאַנץ קליינער, אמת, די קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאַל⸗
טען, אַז די פרישקייט פון אַרבייטער שפּילט קיין גרויסע ראָלע
נישט, ווארום די הויפּט⸗אַרבייט טוט דאָך אָב די מאַשין. און זי —
אַזוי האָבען זיי געמיינט — גיט דאָך אַרויס אין 17 שעה מעהר ווי
אין 16. אָבער דאָ האָט זיך דער חורבן, וועלכען דער לאַנגער אַר⸗
בייטס⸗טאָג האָט אָנגעמאַכט צווישען די אַרבייטער אַרויסגעוויזען
מיט אַזאַ שרעקליכער בולטקייט, אַז די מלוכה איז געווען גע⸗
נויטיגט אַריינצומישען זיך, כדי צו פערהיטען די נאַציע פון אַ פאָל⸗
שטענדיגער גייסטיגער און פיזישער פערקריפּלונג. אין ענגלאַנד,
אין לאַנד, וואו די מאַשין איז צום ערשטען מאָל איינגעפיהרט גע⸗
וואָרען אין אַ ברייטען מאַסשטאַב, — האָט מען שוין פון יאָהר
1802 אַרויסגעגעבען געזעצען פאַר אַרבייטער⸗שוץ. פערשטעהט זיך,
אַז זיי האָבען נישט געהאַט קיין ווירקונג, כל⸗זמן די אָרגאַניזאַציעס
פון די אַרבייטער זענען נישט געוואָרען גענוג שטאַרק, כדי צו אונ⸗
טערשטיצען זייערע אינטערעסען מיט דער געהעריגער מאַכט. דאַן,
ווען דער אַרבייטס⸗טאָג איז געוואָרען וואָס אַמאָל קורצער, האָט די
פּראַקטיק אַרויסגעוויזען דעם ענגען צוזאַמענהאַנג צווישען אַרבייטס⸗
צייט און אַרבייטס⸗רעזולטאַט: וויבאַלד מען האָט דעם אַרבייטער אויפ⸗
געערט צופיל צו בעלאַסטען, איז די אינטענזיוויטעט פון דער אַר⸗
בייט געוואַקסען פון זיך אַליין — נור אַדאַנק דער גרעסערער אויפ⸗
מערקזאַמקייט און דעם פערשטאַרקטען חשק פון די אַרבייטער.

דער קאַפּיטאַל האָט געוויזען אויך דאָס אויסצונוצען. ער האָט
זיך גענומען קינסטליך ווייטער פערשטאַרקען די אינטענזיוויטעט פון
דער אַרבייט און, פערשאַרפענדיג די אָנגעשטרענגקייט
פון דער אַרבייט אין אַ קירצערער צייט אַרויסצוציהען פונקט אַזוי
פיל אַרבייט, ווי פריהער אין אַ לענגערער צייט.

צוליב דעם צוועק האָט דער קאַפּיטאַל אָנגעווענדעט צוויי מיט⸗

לען: ער האָט פערגרעסערט די שנעלקייט פון די מאַשינען און האָט געשטעלט אונטער דעם אַרבייטער'ס השגחה וואָס אַמאָל אַ גרעסערע צאָהל מאַשינען. די פאָלגע פון דעם איז געווען, אַז די אינטענזי-וויטעט פון דער אַרבייט האָט זיך געוואַלדיג פערגרעסערט, און די אַרבייטער זענען אין אַ קורצערער צייט געוואָרען אויסגענוצט נישט אין אַ ערך מעהר, ווי מען האָט גאָר פריהער געקאָנט טרויכען.

מיר וועלען דאָס קלאָר מאַכען מיט עטליכע ביישפּילען. אין 1847 איז אין אַ טייל טעקסטיל-פאַבריקען (וועבערייען און שפּינע-רייען) אין ענגלאַנד איינגעפיהרט געוואָרען דער צען-שעה'דיגער אַר-בייטס-טאָג און תיכף איז שנעלער געוואָרען דער גאַנג פון די שפּינ-מאַשינען אויף 10—20 פּראָצענט. אין די זעקס יאָר פון 1856 ביז 1862, האָט זיך אין דער זיידען-פאַבריקאַציע די צאָל שפּינדלען פער-גרעסערט אויף כמעט 27 פּראָצענט, די צאָהל וועב-שטולען — אויף 15 1/2 פּראָצענט; און די צאָהל אַרבייטער, וועלכע זענען דערביי געווען באַשעפטיגט, איז אויף 7 פּראָצענט קלענער געוואָרען.

אַ סך אַ קלענערע צאָהל אַרבייטער האָט געדאַרפט צו בעדינען אַ בעדייטענד גרעסערע צאָהל שנעלער געהענדע מאַשינען! אין 1863 האָט מען אין ענגלישען פּאַרלאַמענט ערקלערט, אַז פריהער האָט איין פּערזאָן מיט איהרע העלפער בעדינט צוויי וועב-שטולען, און איצט בעדינט זי אָהן העלפער דריי וועב-שטולען און ס'איז לגמרי קיין זעלטענהייט נישט, אַז איין פּערזאָן זאָל בעדינען פיר שטולען. אין די זעכציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָט אַ וועבער פאַברי-צירט אין 60 שטונדען אין דער וואָך אויף צוויי דאַמפּ-שטולען 26 שטיק טוך פון אַ געוויסען מין, און אויפ'ן אַלטען וועב-שטול האָט ער נור פיר שטיק געקאָנט אויסאַרבייטען. אין 1841 האָט מען פער-לאַנגט פון אַ באַוועל-שפּינער, ער זאָל צוזעהן נור 75 שפּינד-לען; אין 1871 האָט ער געדאַרפט אונטער זיין השגחה אַרום 350 שפּינדלען און האָט פּראָדוצירט וועניגסטענס זיבען מאָל אַזוי פיל גאַרן, ווי אין 1841.

די דאָזיגע פאַקטען ברענגט מאַרקס שוין אין מיטען פאָריגען יאָרהונדערט. אָבער די דאָזיגע ענטוויקלונג איז אין דער נייעסטער צייט געגאַנגען ווייטער און זי האָט זיך נאָך לגמרי נישט [illegible]

ענדיגט, די נייע געהט זיך ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג. א זעהר רייכען פאקטישען מאטעריאל געפינען מיר וועגען דעם אין בוך פון ענגלענדער דושאן ריי, „דער אכט=שעה'דיגער ארבייטס=טאג" *). אין דאזיגען בוך ווערט אבער נאך אויך נישט גענומען אין אכט די האסטיגע ענטוויקלונג פון דער עלעקטרישער אינדוסטריע, וועלכע האט זיך טיילווייז ערשט אנגעהויבען אין 1900 און וועלכע האט די אינטענזיוויטעט פון דער ארבייט, די אנשטרענגונג פון אלע נערווען און מוסקולען פון דאס ניי פערשטארקט אויפ'ן העכסטען גראד. קיינער קאן נישט זאגען, וואס אונז קאן אויפ'ן דאזיגען געביט ברענגען די נאהענטסטע צוקונפט.

נעמט מען ארום מיט'ן בליק די דאזיגע ענטוויקלונג, קאן מען באמת טאקע צווייפלען, צי די ברכות פון דער קירצערער ארבייטס=צייט, נאך וועלכער די ארבייטער האבען אזוי שטארק געבענקט און וועלכע האט זיי געקאסט אזוי פיל קרבנות, זענען נישט געמאכט געווארען צונישט. א דאנק דעם אויפציען די אינטענזיוויטעט דורכ'ן קאפיטאל. וואָרום די פערשטארקטע אינטענזיוויטעט פון דער ארבייט ברענגט מיט זיך שרעקליכע סכנות. א בעווייז האבען מיר נישט נור אין דעם, וואס די לעבענס=קראפט פון ארבייטער ווערט פיל גיכער אבגענוצט, נאר אויך אין דעם, וואס עס וואקסט אויף א שרעקליכען אופן די צאהל אונגליקס=פאלען ביי דער ארבייט.

די דערמאנטע פאקטען שעצען נאך ווייט נישט אויס די מהותדיגע ווירקונג פון די מאשינען אויפ'ן לעבען פון ארבייטער. דורך דער מאשין זענען די שעדליכע זייטען פון דער ארדנונג, ביי וועלכער דער ארבייטער איז אוועקגעשטעלט געווארען אונטער דער ממשלה פון קאפיטאל, דערפירט געווארען צום העכסטען פונקט. די מאנופאקטור — וועלכע האט, ווי מען ווייס, צוטיילט די ארבייט צווישען א גרעסערע צאהל ארבייטער — האט שוין אויך געמאכט די ארבייט איינזייטיג. דער ארבייטער האט זיך געלערנט מאכען נור א טייל ארבייט און פלעגט צו איהר זיין גאנץ לעבען בלייבען צוגעשמידט און דורכדעם האט זיין ארבייט אנגעוואוירען א סך פון

*) דער אכט=שעה'דיגער ארבייטס=טאג John Re דייטש 1897 (י. ר.)

אידר אנגענומקייט. די מאַשין האָט ביי איהם אָבגענומען אפילו דעם
דאָזיגען טייל אַרבייט און האָט איהם נור איבערגעלאָזען א באַרג
מעכאַנישע האַנד־בעוועגונגען. דורכ' עס איז פון דער אַרבייט אַרויס־
גענומען געוואָרען יעדער בעלעבענדער אינטערעסאַנ־
טער אינהאַלט. פאַר'ן אַרבייטער האָט דאָס אַ שרעקליכע בעדיי־
טונג, וואָרום פון אַרבייט בעשטעהט דאָך זיין גאַנץ לעבען. די
אַרבייט איז כמעט זיין איינציגע לעבענס־טעטיגקייט. ס'איז — צום
בעדויערן! — נישט נויטיג, מיר זאָלען זונדערע לענגער באַריכות
בעשרייבען ווי דאָס ווירקט אויפ'ן קערפער און גייסט פון אַרבייטער
ווען ער דאַרף טאָג־טעגליך גאַנצע שעה'ן אונטערדריקען א שטיקעל
בלעך אונטער א שטאַנץ־שטעמפעל אָדער אַריינשיטען קוילען אין
אַ לאָך פון אַן אויווען. ווער ס'איז נאָך מיט דער דאָזיגער ערשיינונג
פון דער אייגענער ערפאַהרונג נאָך נישט בעקאַנט, אָדער ווער ס'וויל
זיך מיט דעם עניין נעהענטער בעקענען, זאָל איבערלייענען ענגעל'ס
„די לאַגע פון די אַרבייטענדע קלאַסען אין ענגלאַנד", אָדער זאָלא'ס
פראַכטפולען ראָמאַן „די אַרבייט".

אַחוץ דעם דאַרף מען נישט פערגעסען, אַז יעדע מאַשין גע־
פינט זיך שטענדיג אין דער סכנה, מען זאָל זי נישט צעבעריאַגען
דורך נייע ערפינדונגען און זי זאָל נישט פאַר דער צייט פערלירען
איהר ווערט. כדי דאָס אויסצומיידען, האָט איהר נור איין מיטעל:
וואָס שנעלער אויסצונוצען די מאַשינען, ד"ה ווי ווייט מעגליך צו טריי־
בען די מאַשין אָהן אונטערברעכונגען, ביז וואַנען זי וועט ווערען
אינגאַנצען אָבגענוצט.

די דאָזיגע אַלע סיבות האָבען געבראַכט צו אַ געפעהרליכער
פערלענגערונג פון דער טעגליכער אַרבייטס־צייט. מיר וועלען זיך דאָ
נישט פערנעמען מיט איינצעלהייטען דאַרום, ווי געזאָגט, אינטערעסירען
אונז דאָ נור די טעאָרעטישע צוזאַמענהאַנגען. פאַר אַ אילוסטראַציע
וועט גענוג זיין איין ביישפיעל: דעם 14־טען יאַנואַר 1860, האָט אין
נאָטינגהאַם (ענגלאַנד) בעמערקט אַ בעאַמטער: „וואָס פאַר אַ מיינונג
קען מען האָבען וועגען אַ שטאָט, וועלכע האַלט־אָב אַן עפענטליכע
פערזאַמלונג, כדי אויסצושטעלען אַ פעטיציע וועגענדעם, אַז די צייט

ביטס-צייט פון מענער זאל בעגרענצט ווערען אויף 18 שעה
אין טאג!" *).

ווייטער האט די מאשין דערשטיקט אינגאנצען די פערזענ-ליכע פרייהייט פון ארבייטער ביי דער ארבייט. ביים האנדווערקער ווענדט זיך אלץ אן דער פערזענליכער געשיקטקייט, די אינדיווידועלע פעהיגקייטען און נטיות פון ארבייטער. ביי דער מאנופאקטור איז דאס שוין געווארען בעגרענצט, אבער פונדעסטוועגען האט דער ארבייטער נאך אלץ בעקומען א געוויסע אויסבילדונג, אויף וויפיל דאס איז געווען נויטיג פאר דער טייל-ארבייט, צו וועלכער ער האט בעזונדערס געטויגט. ער איז, פערשטעהט זיך, געווען אב-העגגיג פון דער ארבייט, ער האט זיך געמוזט אריינפאסען אין אר-גאניזם, וועלכער איז בעשטאנען פון אנדערע טייל-ארבייטער; ער האט שוין נישט געקאנט, ווי דער האנדווערקער, צו יעדער צייט נעמען זיך פאר'ן ווערקצייג אדער איהם אוועקלעגען. אבער פון דער אנדערער זייט איז אויך די ארבייט געווען אבהענגיג פון איהם, פון זיינע בעזונדערע פעהיגקייטען, פון זיין פערזענליכקייט, אפילו פון זיין שטימונג. צו דעם אלעם האט די מאשין געמאכט א סוף. אזוי ווי זי פירט-אויס דעם גאנצען פראדוקט, ווענדט זיך אלץ אן דעם, אז מען זאל זיך מיט איהר בעגעהן ווי געהעריג, בעהיטען, אז איהר רעגעלמעסיגער כסדר'דיגער גאנג זאל נישט בעהאלטען ווערען. צו דעם איז נויטיג, אז דער ארבייטער זאל זיך צופאסען צו דער מאשין און איהר גאנג. ער מוז פינקט צו דער מינוט זיין אויפ'ן ארט, כל זמן סגעהט די ארבייט, טאר ער אויף קיין מינוט נישט אב-שוואכען זיין אויפמערקזאמקייט; קורץ געזאגט, ערשט די מאשין האט געשאפען א פאבריקס-דיסציפלין ווי אין א קאזארמע. וועלכע טויט הרגעט אב יעדע פערזענליכע פרייהייט פון ארבייטער, כל זמן ער

*) זעה: מארקס „קאפיטאל" באנד 1, 4 אבשניט-קאפ., פאפולערע אויסגאבע פון בארכארד (דייטש); פאר דער נייערער צייט—Willongyby: „די ארבייטער-געזעצגעבונג אין די פעראייניגטע שטאטען" (דייטש), פרידריך ענ-געלס: „די לאגע פון די ארבייטענדע קלאסען אין ענגלאנד".—

געפינט זיך ביי דער אַרבייט. אַזוי אָבער ווי די אַרבייט פילט=אָן כמעט די גאַנצע צייט פון זיין לעבען, הייסט דאָס פשוט, אַז די מאַשין שאַפט=אָב די פּערזענליכע פריי־הייט בכלל.

און די מאַשין מאַהלט און־ברחמנותדיג ווייטער. זי נעמט=אָב ביים אַרבייטער נישט נור די פרייהייט, די פרייד און די הנאה פון לע־בען, נאָר זיין לעבען גופא! דאָס פערגרעסערן די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון אַרבייטער, בעדייט, ווי מיר ווייסען, אַז מיט דער גליי־כער אַרבייטס=קראַפט ווערען געשאַפען מעהר פּראָדוקטען. ביי דער מאַנופאַקטור פלעגט אין עם דערגרייכט ווערען נור דער רעזולטאַט. אָבער די מאַשין האָט לכתחילה אַזוי געוואַלדיג אויפגעהויבען די פּראָדוקטיוו=קראַפט פון דער אַרבייט, אַז זי האָט אַרויסגעוואָרפען גאַנצע מאַסען אַרבייטער און געלאָזען זיי אָהן ברויט. יעדעס מאָל, ווען ס'ווערט איינגעפירט אין אַ פּראָדוציר=צווייג אַ נייע מאַשין, דראָהט זי מיט אַ גיכערען אָדער אַ לאַנגזאַמערן הונגער־טויט אַ גרויסער צאָהל "אַרבייטער". ביי מאַרקסן לעזען מיר: „אין דער וועלט=געשיכטע געפינט איהר נישט קיין שרעקליכערע דראַמע, ווי דעם שטופענווייזען אונטערגאַנג פון די ענגלישע האַנד=באַוועל=וועבער, וועלכער האָט זיך פערשלעפט אויף צענדליגער יאָרען און האָט זיך פערענדיגט אין 1838. אַ גרויסע צאָהל פון זיי איז אויסגעגאַנ־גען פון הונגער, אַ טייל האָט קוים דערהאַלטען די נשמה צוזאַ־מען מיט זייערע פאַמיליעס פאַר 2 1/2 דינאַר (אַרום 20 פעניג) אַ טאָג! און פאַר די יאָרען 1834—1835 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון בריטיש־אינדיען קאָנסטאַטירט: „אין דער געשיכטע פון האַנדעל וועט איהר קוים געפינען עפּעס, וואָס זאָל זיין ענליך צו די דאָזיגע פאַקטען. פון די ביינער פון די באַוועל=וועבער ווייסען זיך די פלאַכ־קייטען פון אינדיען". און ווען די מאַשין איז שוין אַ צייט איינגע־פירט, הערט זי נישט אויף צו ווירקען אין דער עלענדער ריכטונג, מעהר נישט דאָס וואַרפט זיך שוין נישט אַזוי אין די אויגען. פון די בע־ריכטען פון די ענגלישע פאַבריקס=אינספּעקטאָרען ברענגט מאַרקס אָרן אַ שיעור בעווייזען פאַר דעם דאָזיגען פאַקט. אין 1858, למשל, דער שנעלדיגער צוזעך פון פערבעסערטע מאַשינען איז צו פער־

קלײנערן די האַנד־אַרבײט". אָדער אין 1856: "יעדען טאָג װערט אײנגעפירט דאַמף אין װאַסער־קראַפט דאָרטען, װאו פריהער האָט מען געטריבען די מאַשינען מיט דער האַנד".

די אַרבײטסלאָזיגקײט, װעלכע איז אַלס מאַסען־ערשײנונג די פריהערדיגע צײטען גאָר נישט געװען בעקאַנט, האָבען מיר אױך צו פערדאַנקען דער מאַשין. אמת, אױך אַמאָל פלעגען זײן אַרבײטסלאָזע, און װען ס'פלעגט זיך טרעפען אַ מלחמה, אָדער אַ שלעכטע גערעטעניש, אָדער אַ גרױס אונגליק, פלעגט מען אױך בעגעגענען מאַסען אַרבײטסלאָזע, אָבער דאָס זענען אַלץ געװען אױסנאַמען. אַלס אַ שטענדיגע רעגעלמעסיגע ערשײנונג פערדאַנקען מיר די מאַסען־אַרבײטסלאָזיגקײט דער מאַשין, װעלכע װערט אַנגעװענדעט אױפ'ן קאַפּיטאַליסטישען אופן.

די גרױסע צאָהל אַרבײטסלאָזע, װעלכע זענען געבליבען אָהן לױן און ברױט, שטופּען אײנע די אַנדערע, פערפּלײצען אַנדערע פּראָדוקציע־צװײגען און גיבען דעם קאַפּיטאַל די מעגליכקײט אַראָבצודריקען דעם לױן אונטער דעם װערט פון דער אַרבײטס־קראַפט.

IV.

די מאַשין האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט, װי ס'האָבען געװיזען אונזערע בעטראַכטונגען, אַ מוראדיגע קײט פון יסורים פאַר די אַרבײטער. פריהער האָט זי צושטערט די פאַמיליע, אַרײנציהענדיג אין דער אַרבײט, צוליב בעדינסט, די פרױען און קינדער. װײטער האָט זי אָהן אַ שיעור פערלענגערט דעם אַרבײטס־טאָג און גלײכצײטיג געװאַלדיג פערשװערט די אַרבײט; אַדאַנק איהר, איז די אַרבײט געװאָרען װאָס אַמאָל אָנגעשטרענגטער פאַר די נערװען און קערפּערליכע קרעפטען. די לעבענס־קראַפט פון אַרבײטער איז געװאָרען װאָס אַמאָל שנעלער אָפּגענוצט און ס'האָט זיך בכדי פערגרעסערט די צאָהל אונגליקס־פעלען בײ דער אַרבײט. גלײכצײטיג האָט די מאַשין אַװעקגענומען בײ דער אַרבײט איהר גאַנצען אינהאַלט און אינטערעס, זי האָט זי דעגראַדירט, מאַכענדיג פון איהר עפּעס פערטעמפּעט, אײנטאָניגעס, װאָס טױט־אָב דעם גײסט און דעם קער-

פער; אַחוץ דעם, האָט זי אינגאַנצען אָבגעשאַפט די פערזענליכע פרייהייט פון אַרבייטער; זי האָט אַרויסגערופען אַ מאַשינען־אַרבייטסלאָזיגקייט און געגעבען דעם קאַפּיטאַל די מעגליכקייט די אַרבייטער, וועלכע זענען געבליבען ביי דער אַרבייט, אַראָבצודריקען דעם לוין אונטער דעם ווערט פון זייער אַרבייטס־קראַפט.

אמת, מען דאַרף נישט פערמאַכען די אויגען אויף דעם פאַקט, אַז די מאַשין האָט נישט אומעטום געבראַכט אַזעלכע ווירקונגען — ס'זענען פאַקטיש דאָ עטליכע אַזעלכע פּראָפעסיעס, אין וועלכע די אַרבייט שטעלט, נישט קוקענדיג אויף דער מאַשין, זעהר הויכע פאָדערונגען צו די פערזענליכע קענטעניסען און פעהיגקייטען פון אַרבייטער. פון דער אַנדערער זייט זענען פאַראַן אַזעלכע בערופען, אין וועלכע די מאַשין איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אויף אַזוי פיל, אַז די זאָל קענען אָנמאַכען אַזאַ חורבן צווישען די אַרבייטער. אויב מען זאָל אַפילו גאַנץ גענוי וויסען וועגען די דאָזיגע אויסנאַמען, איז אויך נישט שווער צו פערשטעהן, פאַרוואָס די אַרבייטער זענען פון אָנהויב אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ האַס געגען דער מאַשין. זיי האָבען אויף זייערע אייגענע פּלייצעס אַריבערגעטראָגען דעם שרעקליכען חורבן, די צושטערונג פון זייער פאַמיליע, די אויסזויגונג פון זייער לעבען, זיי האָבען געזעהן, אַז דאָס האָט אַלץ געבראַכט מיט זיך די מאַשין און זיי האָבען זיך מיט אַ פלאַם־פייערדיגען גרימצאָרן אויפגעהויבען געגען דער מאַשין, האָבען זי צוקלאַפּט, האָבען די מלוכה גערופען צו הילף געגען איהר און האָבען געמיינט, אַז אויף אַזאַ אופן קאָן מען פּטור ווערען פון דער צרה.

זיי האָבען געמאַכט אַ שווערען טעות. פּונקט אַזוי ווייניג ווי אַ מעסער אין האַנד פון פערברעכער איז שולדיג אין פערברעכען, צו וועלכען מען האָט איהם בענוצט, פּונקט אַזוי ווייניג איז די מאַשין שולדיג אין די צרות, וועלכע מען האָט אָנגעמאַכט מיט איהר הילף. פאַר זיך אַליין איז די מאַשין אַ פריינדליכער העלפער פאַר'ן מענשען, זי פערשפּאָרט איהם אַלע שווערע און נישט אָנגענעמע אַרבייטען, זי גיט איהם די מעגליכקייט אָבצוגעבען זיך אינגאַנצען העכערע און אידעלערע אויפגאַבען און טון ווייטער זיין קולטור־אַרבייט. דאָס,

וואָס די מאַשין גופא גיט דעם מענשען, האָט אין עולם געדאַרפט
זיין פאַר איהם אַ ברכה. אָבער אָט די ברכה פערוואַנדעלט זיך,
אַ קללה דורך דער קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג פון
דער מאַשין. די בעדערפעניש פון קאַפּיטאַל, צו פערגרעסערן דעם
מעהר-ווערט, בענוצענדיג זיך מיט דער מאַשין — אָט דאָס האָט,
ווי מיר האָבען שוין אויספיהרליך בעוויזען, געמאַכט פון דעם פריינד-
ליכען העלפער און בעפרייער פון מענשען אַ מיטעל פון גרויזאַ-
מער אונטערדריקונג.

ס'איז קלאָר, אַז די אַרויסגעוואָרפענע אַרבייטער מוזען דאָך
געפינען פאַר זיך עפּעס אַן אָרט. פון דעם נעמט זיך די גרויסע פער-
שפרייטונג פון דער היים-אַרבייט אין 19-טען יאָהרהונדערט. זי
האָט גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי די היים-אַרבייט פון די פריהער-
דיגע יאָהרהונדערטען. יענע היים-אַרבייט איז געווען די הויז-אַרבייט
פון פויערען און מיידלעך פאַר דעם הייזליכען געברויך. די היינ-
טיגע היים-אַרבייט איז אַן אַרבייט פאַר'ן קאַפּיטאַל און בעדייט אַ
בעזונדערס אַבשטויסענדע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע. די פאַבריק-
געזעצגעבונג האָט אָבער די דאָזיגע ערשיינונג אַ ביסעל בעגרענצט.
מיר רעדען נישט וועגען דייטשלאַנד. ביים קענער פון ווירטשאַפט-
ליכע פאַקטען זעהט דאָס אויס לעכערליך; ווען מ'טענה'ט כסדר
אַז דעם ערשטען אָנטריב איינצופיהרען פאַבריק-געזעצגעבונג האָט
געמאַכט דייטשלאַנד. אין ענגלאַנד האָט מען די ערשטע ווירקזאַ-
מע געזעצען געשאַפען נאָך מיט גאַנצע פופציג יאָהר פריהער, וואָרום
אין ענגלאַנד האָט זיך די גרויסע אינדוסטרי אָנגעהויבען מיט פופ-
ציג יאָהר פריהער ווי אין דייטשלאַנד. מיר האָבען שוין געהאַט די
געלעגענהייט צו זעהן, ווי די ענגלישע פאַבריקאַנטען האָבען זיך
לאַנג געווערט געגען דאָס איינפיהרען אַ געזעצליכע פערקירצונג פון
דער אַרבייטס-צייט, טענה'דיג, אַז וואָס קירצער ס'איז די אַרבייטס-
צייט, אַלץ ווייניגער ווערט אַרויסגעגעבען אַרבייט. פונקט דאָס זעל-
בע קאָן מען זאָגען וועגען דער היים-אַרבייט, בעזונדערס וועגען
קינדער-שוץ. אַזוי דערצעהלט, למשל, מאַרקס וועגען די זעכציגער
יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט: „יעדע (געזעצליכע) רעגולירונג
פון דער אַזוי גערופענער היים-אַרבייט, קומט פאַר ווי אַ דירעקטע

אַריינמישונג אין דער עלטערליכער אויטאָריטעט; אין דער פֿיינ-
פֿילענדער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז
„פֿאַר אַזעלכע זאַכן ציטערט ער".

אין דער מאָס ווי די סאָציאַלע געזעצגעבונג האָט זיך פֿער-
שפּרייט אַליין מעהר און מעהר אויף דער היים-אַרבייט אין די
אָבגעשטאַנענע אינדוסטריען, האָט זי פֿערשטאָפּט דעם קאַנאַל, אין
וועלכען ס'פֿלעגען געפֿינען אַן אָרט די אַרבייטער, וועלכע זענען
דורך די מאַשין געוואָרען אַרויסגעשטופּט פֿון אַנדערע אינדוסטריען.
דאָרום בײַ דער אונבעגרענצטער עקספּלאָאַטאַציע פֿון די אַרבייטער,
קוינען זיך נישט אַזעלכע אָבגעשטאַנענע אינדוסטריען. ווײַבאַלד די
געזעצגעבונג דערלאָזט נישט צו אַזאַ עקספּלואַטאַציע, לוינט זיך
אָפּט פֿאַר די קאַפּיטאַליסטען בעסער איבערצוגעהן צו מאַשינען.

אין ענגלאַנד האָט, פּונקט ווי אין דײַטשלאַנד, געשטופּט די
מלוכה אײַנצופֿירען די פֿאַבריק-געזעצגעבונג נישט די נטיה צו הו-
מאַניטעט, נאָר קודם-כל די וואַקסענדע מאַכט פֿון אַרבייטער-קלאַס
גופֿא, וועלכע שטיצט זיך אויף זיין אחדות. אַגב האָט מען פֿער-
שטאַנען, אַז בײַ אַן אונבעגרענצטען ווילקיר מצד דעם קאַפּיטאַל,
וואָלט אין אַ געוויסער צייט די גאַנצע אַרבייטער-בעפֿעלקערונג מוזען
אונטערגעהן. דעמאָלט וואָלט זיך דאָס שאַפֿען מעהר-ווערט איבער-
הויפּט אָבגעשטעלט. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך די קאַפּיטאַליסטישע
געזעלשאַפֿט פֿון איין זייט געזעהן געצוואונגען, וואָס אַמאָל מעהר
צו פֿערניכטען דאָס לעבען פֿון אַרבייטער און גלייכצייטיג אַנטקעגענ-
צושטעלען זיך דער דאָזיגער סכנה — דאָס איז איינע פֿון
יענע סתירות, אין וועלכע דער קאַפּיטאַליזם איז אַזוי רייך. ער
קאָן פֿון זיי נישט אַרויסקריכען, אָבער אין דערזעלבער צייט שאַפֿט
ער דוקא דורך זיי די ציגעל פֿאַר אַ נייע, בעסערע געזעלשאַפֿטליכע
אָרדנונג.

כדי צו פֿערשטעהן, ווי אַזוי ס'האָט זיך בײַ די דאָזיגע צו-
שפּאַלטענע שטרעבונגען פֿון קאַפּיטאַל פּאַקטיש געשאַפֿען די לאַגע
פֿון אַרבייטער-קלאַס, איז נויטיג צו בעקענען זיך מיט דעם, ווי דער
קאַפּיטאַל וואַקסט פֿון זיך אַליין (אַקומולירט זיך).

17

דאָס הייליגע אייגענטום.

I.

אַזוי ווי די טבע פון קאַפּיטאַל בעשטעהט אין דעם, וואָס ער מאַכט פאַר זיין אייגענטום דעם מעהר-ווערט, איז אַ קאַפּיטאַליסט דער, וועלכער פערנעמט זיך מיט דער דאָזיגער טעטיגקייט. ווען עמיצער ווענדט-אָן אַ געוויסע סומע נור איינמאָל אַלס קאַפּיטאַל, ד"ה ער ציהט פון איהר איין מאָל אַרויס מעהר-ווערט, און מעהר נישט, איז ער נאָך נישט קיין קאַפּיטאַליסט. וואָרום ער לעבט דעמאָלט נאָך נישט פון מעהר-ווערט, דער מעהר-ווערט איז פאַר איהם נאָך נישט אַ שטענדיגער מקור פון הכנסה. ער ווערט ערשט אַ קאַפּיטאַליסט, ווען ער חזר'ט כסדר איבער דעם דאָזיגען פּראָצעס. די פּראָדוקציע וואָלט נאָך נישט געווען קאַפּיטאַליסטיש, ווען מען מען וואָלט נור ווען נישט ווען, אויסנאַמסווייזע, בעקומען מעהר-ווערט. די דאָזיגע איבער'חזר'ונג כאַראַקטעריזירט טאַקע פּרינציפּיעל די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע.

ווען מיר וועלען איצט בעטראַכטען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין איהר ווירקליכער געשטאַלט, ד"ה נישט אַלס אַן-איינצעלנעם, נאָר אַלס אַ כסדר זיך איבער'חזר'נדיגען פּראָצעס, קומען מיר צו פערשידענע נייע רעזולטאַטען. געוועהנליך זאָגט מען, אַז די קאַפּיטאַליסטען מוזען דעם לוין פון די אַרבייטער „אויסלייגען". די אַרבייטער פערמאָגען גאָרנישט און וואָלטען אויסגעהן פאַר הונגער, ווען די קאַפּיטאַליסטען וואָלטען נישט געווען אַזוי גוט און זיי „געגעבען פאָרויס" אַ טייל פון די לעבענס-מיטלען, וועלכע זיי האָבען אָנגעזאַמעלט. אַזוי שטעלט זיך פאַר די זאַך פון בירגערליכען שטאַנדפּונקט, און מען האָט טאַקע געוואָלט אויף דעם סמך בעגרינדען דאָס רעכט פון קאַפּיטאַליסט אויפ'ן פּראָפיט, און אַחוץ דעם נאָך אויף דאַנקבאַרקייט מצד דעם אַרבייטער. אָבער די וויסענשאַפט דאַרף נישט בעגרינדען אָדער אָבלייקענען וועלכע נישט

אין רעכטליכע טענות; איהר זאך איז נור בעשטימען די פאקטען פון ווירטשאפטליכען לעבען. און די דאזיגע פאקטען זע־הען טאקע גאר אנדערש אויס.

ווי מען ווייס, בעקומען די ארבייטער פון די קאפיטאליסטען נישט קיין לעבענס־מיטלען, נאר געלד, ד״ה א סומע ווערט. די דאזיגע סומע בעקומען זיי אבער נאכדעם ווי זיי האבען די ארבייט אויסגעפירט. דורך זייער ארבייט האבען זיי דאך אבער שוין געשאפען ווערט, און דוקא נישט אזוי פיל, ווי ס׳מאכט אויס זייער לוין, נאר אפילו מעהר. פאקטיש בעזיצט דער קלאס פון די קאפיטאליסטען, בעת ער בעצאהלט דעם לוין שוין לאנג, לאנג־אן דעם ווערט און מעהר־ווערט, וועלכען ס׳האבען געשאפען די ארבייטער. די קאפיטאליסטען צאהלען בכן די ארבייטער דעם לוין נישט פאָרויס, נאר זיי בעצאהלען איהם מיט א טייל פון ווערט, וועלכען די ארבייטער האבען שוין פריהער געשאפען און וועלכען די קאפיטאליסטען האבען צוגענומען אלס זייער אייגענטום.

דאס געלד, וועלכעס די ארבייטער בעקומען אלס לוין, איז אבער נור אן אנווייזונג אויף לעבענס־מיטלען. די ארבייטער קאנען מיט׳ן געלד קיין אנדער זאך נישט טון, ווי אבגעבען עס צוריק דעם קלאס קאפיטאליסטען, כדי דערפאר צו קויפען ביי זיי לעבענס־מיטלען. ווי אזוי איז אבער דער קלאס קאפיטאליסטען געקומען צו די דאזיגע לעבענס־מיטלען? זיי זענען געשאפען געווארען דורכ׳ן ארבייטער־קלאס אין פריהערדיגע פראָדוציר־אקטען. אויף אזא אופן בעצאהלט מען דעם ארבייטער־קלאס פאקטיש מיט א טייל פון די פראָדוקטען, וועלכע ער האט אליין געשאפען; דער קלאס קאפיטאליסטען קאן די ארבייטער געבען „פאָרויס" לעבענס־מיטלען נור דערפאר, ווייל ער האט זיי אין די פריהערדיגע אקטען פון דער פראָדוקציע צוגענומען ביי דעם ארבייטער־קלאס. וועגען אן אוואנס (אויסלייגען) מצד די קאפיטאליסטען קאן בכן קיין רעד נישט זיין.

דער דאזיגער ריכטיגער צוזאמענהאנג ווערט פערדונקעלט, ווען מען בעטראכט דעם איינצעלנעם קאפיטאליסט, וועלכער פאבריצירט עפעס אזא זאך, וועלכע זיינע ארבייטער קויפען ביי איהם נישט, למשל, גאלדענע לעפעל. דעמאלט ענטשטעהט דער פאלשער שיין.

אַז ער האָט דעם לוין כּלומרשט אויסגעלעגט פון זיין אייגען געלד און מוז איצט וואַרטען, ביז וואַנען די סחורה וועט פערקויפט ווערען און ער וועט צוריק בעקומען דאָס זייניגע. אָבער דער דאָזיגער שיין פערשווינדט, וויבאַלד מען בעטראַכט ביידע קלאַסען, דעם קלאַס פון די אַרבייטער און דעם קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטען, יעדערן אַלס עפּעס גאַנצעס און דערצו נישט אין איין איינצעלנעם פּראָדוציר-אַקט, נאָר אין דער גאַנצער פּראָדוקציע, — דעמאָלט זעהט מען, אַז דער אַרבייטער-קלאַס האָט אַליין געשאַפען דעם פאָנד, פון וועלכען מען האָט כּלומרשט זיין לוין „פאָרויסגעצאָהלט".

נאָך אַ צווייטע בעליבטע פאָרשטעלונג געפינט איהר ביי דער בורזשואַזיע: די קאַפּיטאַליסטען צאָהלען פאָרויס זייער געלד — ווען שוין נישט די אַרבייטער — איז דאָך לכל הפּחות, דער פּראָדוקציע, ד"ה אין אינטערעס פון דער גאַנצער מענשהייט. אָבער אויך דער דאָזיגער שיין ווערט בטל, ווען מען בעטראַכט די פּראָדוקציע אין איהר שטענדיגען ריטם, אין וועלכען זי חזר'ט זיך כּסדר איבער.

אַלע יאָר קומט-אָן דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען אַ געוויסע סומע מעהר-ווערט. לאָמיר דערווייל צוליב איינפאַכקייט אָננעמען, אַז די קאַפּיטאַליסטען פערברויכען דעם גאַנצען מעהר-ווערט, וועלכער ווערט געשאַפען אין משך פון אַ יאָר. ווי קומט דעמאָלט די זאַך פאָר?

זאָל, למשל, דער גאַנצער קאַפּיטאַל בעטרעפען 1000 מיליאַרד מאַרק. ביי 10 פּראָצענט מאַכט-אויס דער מעהר-ווערט יערליך 100 מיליאַרד מאַרק. אָבער נישט איין מאָל, נור יאָר פאַר יאָר. איב די קאַפּיטאַליסטען האָבען די דאָזיגע סומע אויסגעלעגט צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד, האָבען זיי פערברויכט 1000 מיליאַרד מאַרק, פּונקט אַזוי פיל, ווי ס'בעטרעפט זייער קאַפּיטאַל. מיט אַנדערע ווערטער: זיי האָבען פערצערט די גאַנצע סומע, וועלכע זיי האָבען אפשר לכתחילה איין מאָל אויסגעלעגט (ווי מיר וועלען זעהן שפּעטער, איז דאָס אויך נישט ריכטיג), און פערמאָגען דאָך צום סוף פון די 10 יאָר אַלץ נאָך די 1000 מיליאַרד מאַרק און אַחוץ דעם, נאָך דאָס רעכט אויף 100 מיליאַרד מאַרק הכנסה יערליך. דאָס בעדייט איז

געמיטליך פּאָלגענדעס: דיער ערשטער קאַפּיטאַל פון 1000 מיליאַרד מאַרק איז בכלל שוין מעהר נישטאָ; זיי האָבען איהם פערברויכט, אפשר פערשווענדעט, זיי האָבען איהם אָבער יאָר פאַר יאָר צוריק בעקומען פון דעם מעהר־ווערט, אַזוי אַז דער קאַפּיטאַל, וועלכען זיי בעזיצען איצט, יעדער פּעניג פון איהם, בעשטעהט פון אָנגעזאַמעלטען מעהר־ווערט.

מיר האָבען צוליב איינפאַכקייט אָנגענומען, אַז דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען לעבט־אויס יאָר פאַר יאָר זיין גאַנצען מעהר־ווערט. אין אמת'ן טוט ער דאָס נישט. פּאַקטיש פערברויכען די קאַפּיטאַליסטען נור אַ טייל פון מעהר־ווערט, דאָס איבעריגע גיבען זיי צו צום קאַפּיטאַל. דורך דעם, ווערט, אמת, פערלענגערט די צייט, ביז וואַנען דער ערשטער קאַפּיטאַל ווערט פערצערט. אָבער פריהער אָדער שפּעטער, מוז דאָך דער דאָזיגער מאָמענט קומען. און אויך דער אַנדער זייט ווערט דער קאַפּיטאַל זעהר שנעל פערגרעסערט דורך דעם, וואָס ס'ווערט דירעקט אָנגעזאַמעלט מעהר־ווערט; אַזוי אַז ס'קומט אַלץ שנעלער דער מאָמענט, ווען דער גאַנצער קאַפּיטאַל בעשטעהט פון אָנגעזאַמעלטע מעהר־ווערט.

II.

די אַרבייטער בעלוינט מען מיט אַ טייל פון ווערט, וועלכען זיי האָבען פריהער אַליין געשאַפען; מיט אַ טייל סחורות, וועלכע זיי האָבען פריהער אַליין פּראָדוצירט. דאָס איז געווען דער איספיר, צו וועלכען מיר זיינען געקומען. ווי אַזוי זיינען אָבער די ווערטען, די סחורות געקומען אין פרעמדע הענד! שטיצט זיך דען נישט דאָס אייגענטום־רעכט אויף אַרבייט; די בירגערליכע וויכטשאַפט ווי אויך די פערטיידיגער פון דער איצטיגער ווירטשאַפטליכער אָרדנונג הערען דאָך נישט אויף צו מטענה'ן, אַז דאָס אייגענטום איז דוקא דערפאַר אַזוי הייליג, ווייל מען קאָן בשום אופן נישט דערלאָזען, אַז מען זאָל ביי עמיצען אַוועקרייבען די פרוכטען פון זיין אַרבייט. יעדערן מוז מען פערזיכערן דעם רעזולטאַט פון זיין אַרבייט, און צום אייגענטום טאָר מען אויך קיין אַנדער אופן נישט קומען, ווי דורך חשק, טיכטיגקייט און אַרבייט.

אָבער צי איז דאָס אמת, אַז ביי היינטיגען טאָג געהערט דער רעזולטאַט פון דער אַרבייט דעם, וואָס פירט־אויס די אַרבייט?

מיר האָבען אַקוראַט געזעהן, אַז דער קאַפּיטאַל זאַמעלט זיך אויף פון אָנגעקליבענעם מעהר־ווערט. דער מעהר־ווערט, דער פּראָפיט געהערט די קאַפּיטאַליסטען. צי האָבען זיי אוהם געשאַפען מיט זייער אייגענער אַרבייט? פערשטעהט זיך, אַז נישט. וואָרום אָביב ס'טרעפען זיך אויך קאַפּיטאַליסטען, וועלכע אַרבייטען ווי געהעריג, איז דאָך צווישען זייער אַרבייט און זייער פּראָפיט קיין שום שייכות נישטאָ. די גרויס פון פּראָפיט ווענדט זיך נישט אָן דעם, וויפיל דער קאַפּיטאַליסט האָט אַליין געאַרבייט, נאָר פון דער גרויס פון זיין קאַפּיטאַל. ווער ס'פירט אַ פאַבריק מיט אַ קאַפּיטאַל פון מיליאָנען, בעקומט מעהר פּראָפיט, ווי אַ קליין מענשעל, וואָס קאָן אַריינלעגען אין זיין געשעפט נור 10000 מאַרק. יעדערער ווייס אויך, אַז בעת דער קליינער פאַבריקאַנטעל מוז אָפט ביטער מאַטערן זיך, קאָן זיך דער מיליאָנער, ווען ער וויל, נור אַרומשפּאַצירען. בעזונדערס בולט זעהט מען דאָס ביי די בעזיצער פון די אַקציעס, מלוכה־פּאַפּירען און ענליכע זאַכען. ווער ס'האָט פאַר 100 טויזענד מאַרק אַקציעס פון אַ קוילען־ אָדער אייזען־גרוב, אָדער מלוכה־פּאַפּירען, ברויכט לגמרי נישט צו אַרבייטען און בעקומט דאָך אַלע יאָר אַ פּאָר טויזענד מאַרק פּראָפיט. און איהר בעגעגענט מאַקע זעהר פיל אַקציאָנערען, אפשר די גרעסטע צאָהל, וועלכע ווייסען קיים, וואו עס געפינט זיך די גרוב, אָדער די ברויעריי, בכלל די אונטערנעמונג, פון וועלכען זיי ציהען־אַרויס זייער פּראָפיט; יעדענפאַלס האָבען זיי קיינמאָל אין איהר נישט געאַרבייט.

די טענה פון דער בורזשואַזיע, אַז דער רעזולטאַט פון דער אַרבייט געהערט דעם, ווער ס'פירט־אויס די אַרבייט, איז בכן נישט ריכטיג.

אונזערע בעווייזען זענען אַזוי איבערצייגענד, אַז היינט וועט קיין דענקענדער מענש נישט האָבען די דרייסטקייט צו זאָגען, אַז דער פּראָפיט ווערט געשאַפען דורכ'ן קאַפּיטאַליסט. אָנשטאָט דעם זאָגט מען, אַז דער קאַפּיטאַליסט האָט דורך אייגענער אַרבייט ערוואָר־

בען דעם קאַפּיטאַל גופֿא, און דעריבער האָט ער דאָס רעכט אויפֿן פּראָפֿיט.

לאָמיר אויף אַ ווײַלע אָננעמען, אַז דער קאַפּיטאַל איז לכתחילה טאַקע ענטשטאַנען דורך דער אייגענער אַרבייט פֿון זײַן בעזיצער און לאָמיר זיך דאַן צו דער זאַך אַ ביסעל נעהענטער צוקוקן. איין בעגרענעצונג מוזען מיר אָבער אַפֿילו מאַכען: בײַ הײַנטיגען טאָג קאָן, פֿערשטעהט זיך, קיין מענש נישט ערווערבען אַ קאַפּיטאַל מיט זײַן אַרבייט. ווער עס גלויבט נישט, זאָל דאָס נור פּראָבירען. וועלען אָננעמען אַזאַ זאַך פֿאַר דער איצטיגער צײַט, וואָלט געהייסען: אַ פּאַטש געבען אין פּנים די פֿאַקטען. אָבער, וועט מען זאָגען, פֿריהער איז דאָך געוועזען די אַלטע גוטע צײַט". אפשר איז דאָס פֿריהער יאָ מעגליך געוועזען.

לאָמיר בכן אָננעמען, אַז אין 15. אָדער אין 16. יאָר-הונדערט האָט עמיצער דורך חשק און שפּאָרזאַמקייט אויפֿגעקליבען אַ קאַפּיטאַל פֿון 100 טויזענט מאַרק, אַז דער דאָזיגער קאַפּיטאַל ליגט אַ צײַט אין אונטערנעמונגען, וועלכע טראָגען איהם איין 10 פּראָצענט פּראָפֿיט. אין אַ יאָר אַרום בעזיצט ער 10 טויזענט מאַרק פּראָפֿיט, וועלכע שטאַמען שוין נישט פֿון זײַן אַרבייט.

פֿון וואַנען האָט ער זיי בעקומען? פֿאַרוואָס האָט ער זיי? נור דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿערמאָגט די 100 טויזענט מאַרק. וואָלט ער זיי נישט געהאַט, וואָלט ער אין ערשטען יאָר אַפֿילו אויך נאָך אפשר געקאָנט אײַנשפּאָרען אַזויפֿיל געלד; אָבער דאָס וואָלטען נישט געוועזען די דאָזיגע 10 טויזענט מאַרק. ער בעקומט זיי נור דערפֿאַר, ווײַל איהם האָבען שוין פֿריהער געהערט די 100 טויזענט מאַרק.

דאָס אַליין בעווײַזט, וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטעריסטישע ענדערונג עס איז פֿאָרגעקומען אין פּרינציפּ פֿון אייגענטום אונטער דער ווירקונג פֿון קאַפּיטאַל. פֿריהער פֿלעגט מען ערווערבען אייגענטום דורך אַרבייט, צום אייגענטום האָט מען זיך געמוזט דערשלאָגען מיט אייגענער מיה, איצט ערווערבט דער קאַפּיטאַליסט אייגענטום נישט צוליב דעם, וואָס ער האָט אויף דעם געאַרבייט, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער איז אַמאָל מיט אַ צײַט צוריק געקומען צו אַן אַנדער אייגענטום דורך זײַן אַרבייט. איצט פֿערשאַפֿט ער זיך בכן דאָס אייגענטום נישט דורך

זיין נייער (איצטיגער) אַרבייט, נאָר דורך זיין אַמאָליגען אַלטען בעזיץ.

די פערטרעטער פון קאַפּיטאַל־טענה׳ן: דער דאָזיגער פּראָפיט איז נור אַ יושר׳דיגער לוין דערפאַר, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט אָבגעשפּאָרט 100 טויזענד מאַרק און, אָנשטאָט זיי אויפצועסען, האָט ער זיי אַריינגעלעגט אין דער פּראָדוקציע. ער האָט זיי דאָך פונקט אַזוי גוט געקאָנט פערשווענדען. אָבער כדי די שפּאָרזאַמע קאַפּיטאַליסטען זאָלען קאָנען קויפען אַלערליי גוטע זאַכען, איז דאָך נויטיג, אַז די דאָזיגע זאַכען זאָלען פריהער פּראָדוצירט ווערען. צו דעם דאַרף מען אָבער פריהער האָבען מאַשינען, רויה־שטאָפען א. אז. וו., קורץ, אַלערליי פּראָדוציר־מיטלען. ווען די קאַפּיטאַליסטען ווילען איבערהויפּט עפּעס געברויכען, מוזען זיי אַ טייל פון זייער קאַפּיטאַל פערווענדען אויף מאַשינען, רויה־שטאָפען א. אז. וו. אַחוץ דעם האָבען מיר דאָך נישט לאַנג געזעהן, אַז אויב זיי פערצערען נישט דעם קאַפּיטאַל, פערברויכען זיי אַ טייל פון פּראָפיט, וועלכער בעטרעפט אָפט מעהר, ווי ס׳בעטרעפט דער טייל קאַפּיטאַל, וועלכען זיי לעגען־אַריין אין דער פּראָדוקציע.

וואָס טוט בכן, דער קאַפּיטאַליסט מיט די 10 טויזענד מאַרק פּראָפיט? מיר ווייסען דאָס שוין: אַ טייל גיט ער אויס, דעם צווייטען טייל לעגט ער צו צום קאַפּיטאַל. אָדער ער אַקומולירט (ד. ה. זאַמעלט) איהם.

כדי ווידער צו האָבען אַן איינפאַכען רעכנונג, לאָמיר אָננעמען, אַז דער קאַפּיטאַליסט גיט־צו צום קאַפּיטאַל די גאַנצע 10 טויזענד מאַרק, און זיינע אייגענע הוצאות דעקט ער אויף אַן אַנדער אופן, (מיר קאָנען דאָך, למשל, אָננעמען, נאַז דער פּראָפיט מאַכט־אויס בסך־הכל 20 פּראָצענט, פון וועלכע אַ העלפט ווערט פערברויכט, אַ העלפט אַקומולירט). דאָס צווייטע יאָר הויבט בכן אָן דער קאַפּיטאַליסט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 110 טויזענד מאַרק.

ווען דאָס צווייטע יאָר האָט זיך געענדיגט, בעזיצט דער קאַפּיטאַליסט 121 טויזענד מאַרק, נעמליך 100 טויזענד מאַרק פון ערשטען שטאַם־קאַפּיטאַל, 10 טויזענד מאַרק מעהרווערט פון ערשטען יאָר, און 11 טויזענד מאַרק מעהרווערט פון צווייטען יאָר. די לעצטע 11

טויזענד מאַרק צעפאַלן אָבער, לויט זייער ענטשטעהונג, אויך אין צוויי טיילן: 10 טויזענד מאַרק, וועלכע ס'האָט אָבגעוואָרפן דער ערשטער שטאַם-קאַפּיטאַל אין צווייטן יאָר, און אַחוץ דעם נאָך 1000 מאַרק פּראָפיט, וועלכע זענען שוין אַרויסגעשפּראָצט פון דעם אַקומולירטן מעהרווערט פאַר'ן ערשטן יאָר.

אויף די 10 טויזענד מאַרק, וועלכע דער שטאַם-קאַפּיטאַל טראָגט-אַריין אין צווייטן יאָר, איז חל דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם מעהרווערט פון ערשטן יאָר. דער קאַפּיטאַליסט קאָן זיי מאַכן פאַר זיין אייגענטום, ווייל ער האָט פריהער שוין אַמאָל געאַרבייט און דורכדעם שוין געהאַט ערוואָרבן בעזיץ. ווי שטעהט דאָס אָבער מיט די לעצטע 1000 מאַרק? זיי זענען דאָך דער פּראָפיט פון די 10 טויזענד מאַרק, וועלכע דער קאַפּיטאַליסט האָט ערוואָרבן אין פאַריגן יאָר. זיי האָבן שוין באמת קיין שום שייכות נישט צו דער אייגענער אַרבייט פון קאַפּיטאַליסט. די דאָזיגע 1000 מאַרק קאָן דער קאַפּיטאַליסט מאַכן פאַר זיין אייגענטום בלויז צוליב דעם, — ווייל ער האָט ערין פריהער 10 טויזענד מאַרק האָט ער אפשר ערוואָרבן דערפאַר, ווייל ער האָט פריהער אַמאָל געאַרבייט. אָבער די לעצטע 1000 מאַרק ערווערבט ער אויסשליסליך צוליב דעם, וואָס ער האָט שוין פריהער געהאַט ערוואָרבן אַ געוויסע סומע.

אָבער דערמיט איז נאָך די זאַך נישט בעענדיגט. יאָר פאַר יאָר טראָגט-אַריין דער שטאַם-קאַפּיטאַל 10 טויזענד מאַרק פּראָפיט, זיי ווערן יאָר פאַר יאָר צוגעלייגט צום קאַפּיטאַל און וואַרפן-אָב יאָר פאַר יאָר 1000 מאַרק. אויך זיי ווערן אַקומולירט און טראָגן יאָר פאַר יאָר אַריין 100 מאַרק. און קיין מניעה איז נישטאָ, אַז אויך די דאָזיגע 100 מאַרק זאָלן ווערן אַקומולירט און יאָר פאַר יאָר אָבוואַרפן צו 10 מאַרק א. אַז. וו. אָהן אַ סוף! ווען דער קאַפּיטאַליסט טוט דאָס — און דאָס איז גאָר נישט קיין פאַנטאַזיע, ער טוט דאָס פאַקטיש ווירקליך, — ווערט זיין ערשטער קאַפּיטאַל אין אַכט יאָר מעהר ווי פערדאָפּעלט: פון די 100 טויזענד מאַרק זענען געוואָרן 214 טויזענד מאַרק. אין בלויז 20 יאָר איז דער אָנגעזאַמעלטער מעהרווערט אַזוי גרויס געוואָרן, אַז דער ערשטער קאַפּיטאַל פון 100

טויזענד מאַרק האָט שוין, אין פערגלייך מיט איהם, אַ גאַנץ קליי-
נע בעדייטונג. פּרובירט נור בערעכנען.

און איצט בעקלערט נור, אַז שוין מעהר ווי 400 יאָר קלייבט
דער קאַפּיטאַל צינזען אויף צינזען, פּראָפיט אויף פּראָפיט, און
אייך וועט קלאָר ווערען, וואָס דאָס בעדייט אַזוינס, ווען עמיצער
זאָגט היינט, אַז דעם קאַפּיטאַל האָבען די קאַפּיטאַליסטען ע ר ה א-
ר ו ו ע ט מיט זייער אייגענער אַרבייט. די געשיכטע לערנט אונז,
אַז אַפילו די ערשטע קאַפּיטאַלען זענען נישט ענטשטאַנען דורך
דער אַרבייט פון זייערע בעזיצער, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן —
דורך רויב און גזלה, דורך גוואַלט און אָבנאַרעריי, בעזונדערס
דורך דאָס בערויבען די קאָלאָניעס אין אינדיען און אַמעריקאַ.
אָבער ווען איהר זאָלט שוין יאָ וועלען גלייבען, אַז מיט הונדערטער
יאָרען צוריק האָבען איינצעלנע מענשען געקאָנט ערווערבען און
אָבשפּאָרען אַזעלכע גרויסע סומען דורך זייער אייגענער אַרבייט (פּראַק-
טיש איז דאָס דעמאָלט געווען פּונקט אַזוי אונמעגליך ווי היינט) —
ביי היינטיגען טאָג האָט דאָס אַלץ קיין שום בעדייטונג נישט. די
היינטיגע קאַפּיטאַלען בעשטעהען דורכאויס פון אָנגעזאַמעלטען פּראָ-
פיט, איהר געפינט אין זיי נישט קיין אַרבייטס-פערדינסט אויף
קיין פעניג.

איצט זעהען מיר, אַז דער פּרינציפּ פון אייגענטום האָט זיך
אונטער דער ווירקונג פון קאַפּיטאַל, פערוואַנדעלט אין זיין די-
רעקטען היפך. פריהער האָט זיך דאָס רעכט אויף אייגענטום
געשטיצט אויף דער אייגענער אַרבייט, היינט שטיצט דאָס זיך
אויף אַ שוין פאַראַנענעם ב ע ז י ץ; פריהער פלעגט מען עפּעס
ערווערבען, ווייל מען האָט געאַרבייט, היינט — דערפאַר, ווייל מען
האָט שוין פאַר דעם עפּעס ערוואָרבען! דעריבער קאָן ביי היינ-
טיגען טאָג עמיצער עפּעס ערווערבען, ווען ער בעזיצט עפּעס. און
אין דעם ליגט טאַקע די סיבה, פאַרוואָס אַלע גוואַלטיגע אוצרות,
וועלכע די מענשליכע אַרבייט האָט געשאַפען אין משך פון 400
יאָר, פאַלט שטענדיג אַריין אין די הענד פון איין טייל מענשען,
נעמליך, פון די, וועלכע בעזיצען שוין עפּעס, אָדער ווי מאַרקס
דריקט דאָס אויס זעהר געלונגען:

„אייגענטום שטעלט זיך איצט פאַר: אויפ'ן צד פון די קאַפּיטאַליסטען — אַלס דאָס רעכט צו מאַכען פאַר אייגענטום נישט בעצאָהלטע אַרבייט אָדער איהר פּראָדוקט; אויף דער זייט פון די אַרבייטער — אַלס די אונמעגליכקייט צו מאַכען פאַר אַן אייגענטום דעם אייגענעם פּראָדוקט"*).

18.

רייכטום און אָרעמקייט

I.

מיר האָבען געזעהן, אַז די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל קומט פאָר אויף אַזאַ אופן, אַז דער קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטען פערצערט נישט אינגאַנצען דעם מעהרווערט, וועלכער איז אָנגעקליבען געוואָרען אין משך פון אַ יאָר, נאָר זי לעגט-צו אַ טייל פון איהם צום קאַפּיטאַל (ד. ה. דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון קלאַס קאַפּיטאַליסטען) ווערט פון יאָר צו יאָר גרעסער. יעדעס יאָר ווערען אָנגעווענדעט נייע געוואַלטיגע סומען מעהרווערט אַלס קאַפּיטאַל.

כדי אָנצעווענדען אַ סומע אַלס קאַפּיטאַל, מוז מען, ווי אַלע ווייסען, קויפען מאַשינען, מכשירים און רויסטאָפען און דינגען אַרבייטער, וועלכע בעאַרבייטען די רויע שטאָפען מיט דער הילף פון מאַשינען. די סומע, וועלכע דאַרף דינען אַלס קאַפּיטאַל, ווערט בכן צעטיילט אויף צוויי טיילען: מיט איין טייל ווערען געקויפט די פּראָדוציר-מיטלען (ד. ה. מאַשינען און רויסטאָפען), מיט'ן אַנדער'ן — די אַ ר ב י י ט ס-ק ר אַ פ ט. איין טייל פון קאַפּיטאַל, וועלכער בעשטעהט אין פּראָדוציר-מיטלען, רופען מיר אַ ן ק אָ נ ס ט אַ נ ט ע ן קאַפּיטאַל, דער צווייטער, וועלכער ווערט פערוואַנדעלט אין אַרבייטס-לוין, הייסט וו אַ ר י אַ ב ל ע ר קאַפּיטאַל. ווען מיר זאָלען אָננעמען, אַז די איבריגע בעדינגונגען ענדערן זיך נישט, מוז מיט דער פערגרעסערונג פון גאַנצען קאַפּיטאַל, וואַקסען אויך זיין וואַריאַבלער טייל. ווען אַלע יאָר ווערען גרויסע סומען מעהרווערט פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל, בעדייט דאָס נור, אַז אַלע יאָר ווערען געקויפט נייע גרויסע מאַסען פּראָדוציר-מיטלען, און נייע גרויסע מאַסען אַרבייטער ווערען בעשעפטיגט. בכן, מוז מיט'ן וואוקס פון דער אַקומולאַציע אויך וואַקסען די נאָכפראַגע אויף

אַרבייטער. דאָס וועט, אויב ס'וועלן נור קיין אַנדערע מניעות נישט זיין, אויפהויבן דעם לוין און פערמעסערן די גאַנצע לאַגע פון די אַרבייטער.

אָבער נישט שטענדיג קומט אין דער ווירקליכקייט די זאַך אַזוי קלאָר, ווי מיר האָבן דאָס דאָ פאָרגעשטעלט. פון צייט צו צייט הייבן זיך אָן אַזעלכע פעריאָדען, ווען דער קאַפּיטאַל אַקומולירט זיך, בעת זיינע אַנדערע בעדינגונגען בלייבן דיזעלבע, און דעמאָלט לאָזען די גינסטיגע פאַר די אַרבייטער ווירקונגען פון דער אַקומולאַציע נישט לאַנג וואַרטען אויף זיך. דאָס זענען, אמת, נור אויסנאַהמס-פאַלען, ווי מיר וועלען באַלד זעהן. אָבער די דאָזיגע אויסנאַהמען זענען פאַר דער בירגערליכער וויסענשאַפט שוין גענוג, כדי פון דעם אַרויסצונעמען זייער לערע וועגן דער כלומרשטער „האַרמאָניע" פון די אינטערעסען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

דאָ זעהט מען דאָך — אַזוי טענה'ט זי, — אַז ווען דער קאַפּיטאַל מאַכט גוטע געשעפטען, האָט פון דעם נוצען אויך דער אַרבייטער; דערום וואָס שנעלער ס'געהט די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, אַלץ שטאַרקער איז די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער.

אָבער די אַקומולאַציע גופא שטעלט אַוועק אַ גרענעץ פאַר די דאָזיגע גינסטיגע פאַלען. די גרויס פון דער אַקומולאַציע הענגט-אָב, פערשטעהט זיך, פון דער גרויס פון מעהרווערט, וועלכער קאָן ווערען צוגעלעגט צום קאַפּיטאַל, און די גרויס פון דעם דאָזיגען מעהרווערט, הענגט-אָב פון דער גרויס פון אַרבייטס-לוין.

יעדעס יאָר ווערט געשאַפען דורך דער לעבעדיגער אַרבייטס-קראַפט אַ געוויסער סכום נייער ווערט. פון דעם דאָזיגען נייעם ווערט געהערט אַ טייל דעם אַרבייטער-קלאַס, אַלס אַרבייטס-לוין, און אַ טייל דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען, אַלס מעהרווערט. בכן: וואָס גרעסער ס'איז דער אַרבייטס-לוין, אַלץ קלענער איז דער מעהרווערט, און פערקערט. — איז פאַראַן אַ סך מעהרווערט, ווערט אַ סך מעהרווערט אַקומולירט, און ס'שטייגט דער אַרבייטס-לוין, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט. דאָס אויפהויבן זיך פון אַרבייטס-לוין, פערקלענערט אָבער דעם מעהרווערט, און ווען דער אַרבייטס-לוין זאָל שטייגען

אויף אַזויפיל, אַז ס'בלייבט שוין נישט גענוג מערווערט, וועלכער זאָל געבען אַ „פּאַסיגען" פּראָפיט — דעמאָלט הויבט־אָן די אקומולאַציע צו געהן לאַנגזאַמער. ס'איז דאָך שוין נישט פאַראַן אַזויפיל מערווערט, בכן קאָן שוין די נישט אַקומולירט ווערען אַזויפיל מערווערט, ווי פריהער, און אינגיכען שטעלט זיך אָב די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער, דער אַרבייטס־לוין שטייגט מעהר נישט און ער וועט באַלד אפילו אַנהויבען פאַלען — צוליב טעמים, וועלכע מיר וועלען נאָך בעטראַכטען.

אַגב אורחא בעמערקען מיר, אַז דאָס איז דער וויכטיגסטער כלל, לויט וועלכען ס'בעוועגט זיך דער אַרבייטס־לוין. דער מיטעלפונקט פאַר דער הויך פון אַרבייטס־לוין איז, ווי ביי אַלע אַנדערע סחורות, דער אמת'ער ווערט פון דער אַרבייטס־קראַפט. פון דעם דאָזיגען מיטעלפונקט ווייכט ער אָב אויבען־אַרויף און אונטען־אַראָב, אַדאַנק די ענדערונגען פון אָנבאָט און נאָכפראַגע. די בירגערליכע וויסענשאַפט, וועלכע האָט קיין בעגריף נישט וועגען צוזאַמענהאַנגען, וואָס זענען דאָ בעשריבען, נעמט־אָן, אַז די ענדערונגען פון אָנבאָט און נאָכפראַגע שטאַמען פון דער צאָל אַרבייטער. זענען דאָ ווייניג אַרבייטער, שטייגט דער לוין; זענען דאָ אַ סך אַרבייטער, פאַלט דער לוין. זי גיט דעריבער דעם אַרבייטער אַן עצה — צו בעגרענעצען די צאָל קינדער. דער אַזוי־גערופענער „אייזערנער לוין־געזעץ", וועלכען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַמאָל געהאַלטען פאַר ריכטיג, שטיצט זיך אויך אויף דער דאָזיגער פאַלשער הנחה. ס'איז דאָך אָבער קלאָר, אַז אַ בעדייטענדער צוּוואוקס פון דער אַרבייטער־בעפעלקערונג דורך פערגרעסערן די צאָל קינדער, וואָלט ערשט אין אַ משך פון 15 ביז 20 יאָר געקאָנט ווירקען אויפ'ן לוין. פאַקטיש ווענדט זיך דאָס וואַקעלדיגע פערהעלטניש צווישען אָנבאָט און נאָכפראַגע אויף אַרבייטער — נישט פון דער אַבסאָלוטער צאָהל פון דער אַרבייטער־בעפעלקערונג, נאָר אין דער זיך ענדערנדיגער שנעלקייט און שטאַרקייט פון דער קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע.

דעריבער קאָן טאַקע די „האַרמאָניע פון די אינטערעסען" אפילו אין די זעלטענע פאַלען, וואו זי איז כלומר'שט פאַראַן, קיינמאָל

נישט געהן זעהר ווייט. די סחורה צווישען דער גרויס פון מערווערט און דער גרויס פון ארבייטס-לוין הויבט באלד אן צו ווירקען און טויט-אב יעדען שפור פון הארמאניע. אבער אפילו אין דער דאזיגער בעגרענעצטער מאס עקזיסטירט זי נור גאנץ זעלטען. אין אויסנאמס-פאלען, נעמליך, ווי מיר האבען אויבען געזאגט, נור דעמאלט, ווען ביים ווייטערדיגען גאנג פון דער אקומולאציע ענדערן זיך נישט אלע בעדינגונגען. אלס כלל קומט דאס אבער נישט פאר. דוקא פערקערט.

II.

אהן א שטארקער אקומולאציע קאן, ווי מיר האבען געזעהן אין פריהערדיגען קאפיטעל, די לאגע פון ארבייטער קלאס נישט פערבעסערט ווערען. א שטארקע אקומולאציע איז, פערשטעהט זיך, נור מעגליך דאן, ווען ס'איז דא א סך מערווערט. בכן, קומט-פאר א שטארקע אקומולאציע נאר דאן, ווען ס'ווירקען די קרעפטען, וועלכע רופען-ארויס א פערגרעסערונג פון מערווערט. וואס זענען דאס פאר א קרעפטען? דאס זענען דורכאויס אזעלכע קרעפטען, וואס פערקלענערן דעם ארבייטס-לוין, ווארום דער מערווערט קאן נור פערגרעסערט ווערען, ווען עס ווערט פערקלענערט דער לוין, אדער ס'ווערט פערלענגערט די טעגליכע ארבייטס-צייט, אדער דער לוין ווערט אראבגעדריקט אונטער דעם ווערט פון דער ארבייטס-קראפט. אין ביידע פאלען איז קלאר, אז פערגרעסערנדיג דעם מערווערט האבען מיר פערערגערט די לאגע פון ארבייטער-קלאס. דער קאפיטאל ווענדט אפט אן ביידע מעטאדען, אבער זיין וויכטיגסטע מעטאדע צו פערגרעסערן דעם מערווערט, איז אן אנדערע.

דער טאג-ווערט פון דער ארבייטס-קראפט ענטשפרעכט דעם ווערט פון יענעם סכום עקזיסטענץ-מיטלען, וועלכע דער ארבייטער מוז פערברויכען, כדי טעגליך אונטערצוהאלטען זיין ארבייטס-קראפט. ווען די דאזיגע עקזיסטענץ-מיטלען ווערען פון זייער זייט פראדוצירט מיט וועניגער ארבייט און ווערען דורך דעם ביליגער, דאן פאלט דער ווערט פון ארבייטס-קראפט און דער מערווערט הויבט זיך אויף, אפילו ווען מ'בעצאהלט פאר דער ארבייטס-קראפט איהר

פֿולען ווערט. דעריבער האָט דער קאַפּיטאַל פֿון אָנהויב־אָן געשטרעבט צו פֿערבעסערן דעם פּראָדוציר־אופֿן. און מיט וואָס קלענערען סכום אַרבייט, שאַפֿען וואָס אַמאָל אַ קלענערען סכום פּראָדוקטען, ווי מיר האָבען דאָס אויספֿירליך אַרומגערעדט אין די פֿריהערדיגע קאַפּיטלען.

בכן, איז די פֿערגרעסערונג פֿון דער פּראָדוקטיוו־קראַפֿט פֿון דער אַרבייט דאָס וויכטיגסטע און בעסטע מיטעל צו פֿערשטאַרקען די אַקומולאַציע, דאָס הייסט, דאָס מיטעל, וואָס האָט אין די לעצטע פֿיר הונדערט יאָר געווירקט ענטשיידענד אויפֿ'ן גאַנג פֿון דער ווירטשאַפֿטס־געשיכטע. דאָרטען, וואו די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט האָט זיך נישט פֿערגרעסערט, אָדער וואו איהר וואוקס האָט זיך אויף אַ צייט אָבגעשטעלט, קאָן די אַקומולאַציע נישט זיין קיין שטאַרקע, און די לאַגע פֿון אַרבייטער־קלאַס וועט זיך נישט פֿערבעסערן, ווי דאָס וויל האָבען די טעאָריע וועגען דער האַרמאָניע פֿון די אינטערעסען".

ווען אָבער די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט פֿון דער אַרבייט ווערט גרעסער, ברענגט דאָס מיט זיך נאָך אַ צווייטע פֿאָלגע. דיזעלבע אַרבייטס־קראַפֿט פֿערברויכט אַ סך מעהר רוישטאָף און פּראָדוציר־מיטלען. ווען מיר וועלען דאָס אויסדריקען אין דער פֿאָרם פֿון אַן אַלגעמיינעם כּלל, וועט דאָס הייסען: דורך דער שנעלער אַקומולאַציע פֿערגרעסערט זיך שנעל דער קאַפּיטאַל, אָבער זיין קאָנסטאַנטער טייל וואַקסט גיכער ווי זיין וואַריאַבלער.

אָבער די נאָכפֿראַגע אויף אַרבייטער הענגט־אָב נישט פֿון קאָנסטאַנטען, נור פֿון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. דאָס, וואָס דער סכום רוישטאָפֿען, וועלכע דאַרפֿען ווערען בעאַרבייט און דער סכום מאַשינען און ווערקצייג, וועלכע דינען דערצו, פֿערגרעסערן זיך כּסדר, דאָס העלפֿט דעם אַרבייטער גאַנץ ווייניג, אויב ס'וואַקסט נישט גלייכצייטיג די צאָל אַרבייטער, וועלכע מען ברויכט צו דער אַרבייט. און די צאָל אַרבייטער וואַקסט טאַקע נישט. נאָר יעדעס יאָר בענייטיגט זיך טאַקע דער קאַפּיטאַל אין גרויסע מאַסען נייע פּראָדוציר־מיטלען, אָבער (צוליב דער פֿערגרעסערונג פֿון דער פּראָדוקטיוו־קראַפֿט) נישט אין דעמזעלבען סכום נייע אַרבייטס־קרעפֿטען.

די בירגערליכע וויסענשאַפֿט לייקענט דאָס אַלץ אָב. זי פֿער־

מאַכט די אייגענע אויף די טרוקענע פאַקטן און מאַכט בכלל קיין אונטערשייד נישט צווישן קאָנסטאַנטן און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. אין איהרע אויגן איז דער גאַנצער קאַפּיטאַל איין גלייכאַרטיגע מאַסע, און דעריבער קאָן זי מאַכן דעם דרייסטן פּועל־יוצא, אַז יעדער פאַרגרעסערונג פון קאַפּיטאַל מוז אויך פאַרגרעסערן די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער. אונזערע בעטראַכטונגען האָבן בעוויזן, אַז אין דער ווירקליכקייט קומט־פאָר יאָר עפּעס אַנדערש. מיר האָבען געזעהן, אַז דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל וואַקסט אַ סך לאַנגזאַמער ווי דער קאָנסטאַנטער, אַז דער צוזאַמענשטעל פון קאַפּיטאַל ענדערט זיך, אַז יעדעס יאָר ווערט צוגעלעגט צום קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל אַ גרעסערער טייל מערווערט, ווי צום וואַריאַבלען. דאָס בעדייט, אַז די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער קאָן נישט וואַקסן מיט דעמזעלבען טעמפּ, ווי דער וואוקס פון קאַפּיטאַל, און אַז אין דעם בלויזן וואוקס פון קאַפּיטאַל קאָן מען קיינמאָל נישט מאַכען קיין שלוס וועגן דער פאַקטישער לאַגע פון אַרבייטער־קלאַס.

ביז אַהער האָבן מיר שטענדיג אָנגענומען, אַז דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל וואַקסט — הגם נישט אַזוי שנעל, ווי דער קאָנסטאַנטער. אָבער ווען מיר בעטראַכטן די זאַך אַ ביסעל טיפער, קומען מיר צו אַזעלכע אויפקלערונגען, וועלכע מיר האָבן גאָר נישט ערוואַרט.

III.

דאָס פאַרהעלטניש צווישן קאָנסטאַנטן און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ ווייניגער גינסטיג פאַרן אַרבייטער־קלאַס. עס מוז דעריבער פריהער אָדער שפּעטער קומען דער מאָמענט, ווען די פאַרגרעסערונג פון קאַפּיטאַל וועט בכלל מעהר נישט אַרויסרופן קיין גרעסערע נאָכפראַגע אויף אַרבייטער.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ווען די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבייט וואַקסט, מוז מען אויך דעם ערשטן (אורשפּרינגליכען) קאַפּיטאַל צופּאַסן צו די נייע בעדינגונגען. אויב נישט, וואָלט נויטיג געווען, ביים בעאַרבייטן איהם, אַ גרעסערער כמות אַרבייט, ווי ס'איז געזעלשאַפטליך נויטווענדיג. און צוליב דעם

וועט מען בעקומען ווייניגער ווערט און מערהווערט. לכל-הפּחות ווען די ערשטע מאַשינען אוז אַ. וו. האָבן זיך אינגאַנצען אָבגענוצט — ס'רוב נאָך פאַר דעם — מוז מען זיי פאַרבייטען מיט מאַשינען פון אַ נייערער קאָנסטרוקציע, ד. ה. דורך פּראָדוציר-מיטלען, וועלכע פאָדערן ווייניגער אַרבייטס-קרעפטען ווי ביזאַהער. דעמאָלט ענדערט זיך שוין אויך דער צוזאַמענשטעל פון אַלטען קאַפּיטאַל און ער פּאַסט זיך צו גענוי צום צוזאַמענשטעל, וועלכער ענטשפּרעכט דער נייער פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבייט.

וואָס בעדייט דאָס אָבער, ווען מען טראָגט איבער דעם דאָזיגען טעאָרעטישען אויספיהר אויף דער פּראַקטיק? — אַז דער נייער קאַפּיטאַל, וועלכער בעקומט זיך יעדען יאָהר פון מערהווערט, פאָדערט נישט אַזויפיל נייע אַרבייטער, ווי דאָס ענטשפּרעכט זיין גרייס — און אַז אין דערזעלבער צייט בעפרייט דער אַלטער קאַפּיטאַל אַ טייל פון די פריהער בעשעפטיגטע אַרבייטער. פון איין זייט ברויכט מען וואָס אַ מאָל ווייניגער אַרבייט, פון דער אַנדער זייט ווערט וואָס אַ מאָל אַ גרעסערע צאָהל אַרבייטער איבריג. עס ענטשטעהט אַ מאַסען-אַרבייטסלאָזיגקייט, די „אינדוסטריעלע רעזערוו-אַרמעע", וועגען וועלכער מיר וועלען נאָך האָבען צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער.

דאָס ווייזט אונז די טעאָרעטישע בעטראַכטונג. אָבער אפשר האָבען מיר די פאַרבען אַביסעל צו געדיכט געמאַכט? אפשר איז די ווירקליכקייט נישט אַזוי שלעכט?

צום בעדויערן איז גענוג צו וואַרפען אַ בליק אויפ'ן פּראַקטישען לעבען, כדי זיך צו איבערצייגען, אַז די דאָזיגע טעאָריע דעקט נור אויף די אינוועניגסטע צוזאַמענהאַנגען פון דעם, וואָס קומט פאַקטיש פאָר אין דער פּראַקטיק. די אינדוסטריעלע אַרמעע איז אַ טרויעריגע וואָרהייט. זינט דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס-אָרדען האָט זיך דורך איינפיהרען די מאַשין גוואַלטיג פונאַנדערגעבליהט, איז די מאַסען-אַרבייטסלאָזיגקייט געוואָרען אַ כלל. אמת, אַרבייטסלאָזיגקייט פלעגט מען אויך פריהער בעגעגענען, צייטענווייז אפילו אַ גאַנץ בעדייטענדע. אָבער דאָס זענען געווען אויסנאַמען, רעזולטאַטען פון מלחמות, מגפות, שלעכטע גערעטענישען און נאָך אַזעלכע זאַכען. די אַרבייטסלאָזיגקייט פלעגט דעמאָלט זיין

אַ סימן פֿון דעזאָרגאַניזאַציע אין דער געזעלשאַפֿט. היינט, אונטער דער ממשלה פֿון קאַפּיטאַליזם, בעגעגענט איהר שטענדיג צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטסלאָזע. דהיינט איז די מאַסען־אַרבייטסלאָזיגקייט אַן אָרגאַנישע ערשיינונג, וועלכע בעגלייט בסדר די פּראָדוקציע ביי איהר נאָרמאַלען גאַנג. דער דאָזיגער פֿאַקט פֿון דער פּראַקטיק איז, ווי ס'ווייזט אונזער טעאָרעטישע בעטראַכטונג, אַ נויטווענדיגער אונפֿערמיידליכער רעזולטאַט פֿון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוציר־אופֿן.

IV.

די אַרבייטסלאָזיגקייט איז נישט נור אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, נישט נור זי מוז פֿריהער אָדער שפּעטער אָנקומען דאָרטען, וואו עס ווערט פּראָדוצירט אויפֿ'ן קאַפּיטאַליסטישען שטייגער; אונזער ווייטערדיגע בעטראַכטונג וועט ווייזען, אַז דער קאַפּיטאַל מאַכט אַ גלענצענדען געשעפֿט ביי דער דאָזיגער טרויעריגער ערשיינונג. מיר האָבען שוין פֿריהער געזעהן, ווי ווייט דער שטאַרקער אָנבאָט מצד די אַרבייטסלאָזע דריקט־אַראָב דעם לוין פֿון די בעשעפֿטיגטע אַרבייטער. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז דורך דעם ווערט די וואַקסענדיגע „איבערבעפֿעלקערונג" פֿון איהר זייט אַ מיטעל צו פֿערשטאַרקען די אַקומולאַציע. וואָרום וואָס קלענער ס'איז דער לוין (פֿון גאַנצען אַרבייטער־קלאַס), אַלץ גרעסער איז דער מעהרווערט (פֿון גאַנצען קלאַס קאַפּיטאַליסטען); און וואָס גרעסער ס'איז דער מעהרווערט, אַלץ שטאַרקער איז די אַקומולאַציע, וועלכע פֿערגרעסערט נאָכמעהר די בעשריבענע שלעכטע רעזולטאַטען. צו דעם קומט אָבער נאָך צו אַן אַנדער זאַך.

ביי דעם ווייטערדיגען גאַנג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע קומט פֿון צייט צו צייט פֿאָר אַ פּלוצלונגע, שטיכאַרטיגע נויטווענדיגקייט צו פֿערגרעסערן דעם קאַפּיטאַל. אין דער ווירטשאַפֿטס־געשיכטע פֿון 19. יאָהרהונדערט געפֿינען מיר זעהר אַ וויכטיגען ביישפּיל. מיר דערמאָנען זיך, ווי אַזוי די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט איז כסדר געשטיגען, ווי מען האָט וואָס אַמאָל מעהר פּראָדוצירט

נײַע אַרטיקלען, און זייער צאָהל איז געוואַקסען וואָס אַמאָל גרעסער. ס'איז אָבער נאָך ווייניג פּראָדוקטען צו שאַפען; זיי מוזען אויך פערקויפט ווערען. אָבער די קויף־קראַפט פון דעם רוב בעפעלקערונג, פון די ברייטע אַרבייטענדע מאַסען, ווערט דורך דעם דאָזיגען גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט לגמרי נישט אונטערגעשטיצט. דעריבער איז דער קאַפּיטאַל געצוואונגען כסדר צו זוכען נײַע מיטלען, ווי אַזוי אָבצוזעצען די געשאַפענע פּראָדוקטען. אַחוץ דעם פאָדערט נאָך די פּראָדוקציע, אַז מען זאָל וואָס שנעלער און וואָס אין אַ גיכערער מאָס פערשאַפען רוי־שטאָפען און פּראָדוציר־מיטלען. מיט איין וואָרט: מ'האָט געמוזט שאַפען גאָר אַ נײַעם מין טראַנספּאָרט און פערקער. ווי מיר ווייסען, האָט מען דאָס דערגרייכט, אײַנפיהרענדיג דאַמפּשיפען, אײַזענבאַהנען און טעלעגראַפען. ס'איז קלאָר, אַז אָהן די דאָזיגע מיטלען וואָלט דער אָבזאַץ פון די מאַסען־אַרטיקלען געווען אונמעגליך. אָהן דעם וואָלט אויך געווען אונמעגליך ווייטער צו ענטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע; זי וואָלט, אַזוי צו זאָגען, געמוזט דערשטיקט ווערען אין איהר אייגענעם איבערפלוס. און די נײַע טראַנספּאָרט־מיטלען האָבען טאַקע געמוזט געשאַפען ווערען וואָס שנעלער, דאָס הייסט אין אַ משך פון 20—30 יאָהר.

איצט בעקלערט נאָר, וואָס דאָס בעדייט. גאַנץ נײַע אינדוסטריען האָבען געדאַרפט געשאַפען ווערען ווי פון דער ערד אַרויס. כדי צו בויען לאָקאָמאָטיוען, מאַשינען, וואַגאָנעס, דאַמפּשיפען פון גאָר אַ נײַער קאָנסטרוקציע, האָט מען פריהער געמוזט אַוועקשטעלען אַ גרויסע צאָהל נײַע פאַבריקען. וואָס האָבען פון זייער זייט געבראַכט דערצו, אַז ס'האָט זיך פערגרעסערט דער פערברויך פון קוילען, אײַזען, האָלץ א. אַז. וו. ווייטער האָט מען געמוזט בויען באַהנען, סטאַציעס, מאַגאַזינען פאַר סחורות א. אַז. וו., נײַע שאָסייען און קאַנאַלען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו די באַהנען. ענדליך האָט מען געמוזט שאַפען אַ גוואַלטיגען אַרמיי פאַר די נײַע פערקערס־מיטלען, וועלכער האָט אויפ'ן וואַסער, אויף דער יבשה, אינווייניג אין לאַנד און אין די האַפען־שטעט גענויטיגט זיך אין אַ גרויסען סכום אַרבייטס־קרעפטען. דאָס אַלץ האָט מען

נעמוט שאפען, אויסצוזאגען, איבער נאכט. פריהער פלעגט אריבער-געהן גאנצע דורות, ביז וואנען ס'פלעגט געשאפען און ענטוויקעלט ווערען א"ן נייער פראדוקציר-צווייג. איצט איז פארן קאפיטאל געווארען א פראגע פון לעבען אדער טויט צו שאפען א גאנצע רייה נייע פראדוקציר-צווייגען אין משך פון א האלבען דור. מען וואנען וואלט ער געקראגען די מאסען מענשען, אין וועלכע ער האט זיך גענויטיגט, ווען ס'וואלט נישט געשטאנען אין זיין רשות די גרויסע מאסע ארבייטסלאזע? דאס ווייזט, ווי ווייט נאאיוו ס'איז די הנחה פון דער בירגערליכער וויסענשאפט, אז דער קאפיטאל מיט זיינע ריזען-אונטערנעהמונגען קריכט מיט דעמזעלבען גאנג, ווי די נאטירליכע פאלקס-פערמעהרונג! ניין, די ארבייטסלאזע בילדען די גרויסע ארמעע, אין וועלכער דער קאפיטאל געפינט צו יעדער צייט די רעזערוון, אין וועלכע ער נויטיגט זיך, ווען איהם קומט-אויס פון צייט צו צייט פלוצלונג צו פערברייטערן די פראדוקציע. אין דעם ליגט דער זין פון דעם אויסדרוק „אינדוסטריעלע רעזערוו-ארמעע", וועלכע מארקס האט געשאפען פאר דער מאסען-ארבייטסלאזיגקייט. מיר קומען בכן נאכאמאל צו דעם אויספיהר: די מעגליכקייט פלוצלונג צו פערברייטערן די פראדוקציע, איז איינע פון די לעבענס-בעדינגונגען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע, אהן וועלכער די דאזיגע פראדוקציע וואלט נישט געקאנט עקזיסטירען; פון דעם איז געדרונגען, אז די מאסען-ארבייטסלאזיגקייט, די „אינדוסטריעלע רעזערוו-ארמעע", איז נישט נור זי ענטשטעהט נויטווענדיג דורך דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע, נאר זי איז אויך איינע פון די יסודות, אויף וועלכע ס'קאן בכלל געשאפען ווערען דער רייכטום פון קאפיטאל.

וואס בעדייט אבער א שטענדיגע און זיך כסדר איבער-חזר'נדיגע מאסען-ארבייטסלאזיגקייט פארן ארבייטער-קלאס?

V.

מיר האבען שוין געזעהן, אז די קאפיטאליסטישע פראדוקציע שאפט ביי איהר נאטירליכען כסדר'דיגען גאנג מאסען ארבייטסלאזיגקייט; אז אהן די מאסען ארבייטסלאזע קאן זי נישט עקזיס-

שירען און זיך ענטוויקלען. מיט אַנדערע ווערטער: ווען ס'זאָלט נישט געווען קיין גרויסע צאָהל אַרבייטסלאָזע, וואָלט דער רייכטום, וועלכען מיר טרעפען־אָן ביי דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין דער איצטיגער פאָרם און מאַכט, נישט געקאָנט געשאַפען ווערען.

די אַרבייטסלאָזיגקייט איז אַ גורל, וועלכען יעדער אַרבייטער קומט־אויס צו פּערזוכען איין מאָל אָדער אַ סך מאָל אין משך פון זיין לעבען. אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט איהר היינט קיים נאָך געפינען אַן אַרבייטער, וועלכער איז, ווענינגסטענס צייטווייליג, נישט געווען אַרבייטסלאָז. דעריבער ווייס יעדערער, וואָס זי בעדייט: הונגער, קעלט, היימלאָזיגקייט א. אַז. וו. און די, וואָס זענען נור צייטווייליג אַרבייטסלאָז, קאָנען זיך נאָך שעצען גליקליך. צווישען אַרבייטער געפינט איהר נישט ווייניג אַזעלכע, פאַר וועמען די אַרבייטסלאָזיגקייט איז ווי אַ מין בעשערטע זאַך, וועלכע איז פאַר זיי בעשטימט געוואָרען פון אָנהויב־אָן.

צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע געהערען, למשל, געוויסע גרופּען יוגענטליכע אַרבייטער. ס'זענען דאָ פּאַלען, אין וועלכע איהר בעגעגענט נור יוגענדליכע, ווייל פאַר דערוואַקסענע איז דער לוין צו קליין. שיק־יונגלעך און הילפס־אַרבייטער ביי דערוואַקסענע זענען ס'רוב 14—18־יעהריגע. אַגב געהערען צו זיי אויך אַ סך אַזעלכע, וועלכע מ'האָט כלומרשט צוגענומען אַלס לעהר־יונגלעך. ווען זיי ווערען עלטער, זאָגט מען זיי אָב און מ'נעמט ווידער צו יונגוואַרג, וואָס זענען אָקאָרשט אַרויס פון דער שול. די אָבגעזאָגטע ווערען דערטרונקען אין גרויסען שטראָם פון אַרבייטסלאָזע, וועלכע בעקומט אויף אַזאַ אופן אַלע יאָהר אַ נייעם צופלוס. איינעם גיט זיך איין צו בעקומען אַרבייט, דעם אַנדערען נישט; איינער האָט גליק און געפינט אַ שטעל אויף אַ גאַנצער רייה יאָהרען, דעם אַנדערען וואַרפט מען אַרויס אויפ'ן גאַס אַלע פּאָר וואָכען, און נאָך אַ קורצער צייט פון פולער בעשעפטיגונג, בלייבט ער שטענדיג אָדער האַלב בעשעפטיגט אָדער אינגאַנצען אַרבייטסלאָז.

צו די יוגענדליכע קומען נאָך צו די „צו־אַלטע". מען האָט בערעכענט, אַז אין געוויסע פאַכען דערגרייכט דער אַרבייטער דורכשניטליך 37 יאָהר. ווען מען זאָל אַפילו נישט אַזוי ווייט גע־

איז דאָך קיין ספק נישט, אַז ביי היינטיגען טאָג ווערט די אַרבייטס־קראַפט פון אַרבייטער צו 45 יאָהר אינגאַנצען אָבגענוצט. ווען ער איז שוין אַריבער דעם דאָזיגען עלטער, איז זיין פעהיגקייט צו דער אַרבייט שוין נישט קיין פולע און דער קאַפּיטאַל זעהט פון איהם פּטור צו ווערען. נאָך גאַר נישט לאַנג האָט מען געקאָנט בעגעגענען אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבען שטעלעס אויפ'ן גאַנצען לעבען. איצט קלינגט דאָס שוין ווי אַ מעשה פון אַלטע צייטען. די גאַנצע היימאַרבייט מיט אַלע איהרע פלוגען איז דאָך סוף־כל־סוף גאָר אַן עיר־מקלט פאַר אַרבייטסלאָזע.

ווען מיר וועלען צו דעם צורעכענען די קרבנות פון דער אינדוסטריע, די פערקריפּעלטע, די קראַנקע, די אַלמנות, די יתומים, וועלען מיר פאַר זיך האָבען די הויפּט־עלעמענטען, וועלכע פילען אָן די אַרמעע פון די אַרבייטסלאָזע.

בכן, האָבען מיר פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז כמעט יעדער אַרבייטער איז צייטווייליג אין זיין לעבען אַרבייטסלאָז. וועגען אַ גרויסער צאָהל אַרבייטער קאָן מען אפילו זאָגען דעם היפּך, אַז זיי אַרבייטען צייטווייליג, ס'רוב זענען זיי בכלל אַרבייטסלאָז. אַחוץ דעם איז נאָך דאָ אַ גרויסע צאָהל, וועלכע איז שטענדיג אַרבייטסלאָז און דערהאַלטען זיך ביים לעבען דורך צופעליגע אַרבייטען, היימאַרבייט, ענדליך דורך בעטלעריי און גנבה.

בעטלען און גנב'ענען! — אָט דאָס איז דער לעצטער פונקט צו וועלכען דאָס מוז קומען. ווען יאָהר־איין, יאָהר־אויס וועט אַזאַ גרויסע מאַסע מענשען אַרבייטסלאָז, ווען זיי האָבען נישט מיט וואָס שטילען זייער הונגער, צו פערדעקען זייער נאַקעטקייט, צו זעטיגען און אָנוואַרעמען זייערע קינדער, און בעזונדערס, ווען זיי האָבען זיך אָבגעוואוינט פון רעגעלמעסיגער אַרבייט, מוז דאָך קומען דערצו, אַז וועניגסטענס אַ טייל פון זיי זאָל ביסלעכווייז פערלירען די פעהיגקייט צו אַרבייטען און אַראָבלאָזען זיך אויף דער נידריגסטער מדרגה, וועלכע דריקט זיך אויס אין בעטלעריי און פערברעכען.

פריהער האָבען מיר געזעהן, אַז די אַרבייטסלאָזיגקייט איז אַ

נויטווענדיגער פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. איצט זעהען מיר, אַז די מאַשינען־אַרבייטסלאָזיגקייט איז ווייניגסטענס פאַר אַ טייל פון איהרע קרבנות אַ מקור פון פולשטענדיגער ירידה, פון דעם דרינגט־אַרויס קלאָר און דייטליך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע מוז לכל הפּחות אַ טייל פון אַרבייטער־קלאַס ברענגען צו אַ פולשטענדיגען עלענד.

דעם צווייטען טייל מענשען ברענגט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע רייכטום און איבערפלוס. און ווען מיר בעקלערען, אַז דער דאָזיגער רייכטום קאָן נור געשאַפען ווערען דורך דעם, וואָס אַנדערע ווערען אַריינגעשטויסען אין אַרבייטסלאָזיגקייט און עלענד, ענטפלעקט זיך פאַר אונז דער צוזאַמענהאַנג. די ענגע געגענזייטיגע בעציהונג צווישען רייכטום און אָרעמקייט.